ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה

ספר

# מדרש חכמים
# סדר בראשית

אידיש

**430**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשמ"ו לפ"ק

בעזרת השם יתברך

# ספר
# מדרש חכמים
## על התורה
## סדר בראשית

דאס האבן מיר מעתיק געווען פון הייליגע ספרים און טייערע פירושים על התורה, אלשיך הקדוש, אור פני משה, נחל קדומים, אור החיים, כלי יקר, אור הגנוז.
מיר צייגן מיט דעם דאס אלעם וואס געפינט זיך אין די ספרי מוסר, געפינט זיך דאס אלעם אין די הייליגע תורה, דאס וועט דער קוויקען אלע מענטשען וואס וועלן דאס לערנען, צו וויסן פון דעם ווי יעדער יוד זאל זיך נוהג זיין אין אלע זאכען, ער זאל זוכה זיין לעולם הבא.

נעתק ממני יונה דוד ראבינאוויץ מסעמיאטיין.

בהוצאות בית מסחר הספרים של יעקב הכהן גינזבורג באברויסק

❖

**הוצאת אמונה**
ברוקלין נוא יארק, שנת תשמ״ו לפ״ק

**א בראשית** וגו׳ זאגט דער תרגום ירושלמי אויף דעם ווארט בראשית. בחוכמא. מיט קלוגשאפט. דארף מען פארשטיין וואס מיינט דער תרגום. נאר עס שטייט אין (תהלים קי״א י׳) ראשית חכמה יראת ה׳ וגו׳ איז דער טייטש אזוי. ווען דער מענטש וויל קלערין אין דיא חכמה פון דיא וועלט אין וויל באקלערין ווער עס האט גימאכט דעם אנהייב פון דיא וועלט. דארף דער מענטש צוא האבען אין זיך יראת ה׳ גאטס פורכט. ער זאל וויסען אז עס איז דא איין גאט אויף דיא וועלט. מען דארף פאר איהם מורא האבען. ווארום ער האט דיא וועלט מיט אלע ברואים אין איהר בשאפען. אונ ער איז דיא וועלט מקיים אלע רגע. אונ ווען ער וואלט אפגעטוען זיין השגחה פון דיא וועלט אויף איין רגע חלילה וואלט זיא חרוב גיווארין. דאס מיינט דער תרגום ירושלמי צוא טייטשען דעם פסוק בראשית אזוי. אין אנהייב ווען דער מענטש וויל קלערין אין חכמת הטבע אין קלוגשאפט פון נאטור פון דיא וועלט. דארף ער דאס ערשטע האבען אמונה אז ברא אלהים את השמים ואת הארץ. אז אלע באשעפעניש פון הימעל אונ פון דער ערד האט אלץ גאט בשאפען. אונ אז דער מענטש וועט נאר האבען דאס אין זיין גידאנק וועט ער שוין ניט אראפ געהן פון רעכטין וועג. אונ וועט ניט צו הערין דיא דיעות פון דיא חכמי יונים:

אין נאך קען מען טייטשען. בראשית וגו׳ אז דער מענטש וויל קלערין אין דיא נאטור פון דיא וועלט. דארף ער יעדערע זאך ערקלערין דעם אנהייב פון איהר. למשל דער מענטש אליין זאל זיך באקלערין ווער עס האט איהם געבארען. וועט ער זאגען זיינע עלטערין. אונ ווער האט זיינע עלטערין געבארען. זייערע עלטערין. ביז אדם הראשון. ועהט דאך דער מענטש דאס פון זיך זעלבסט ווערט מען ניט געבארען. ווער דען האט גימאכט אדם הראשון. מוז מען דאך זאגען אז גאט האט איהם באשאפען. אונ אזוי אויך אלע ברואים אין אלע זאכען. זעהט מען אז זייא האבין איבער זיך איין זאך וואס דיא זאך איז דער אנהייב פון זייא. אונ ווער האט דעם ערשטין אנהייב גימאכט. מוז מען זאגען אז ברא אלהים וגו׳ אז גאט האט אלם באשאפען:

**בראשית** וגו׳ דער מדרש זאגט. בזכות מעשר שנקרא ראשית דכתיב. אין זכות פון דיא מצוה פון מעשר וואס ווערט גרופען ראשית. דאס ערשטע פון דיא תבואה וואס מען גיט איהר צוא דעם לוי. נברא העולם איז דיא וועלט בשאפען גיווארין. איז דאך דיא קשיא. פאר וואס ניט פון זכות פון תרומה וואס ווערט אויך גירופען ראשית. אונ עס איז דא נאך מצות וואס ווערין גרופען ראשית. איז דער תירוץ אזוי. מעשר איז איין מאס תבואה פון צעהן מאס זאל מען געבין צום לוי. איז דער דין אין דיא גמרא אז הן איין עני הן איין עשיר. הן איין קארגער. הן איין מילדער וועגין גלייך. מען טאר ניט געבין מער ווייא פון צעהן איינס. אונ ביי תרומה איז דער דין. אז איין מילדער מענטש גיט תרומה צום כהן איין מאס תבואה פון פערציג מאס. אונ איין קארגער מענטש גיט איין מאס פון זעכציג מאס. אונ איין מיטילער מענטש גיט איין מאס פון פופציג. איז דאך ניששט אלע גלייך. אויך אנדערע מצות איז אחילוק. ווען דער מענטש טוט דיא מצוה נאר לשם שמים. ווייל גאט האט אזוויא גיהייסען. איז זיין שכר זעהר פיל. אבער דער מענטש וואס טוט דיא מצוה ניט לשם שמים אליין. נאר ער מיינט פון זיין הנאה וועגין אויך. למשל זיינע קינדער זאלין לעבען. אבער צוא האבען אסאך פאר מעגין. איז שוין זיין שכר ניט אזוי פיל. איז דאך דער שכר פון

אנדערע

אנדערע מצות נישט גלייך ביא אלע מענטשין. אבער ביא מעשר שטייט אין פסוק עשר תעשר זאגט די גמרא עשר בשביל שתתעשר. גיב מעשר פון וועגין דעם וועסטו זיין רייך זעהט מען דאך אז ביא מעשר קאן דער מענטש האבען אין זינען נאר פאר זיך אליין דאס ער זאל זיין איין עשיר. אונ פון דעסט וועגין גיעמט ער אויך פיל שכר פאר די מצוה. איז דאך דער שכר פון די מצוה מעשר ביא אלע גלייך. אין דאס טוען פון איהר איז אויך ביא אלע גלייך. אין דער השית האט גיוואלט בשאפען די וועלט פון אלע מענטשין וועגין גלייך. האט ער נאר געפונען דעם זכות פון מעשר וואס ווערט גרופען ראשית. אין דער שיעור פון איהר. אונ אויך דער שכר פון איהר איז ביא אלע מענטשין גלייך: אין דאס איז אויך די תורה מרמז אין סוף מיט די ווערטער לעיני כל ישראל. איז דער רמז אזוי. בראשית פון וועגין דעם זכות פון די מצוה וואס ווערט גרופען ראשית. וואס זיא איז לעיני כל ישראל. אלע יודין זענין אין די מצוה גלייך דאס איז מעשר ברא וגו' האט גאט אלס בשאפען: אין דאס מיינט די גמרא. בשעה שברא את העולם. ווען גאט האט בשאפען די וועלט הי' מרחיב והולך וגו'. האט די וועלט זיך פאר ברייטערט אונ האט גיוואלט געהן ווייטער עד שגער וגו' ביז גאט האט אנגעשריגען והעמידו. איז זיא געבליבען שטיין. והיינו דכתיב אין דאס מיינט דער פסוק. אני אל שדי. שאמרתי לעולמי די. איך גאט ווער גרופען מיט דעם נאמען שדי. ווארום שדי איז טייטש עס איז גענוג. (די איז טייטש גענוג אין די ש' איז אויף דעם ארט פון אשר איז שדי גלייך וויא אשר־די דאס עס איז גענוג) איך גאט האב גיזאגט צוא די וועלט עס איז גענוג. איז דאך קשה פאר וואס האט עס גיוואלט די וועלט זיך מער פאר ברייטערין ביז גאט האט אויף איהר איין גישריי געטוהן אונ געזאגט אז עס איז שוין גענוג. נאר די זאך איז אזוי. ביא די מצוה פון מעשר שטייט אין פסוק (מלאכי ג' י') והריקותי לכם ברכה עד בלי די זאגט די גמרא דעם פשט אזוי. גאט זאגט. איך וועל אייך געבין פאר די מצוה מעשר אזוי פיל ברכה אין אייערע אוצרות ביז איהר וועט שרייען אונ זאגען עס איז שוין גענוג. מיט דעם איז שוין רעכט. ווארום די וועלט איז דאך בשאפען גיווארין וועגין די מצוה מעשר. אין דער זכות פון מעשר איז דאך גורם אזוי פיל ברכה ביז מען מוז זאגען עס איז שוין גענוג. האט די וועלט זיך אויך גיוואלט פאר ברייטערין אונ גרעסערין ביז גאט האט געכוזט זאגען עס איז שוין גענוג: בראשית וגו' דער מדרש זאגט אז דער פשט פון פסוק איז אזוי. בראשית פון וועגין די ישראל וואס גאט רופט זייא ראשית אונ פון וועגין די תורה וואס ווערט גרופען ראשית ברא אלהים וגו' האט גאט אלס בשאפען. דאס ווייזט אז די גאנצע וועלט מיט אלע ברואים איז נאר וועגין די ישראל. אונ נאר וועגין דעם דאס זייא זאלין לערנין די תורה. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אם לא בריתי יומם ולילה ווען נישט מיין תורה וואס די ישראל לערנין טאג אונ נאכט חקות שמים וארץ לא שמתי וואלט איך די הימעל מיט די ערד נית גימאכט. די תורה איז ביא גאט גיוועזין פריער וויא די וועלט איז בשאפען גיווארין. אונ גאט האט איהר גיפרעגט צו ער זאל בשאפען די וועלט האט זיא איהם געהייסען בשאפען. פון וועגין די ישראל זאלין זיא לערנין. אונ מיט דעם וואס זייא לערנין די תורה וועלין זייא נעמין זייער שכר בעולם הבא מיט דעם דין. אונ אויך מיט דעם זענין זייא מחיה אלע עולמות. אין אלע עולמות נעמין שכר מיט דעם דין אזוי וויא מיר וועלין ווייטער שרייבען אין פסוק נעשה אדם. אונ די מענטשין וואס

לערנין

לֶערְנֶען דִיא תּוֹרָה וֶוערֶען גֶערוּפֶען אִין פָּסוּק (שמואל א׳ ב׳) מצוקי ארץ דִיא פֶעסְטִיגֶען פוּן דִיא וֶועלְט וָואס אוֹיף זַייא שְׁטֵייט דִיא וֶועלְט. אוּנ וֶוענֶען דֶעם שְׁטֵייט אִיז פָּסוּק בַּייא דֶעם עֶרְשְׁטֶען טָאג פוּן בְּרִיאַת הָעוֹלָם יום אחד. בַּייא דֶעם אַנְדֶערֶען טָאג שְׁטֵייט יום שני. אוּנ אַזוֹי בַּייא אַלֶע טֶאג שְׁטֵייט נִישְׁט מִיט אֵיין ה׳. עֶס שְׁטֵייט נִישְׁט יום האחד. השני. אוּנ בַּייא דֶעם זֶעקְסְטֶען טָאג שְׁטֵייט יום הששי מִיט אֵיין ה׳ צוּ וַוייזֶען אַז פוּן ווֶעגֶען דִיא תּוֹרָה וָואס זִיא אִיז פִינְף חֲלָקִים (ה׳ אִיז פִינְף) וָואס זִיא אִיז גִיגֶעבֶּען גִיוָוארֶען צוּא דִיא יִשְׂרָאֵל אִין זֶעקְסְטֶען טָאג פוּן חוֹדֶשׁ סִיוָן. אִיז גָאט מְקַיֵים דִיא וֶועלְט אִין דֶעם שְׂכַר וָואס מֶען לֶערִינְט דִיא תּוֹרָה אִיז גָאר אַן אַשִׁיעוּר אַז אוֹיף דִיא גַאנְצֶע עוֹלָם הַזֶה אִיז גָאר נִישְׁט דָא אַזוֹיא אַשְׂכַר צוּ גֶעבִּין. נָאר גָאט וֶועט גֶעבִּין צוּא דִיא לוֹמְדֵי תּוֹרָה זַייעֶר שְׂכַר בָּעוֹלָם הַבָּא. וָוארוּם דִיא גַאנְצֶע וֶועלְט מִיט אַלֶע אִיהְרֶע תַּעֲנוּגִים אִיז גָאר נִיט חָשׁוּב גֶעגִין דֶעם שְׂכַר וָואס עֶס קוּמְט דִיא לוֹמְדֵי תּוֹרָה. אִיבֶּער דֶעם אִיז זַייעֶר שְׂכַר צָפוּן לְעוֹלָם הַבָּא. אַזוֹי וִויא אִין מִדְרָשׁ שְׁטֵייט וֶוען ר׳ אבירו אִיז נִפְטַר גִיוָוארֶען הָאט מֶען אִיהם גִיוִויזֶען דְרַייצֶען טַייכֶען פוּן טַייעֶרֶען בּוֹימֶעל פוּן זַיינֶעט וֶועגִין הָאט עֶר גִיזָאגְט צוּא זַיינֶע תַּלְמִידִים אִיהר זַייט גְלִיקְלִיךְ וָואס אִיהר לֶערִינְט דִיא תּוֹרָה. פְרֶעגִין אִיהם דִיא תַּלְמִידִים וָואס הָאסְטוּ זֶעלְבֶּעס גִיזֶעהֶן. הָאט עֶר זֵייא גִיזָאגְט אִיךְ הָאבּ גִימֵיינְט אַז מַיין תּוֹרָה וָואס אִיךְ הָאבּ מַיין גַאנְץ לֶעבִּין אִין אִיהר עוֹסֵק גִיוֶועזֶען אִיז גָאר אוּמְזָאנְסְט יֶעצְט הָאבּ אִיךְ גִיזֶעהֶן אַז פוּן מַיינֶעט וֶועגִין אִיז אָנְגֶעבְּרֵייט דְרַייצֶען טַייכֶען פוּן טַייעֶרִין בּוֹימֶעל. דָאס אִיז אַמָשָׁל צוּא אֵיין קִינְד וֶוען עֶר זֶעצְט זִיךְ מִיט זַיין פָאטֶער בַּייא דֶעם טִישׁ עֶסִין אוּנ וֶוען דָאס קִינְד אִיז הוּנְגֶערִיג. אוּנ בַּייא דֶעם טִישׁ לִיגְט נָאר דָאס בְּרוֹיט. אוּנ דִיא גוּטֶע שְׁפֵּייזֶען הָאט מֶען נָאךְ נִיט גִיגֶעבִּין. אוּנ דָאס קִינְד הָאט אָבֶּער נִישְׁט קֵיין שֵׂכֶל. ווִיל עֶר נֶעמִין עֶסִין פִיל בְּרוֹיט זִיךְ צוּא זַעטִיגֶען. אָבֶּער דֶער טְרֵייעֶר פָאטֶער לָאזְט אִיהם נִישְׁט אַן עֶסִין זִיךְ מִיט דֶעם בְּרוֹיט. פוּן וֶועגִין עֶר זָאל בֶּעסִיר הֲנָאָה הָאבִּין פוּן דִיא גוּטֶע מַאֲכָלִים וָואס מֶען וֶועט אַבִּיסִיל שְׁפֶּעטֶער גֶעבִּין צוּם טִישׁ. אַזוֹי אוֹיךְ דֶער מֶענְשׁ וָואס עֶר אִיז עוֹסֵק אִין דִיא תּוֹרָה דַארְף עֶר נִישְׁט זָארְגִין וָואס עֶר הָאט דַּחֲקוּת אוֹיף דִיא וֶועלְט. וָוארוּם עֶס אִיז בֶּעסֶר עֶר זָאל אַבִּיסִיל לַיידִין הוּנְגֶער בָּעוֹלָם הַזֶה וֶועט עֶר דָאךְ הָאבִּין מֶער הֲנָאָה פוּן דֶעם שְׂכַר וָואס מֶען וֶועט אִיהם גֶעבִּין בָּעוֹלָם הַבָּא:

ברא אלהים. רש״י שְׁרַייבְּט פַר וָואס שְׁטֵייט נִישְׁט בָּרָא ה׳. נָאר דָאס וַוייזְט שבתחלה עלה במחשבה לבראו במדת הדין. צוּם אָנְהֵייבּ הָאט גָאט גִיוָואלְט בַּשַׁאפִין דִיא וֶועלְט אוֹיף אַזוֹי אֵיין אוֹפֶן עֶר זָאל דִי בְּרוּאִים נָאר פִירֶן מִיט דֶעם מִדַּת הַדִין אִיבֶּר דֶעם שְׁטֵייט בְּרֵאשִׁית בָּרָא אֱלֹהִים צוּם אָנְהֵייבּ הָאט גָאט בַּשַׁאפֶען מִיט דֶעם מִדַּת הַדִין וָואס דָאס וֶוערְט גֶערוּפֶען אֱלֹהִים. ראה שאין העולם מתקיים הָאט אָבֶּער גָאט גִיזֶעהֶן אַז וֶוען עֶר זָאל נָאר דִיא וֶועלְט פִירֶן מִיט מִדַּת הַדִין וֶועט דִיא וֶועלְט נִישְׁט הָאבֶּען קֵיין קִיוּם והקדים מדת הרחמים ושתפה למדה״ד. הָאט גָאט אִין דֶעם אַנְדֶערִין פָּסוּק גִישְׁטֶעלְט פְרִיעֶר דֶעם נָאמֶען ה׳ וָואס דָאס וַוייזְט אוֹיף מִדַּת הָרַחֲמִים אוּנ דֶער נָאךְ דֶעם נָאמֶען אֱלֹהִים מִדַּת הַדִין. דֶער פָּסוּק וַוייזְט אַז מִיר מֶענְשִׁין דַארְפִין זִיךְ אוֹיךְ אַזוֹי פִירֶען אֵיינֶער מִיט דֶעם אַנְדֶערִין מִיט רַחֲמִים. עֶר זָאל אוֹיף דֶעם אַנְדֶערִין הָאבֶּען רַחֲמָנוּת. נָאר וֶוען דֶער אַנְדֶערֶער אִיז אֵיין רָשָׁע מֶעג קֶען מִיט אִיהם נִיט אוֹיס פִירֶען מִיט גוּטִין דַאמָאלְס מֶעג מֶען זִיךְ מִיט אִים רֶעכְנֶען מִיט דֶעם דִין:

(ג) ויאמר אלהים יהי אור. אִין פָּסוּק (משלי ו כג) שְׁטֵייט וְתוֹרָה אוֹר. דִי תּוֹרָה אִיז אֵיין לֶעבְּטִיקֵייט צוּם מֶענְשׁ. דָאס זָאגְט דָא דֶער פָּסוּק. גָאט הָאט גִיזָאגְט עֶס זָאל זַיין לִיכְטִיג

דאס

דָאס מַיינְט מֶען דִי תּוֹרָה שֶׁבִּכְתָב. ויהי אור אוּנ עֶס אִיז אוֹיךְ גְוָוארִין דִיא תּוֹרָה שֶׁבְּעַל פֶּה: (כו) ויאמר אלהים נעשה אדם וגו׳ גָאט זָאגְט לָאזִין מִיר מַאכֶען אֵיין מֶענְשׁ. בַּארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין דָאס וָואס עֶס שְׁטֵייט נַעֲשֶׂה לָאזְעֶן מִיר מַאכֶען. דָאס זָאגְט דָאךְ גָאט הָאט דָאךְ גִיבַּארְפְט צוּ שְׁטֵיין אֶעֱשֶׂה אָדָם אִיךְ גָאט וִויל מַאכִין אֵיין מֶענְשׁ? אוֹיךְ בַּארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין וֶועגִין וָואס הָאט גָאט בַּשַׁאפֶען דֶעם מֶענְשׁ. מִיר זֶעהְן דָאךְ פִיל מֶענְטְשִׁין דָס זַייא וָואלְטִין בֶּעסֶער וֶועלִין נִישְׁט זַיין גִיבָּארִין. אוּנ דָאס וֵוייסִין מִיר אַז גָאט אִיז אֵיין גוּטֶער. הָאט עֶר גֶעווִיס נִישְׁט בַּשַׁאפֶען דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן וֶועגֶען עֶר זָאל הָאבִין אוֹיף דֶער וֶועלְט יָגוֹן וַאֲנָחָה פוּן דַאֲגַת הַפַּרְנָסָה. אוּנ מֶען זָאל זָאגִין אַז דָאס בַּשֶׁעפִינְג אִיז וֶועגִין דִיא נְשָׁמָה זִיא זָאל זִיךְ פַארְדִינֶען בָּעוֹלָם הַזֶּה מִיט דִיא תּוֹרָה וּמִצְוֹת וָואס דֶער גוּף וֶועט מִיט אִיהר טוּהֶען. וֶועט זִיא פִיר דֶעם נֶעמֶען שָׂכָר לָעוֹלָם הַבָּא. אִיז דָאס אוֹיךְ נִישְׁט קֵיין תֵּירוּץ. וָוארוּם דִיא נְשָׁמָה פְרִיעֶר וִויא זִיא קוּמְט אַרָאפּ אוֹיף דִיא וֶועלְט אִיז זִיא נֶהֱנֶה מִזִּיו הַשְּׁכִינָה. אִיז דָאךְ שׁוֹין דָאס פִיר אִיהר גַאנְץ גִינוּג? נָאר קֶען מֶען אַזוֹי זָאגִין. וָוארוּם דָאס וָואס דִי נְשָׁמָה אִיז נֶהֱנֶה מִזִּיו הַשְּׁכִינָה פַר אִיהר אַרָאפּ קוּמֶען לָעוֹלָם הַזֶּה. אִיז דָאס בְּחִנָּם. אוּנ אַז עֶס אִיז בְּחִנָּם נֶעמְט זִיא דָאס מִיט פַרְשֶׁעמוּנְג. וָוארוּם זִיא הָאט דָאס נִישְׁט פַרְדִינְט. אִין זֹהַר הַקָּדוֹשׁ וֶוערְט דָאס גִירוּפִין נהמא דכסופא בְּרוֹיט דוּרְךְ פַארְשֶׁעמוּנְג. אָבֶּער וֶוען זִיא קוּמְט אִין גוּף אַרַיין בְּעוֹלָם הַזֶּה אוּנ טוּהְט תּוֹרָה וּמִצְוֹת אוּנ פַרְדִינְט זִיךְ אִיהר שָׂכָר לָעוֹלָם הַבָּא קוּמְט זִיא נֶעמֶען אִיהר שָׂכָר מִיט דֶעם דִין. אוּנ שֶׁעמְט זִיךְ נִישְׁט. אוּנ דָס מֵיינְט דֶער פָּסוּק (משלי טו) ושונא מתנות יחיה דֶער וָואס הָאט פַיינְט גִישַׁאנְקֶען טוּהְט לֶעבִּין. וָוארוּם דֶער עִיקָר בְּרִיאָה פוּן מֶענְטְשׁ אִיז דָאךְ נָאר פוּן וֶועגִין דִיא נְשָׁמָה זַייגֶע זָאל נִישְׁט נֶעמֶען נהמא דכסופא וָואס דָאס גִיט אִיהר הקב״ה אַמַתָּנָה. אוּנ זִיא וֶוערְט דָאךְ אָבֶּער דוּרְךְ דֶער מַתָּנָה פַרְשֶׁעמְט. אִיבֶּער דֶעם הָאט מֶען דֶעם מֶענְטְשׁ בַּשַׁאפִין דָס דִיא נְשָׁמָה זָאל זִיךְ אִיהר שָׂכָר פַארְדִינֶען. זִיא זָאל נִישְׁט בַּארְפִין גֶעמֶען קֵיין מַתָּנוֹת. אוּנ וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ הָאט אָבֶּער לִיעֶב צוּ גֶעמֶען אוֹיף דִי וֶועלְט מַתָּנוֹת. זָאגְט גָאט אַז דוּא הָאסְט לִיעֶב צוּ נֶעמֶען מַתָּנוֹת גֵייא צוּרִיק אִין הִימֶעל אוּנ נֶעם דָארְט בְּמַתָּנָה נהמא דכסופא. מִיט דֶעם פַארְשְׁטֵייעֶן מִיר שׁוֹין וֶועגִין וָואס דִיא בְּרִיאָה פוּן מֶענְטְשִׁין אִיז. אוּנ מִיט דֶעם אִיז שׁוֹין רֶעכְט וָואס עֶס שְׁטֵייט נַעֲשֶׂה מִיר וֶועלִין מַאכִין. וָוארוּם וֶוען גָאט הָאט בַּשַׁאפֶען דִי וֶועלְט הָאט עֶר בַּשַׁאפֶען אַרְבַּע עוֹלָמוֹת. דָאס הֵייסְט עולם האצילות. עולם הבריאה. עולם העשי׳. הָאט גָאט גִוָואלְט אַז דִי אַלֶע עוֹלָמוֹת זָאלִין נִישְׁט נֶעמִין זַייעֶר שָׂכָר בְּחִנָּם. נָאר עֶס זָאל זַיין בַּייא זֵייא פַארְדִינְט. אוּנ דִיא מַלְאָכִים הָאבִּין דָאךְ נִישְׁט קֵיין יֵצֶר הָרָע וָואס זָאל זֵייא אָנְרֶעדִין צוּ טוּעֶן שְׁלֶעכְטֶס. וָואס וֶוען זֵייא וֶועלִין אִיהם נִישְׁט צוּ הֶערִין אוּנ וֶועלִין טוּעֶן גוּטְס זָאל זֵיי קוּמֶען שָׂכָר. זֵייא הָאבִּין דָאךְ נִישְׁט קֵיין בְּחִירָה אוֹיסְווִילִין צוּ טוּעֶן וִויא זֵייא ווִילִין. זֵיי זֶענִין מוּכְרַח צוּ טוּעֶן דִי זַאךְ וָואס זֵייא בַּארְפִין טוּעֶן. קוּמְט דָאךְ זֵייא נִישְׁט קֵיין שָׂכָר פַאר זֵייעֶר טוּעֶן. אוּנ וֶוען זֵייא נֶעמֶען יוֹא שָׂכָר אִיז דָאךְ דָאס בְּחִנָּם. אוּנ דָאס הָאט גָאט נִישְׁט גִיוָואלְט. אִיבֶּער דֶעם זָאגְט עֶר צוּ דִיא אַרְבַּע עוֹלָמוֹת נַעֲשֶׂה אָדָם מִיר אַלֶע צוּ זַאמֶען זָאלִין מַאכִין אֵיין מֶענְטְשׁ. וָואס עֶר זָאל הָאבִּין אִין זִיךְ כֹּחַ פוּן אֵייךְ אַלֶע. דְהַיְינוּ דִי נְשָׁמָה פוּן עולם הבריאה. דֶער רוּחַ פוּן עולם היצירה. דֶער נֶפֶשׁ פוּן עוֹלָם העשי׳ אוּנ פוּן עולם האצילות וֶועל אִיךְ גָאט גֶעבִּין מַיין חֵלֶק וָואס דָס וֶוערְט גִירוּפֶן חי׳ יחידה. אוּנ דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט מִיט דִיא אַלֶע כחות טוּעֶן תּוֹרָה וּמִצְוֹת וֶועט דָאךְ דָאס גִירֶעכִינְט וֶוערִין וִויא אִיהר אַלֶע עוֹלָמוֹת טוּהְט אַלֵיין. וֶועט אִיהר דָאךְ נִישְׁט נֶעמֶען אֵייעֶר שָׂכָר בְּחִנָּם. נִמְצָא אִיז דִיא גַאנְצֶע וֶועלְט מִיט אַלֶע בְּרוּאִים בַּאשַׁאפִין

געווארין נאר וועגין דעם מענטש. אונ דר מענטש איז זייא אלע מחיה מיט זיין תורה ומצות. אונ ווען חלילה דער מענטש לעבט אפ זיין לעבין אונ טוהט נישט חלילה מצות אונ לערינט נישט קיין תורה קומט דאך אויס אז ער איז מקצר די חיוני פון אלע עולמות. אונ אויך זיין בריאה איז גאר אומזונסט. איבער דעם דארף דער מענטש האבען שכל אונ וויא פיל מעשים טובים ער קען נאר טוען אין זיין לעבין זאל ער טוען וועט ער דאך מוסיף זיין חיוני אין אלע עולמות. אונ אויך זיין נשמה וועט נעמין איהר שכר בעולם הבא מיט דעם דין אונ אויך וועט ער פארפילין גאטס רצון:

ב (ד) אלה תולדות וגו׳ עס שטייט אין פסוק (תהלים לג ט) כי הוא אמר גאט האט גיזאגט עס זאל ווערין אלע בראים בשאפין. ויהי אונ עס איז אזוי גיווארין. הוא צוה אונ ער באפעלט אלע טאג זיי זאלין האבין אקיום. ויעמד אונ עס בלייבט אזוי שטעהן. ווארום אז גאט וואלט זייא נישט אלע רגע מקיים גיוועזן וואלטין זייא קיין איין רגע ניט גיקענט זיין נאר עס וואלט אלין חרוב גווארין. אזוי וויא מיר זאגין אין דאווענען המחדש בטובו בכל יום תמיד מעשה בראשית. גאט בנייעט אלע טאג דיא מעשה בראשית. אונ דאס איז אויך דער פשט פון דעם פסוק. אלה תולדות השמים והארץ בהבראם. דאס זענין דיא גבירט פון הימל אונ ערד ווען זיי זענען בשאפין גיווארין. אונ אויך ביום אלע טאג עשות ה׳ אלהים ארץ ושמים מאכט גאט דיא ערד מיט דיא הימל. דאס מיינט מען ער איז זיי מקיים אלע טאג. ער טוהט נישט אפ פון זייא זיין השגחה קיין איין רגע: נאך אטייטש איז. דיא גמרא זאגט אין (סנהדרין) אז דיא נשמה ווערט גירופן שמים ווייל זיא איז גיגעבין פון הימל. אונ דער גוף ווערט גרופן ארץ ווייל ער איז פון ערד. אונ דאס שרייבין אלע ספרים ווען דער מענטש לערינט תמיד תורה אונ איז עוסק במצות ובמעשים טובים איז ער מעלה דעם גוף דאס ער ווערט נאך גרעסער פון דיא נשמה. אזוי וויא די גמרא זאגט דאס אבעל תשובה איז גרעסיר פון איין צדיק. ווארום דעם צדיק איז גרינג צו טוען מצות ער איז שוין אזו גיוואוינט. אבער דעם בעל תשובה איז זייער שווער צו טוען מצות ווארום ער איז שוין גיוואוינט נאר מיט דעם יצה״ר. גיהט דאך דער יצה״ר פון איהם נישט אוועק. אונ ווען אבער אז ער הערט ניט דעם יצה״ר. אפילו ווען עס איז איהם שווער. אונ איז נאר תמיד עוסק בתורה ומצות איבער דעם איז ער גרעסער פון צדיק. אזוי דיא נשמה אויך. זיא איז דאך פון הימל איז זיא שוין גיוואוינט נאר צו גוטס. אבר דר גוף ער איז דאך גיוואוינט גיכער נאר צו טוען שלעכטס. אונ ווען ער טוהט נישט קיין שלעכטס נאר ער טוהט מצות ומעשים טובים אזוי איז דר גוף נאך גרעסיר פון דיא נשמה. דאס זאגט דר פסוק אלה תולדת דאס זענין די גבירט השמים פון הימל דאס מיינט מען דיא נשמה. והארץ אונ די ערד דאס מיינט מען דעם גוף. שטייט אין פסוק פריער דיא נשמה אונ דר נאך דער גוף. דאס איז נאר בהבראם ווען זייא זענין בשאפין גיווארין. אבער ביום עשות אין דעם טאג ווען דר מענטש טוט מצות ומעשים טובים מאכט ער דאך ה׳ אלהים. פון אלהים וואס דאס איז מדת הדין מאכט ער צו ה׳ מדת הרחמים. דאמאלס איז פריער ארץ די ערד דאס איז דער גוף אונ דער נאך ושמים דיא נשמה: (ו) ואד אינגליקליך ווערט דער מענטש וואס יעלה מן הארץ ער איז דאך נאר פון דיא ערד אונ וויל זיך אויף דעם אנדרין מענטש הייבין. ער האלט זיך בגאוה אונ רעכינט זיך גרעסר פון דעם חבר. דר מענטש ווערט אונגליקליך. אמענטש טאר זיך נישט האלטין בגאוה. ער דארף זיין איין ענו. ער דארף זיך רעכנען קלענער פון זיין חבר. וועט ער זיין גליקליך. אונ מיט זיין זכות

וועט

ווערט ער נאך ציהען השפעה פון הימל. צו אנדערע מענטשין. דאס פירט אויס דער פסוק והשקה את כל פני האדמה ער ווערט אנטרינקען מיט השפעה צו אלע. ווען ער האלט זיין פנים צו די ערד. דאס מיינט מען ער האלט זיך נידעריג ער איז איין עניו. אונ דאס איז אויך דער טייטש פון פסוק (במדבר יב ג) והאיש משה עניו מאד מכל האדם אשר על פני האדמה. משה רבינו איז איין גרויסער עניו גרעסער פון דיא אלע מענטשין וואס זייא זיינען אויך ענוים אונ זייא האלטין זייער פנים צוא דיא ערד זייא האלטין זיך ניט בגאוה. איז נאך משה פאר זייא גיוועזן מעהר עניו. אונ וועגין דעם האט ער זוכה גיוועזן מקבל צוא זיין דיא תורה אונ משפיע זיין גוטס אויף אלע ישראל. אונ אזוי גיפינען מיר אז דער דין איז תמיד וויא די בית הלל וואָרום זיי זיינען גיוועזן ענוים:

ג (א) והנחש וגו׳ ויאמר אל האשה אף כי אמר אלהים לא תאכלו מכל עץ הגן. דאס ווארט אף איז טייטש צארין. זאגט דער שלאנג צוא חוה. נאט איז אויף אייך צארינדיג מיט דעם וואס ער האט אייך ניט גיהייסען עסין פון עץ הדעת. ווארום אז איהר עסט ניט פון איהם איז גלייך וויא איהר עסט גאר ניט קיין פרוכט. ווארום דיא בעסטע פרוכט איז נאר אויף דעם עץ הדעת: (ב) ותאמר האשה וגו׳ ענטפערט חוה צום שלאנג. ניין עס איז ניט אזוי נאט איז אונז גאנץ גיטריי. האט ער אונז פון אלע בוימער יוא גיהייסען עסין: (ג) ומפרי וגו׳ נאר פון עץ הדעת נישט ווייל ווען מיר וועלין פון איהם עסין וועלין מיר שטארבען: (ד) ויאמר הנחש וגו׳ זאגט דער שלאנג לא נישט וועגען דעם הייסט ער אייך נישט עסין. מות תמותון שטארבען מוזט איהר. איהר זענט דאך גאר מענטשען. אונ אמענטש מוז שטארבען אפילו ווען איהר וועט ניט עסין פון עץ הדעת נאר: (ה ו) כי יודע וגו׳ ווייל ער ווייסט דאס ווען איהר וועט פון איהם עסין וועט איהר זיין אזויא וויא דיא מלאכים וואס ווייסען וועלכעס עס איז גוט אונ וועלכעס עס איז שלעכט. אונ דאס ווי׳ ער ניט איז דאך אראיה אז ער איז אייך נישט געטריי. האט חוה זיך גילאזט אן ריידין אונ האט גיגעסין אונ האט אויך גינעבין צוא אדם אונ ער האט אויך גיגעסין: (ז) ותפקחנה עיני שניהם וגו׳ אונ עס איז גיווארין גיעפינט זייערע אויגען פון אדם מיט חוה דארף מען פאר שטיין. אונ פריער איז דען זייערע אויגען גיוועזן פאר מאכט. נאר ספרים שרייבען דאס השי״ת האט באשאפען אין מענטש צוויי אויגען. איין מין אויגען וואס ווערין גערופען עיני השכליים. אויגען וואס זייער חוש פון קוקען איז נאר אין געטליכע זאכען. צו זעהן וועלכעס עס איז אמת אונ וועלכעס עס איז פאלש. וועלכעס עס איז גוט צו טאן מיט דעם תכלית האמת אונ וועלכעס עס איז נישט גוט צו טאן. אונ דער אנדערער מין אויגען ווערען גערופען עיני בשר אויגען וואס זייער חוש איז נאר אביין געטוהן אין גשמיות זייא זעהן נאר וועלכעס עס איז שיין אונ וועלכעס עס איז מיאוס. אונ ווען דער מענטש באנוצט נאר מיט די אויגען ווערען גערופען עיני השכליים אונ זיינע גידאנקען זיינען נאר אין געטליכע זאכען צו דעם מענטש נוצט גאר נישט די אנדערע מין אויגען וואס ווערין גירופען עיני בשר. זייא זיינען טאקע באיי איהם אפען. אבער ער זעהט גאר נישט מיט זייא. אזוי וויא מיר גיפינען באיי דוד המלך ווען ער האט גיבראכט דעם ארון הקודש פון בית עמינדב האט ער זיך זייער גיפרייט אונ האט געשפילט מיט כלי זמרים אונ גיטאנצט אונ געשפרונגען. האט זיין ווייב מיכל דיא טאכטער פון שאול גיפרעגט וואס איז דאס די מעשה וואס דוא האסט זיך דעם טאג אזוי פיל מבוזה גימאכט אין דיא אויגען פון די דינסטין מיט דיא קנעכט גלייך וויא
איינער

איינער פון דיא ליידיג גייערס . האט ער צו איהר גיענטפערט איך פרייא מיך פאר
גאט איז פון גרויס שמחה וואס מיינע אויגען עיני השכליים זענין גאר אריין גיטוהן אין
געטליכע פרייד זעה איך גאר ניט וועלכעס עס איז שיין אונ וועלכעס עס איז מיאוס .
אזוי דא בייא אדם איז אויך דאס אייגינע . פריער וויא ער האט גיזינדיגט האט ער
גאר באניצט מיט דיא אויגען עיני השכליים אזוי פיל אז ער האט גאר ניט באניצט
דיא אויגען הגשמיים . האט ער טאקע גאר ניט מיט זייא גיזעהן . האט ער גאר נישט
גיזעהן אז ער איז נאקיט . אדער ער האט גאר נישט גיפילט אז דאס איז עפיס
אחרפה אבער נאך דעם וויא ער האט גיזינדיגט איז ער אראפ גיפאלין פון זיין גרויסע
מעלה איז שוין ביי איהם דיא אויגען השכליים אביסעל פאר מאכט גיווארין אין דיא
אויגען הגשמיים זענין אויף גיעפינט גיווארין האט ער יעצט דער זעהן דאס ער איז
נאקיט אין דאס איז אחרפה האט ער אויף גינייט גורטין פון דיא בלעטער פון פייגען
ביימער אונ זיך באדעקט . אונ פון דעם חטא פון אדם הראשון איז שוין אזוי גיווארין
לדורי דורות דאס דיא אויגען הגשמיים זענין אויף גיעפינט צו זעהן מיט זייא דברים
גשמיים אין תאוות . אונ וואס דער מענטש עפינט מער אויף דיא אויגען הגשמיים
ווערט אלע מאהל מער פאר מאכט דיא אויגען השכליים . אונ וועלכע מענטשין ווערין
אנגערופען בלינדע מענטשין . אזוי וויא ישעי׳ הנביא זאגט פון גאטס וועגין אין (קאפיטל
מ״ב פסוק י״ט) מי עור כי אם עבדי . ווער איז בלינד . נאר מיין קנעכט . איז דער
מיינונג פון פסוק אזוי . מי עור אויף וועמין געשיקט זיך צו זאגען ער איז בלינד אפילו
ווען ער האט אויגען . כי אם עבדי נאר מיין קנעכט . מיין פאלק ישראל וואס איך
האב זיי גימאכט אויגען השכליים צו זעהן מיט זיי גאטס וואונדער . אונ זייא ווילען גאר
נישט דאס זעהן . זייא ווילען גאר נישט דיא אויגען השכליים באניצען . נאר באניצען
תמיד דיא אויגען הגשמיים . אויף זייא געשיקט זיך צוא זאגען זייא זענין בלינד אפילו
זייא האבען אויגען . אבער דער קלוגער מענטש וואס האט דעם שכל האמת זעהט ער
וואס צום מיינסטען נאר צו באניצען מיט דיא אויגען השכליים אין וואס ווייניגער צוא
באניצען מיט דיא אויגען הגשמיים . איבער דעם ווען ער שטארבט פון דיא וועלט אין
קומט לעולם הבא קומט ער אגאנצער מענטש מיט ריינע אויגען . אבער חלילה וחלילה
ווען דער מענטש מאכט בלינד אין זיין לעבין דיא אויגען השכליים אונ באניצט נאר
מיט דיא אויגען הגשמיים . אונ וויא ער שטארבט אזוי ווערט דאך דיא אויגען הגשמיים
פאר מאכט . זענין זייא דאך בלינד . אונ דיא אויגען השכליים זענין אויך בייא איהם
בלינד . קומט ער דאך לעולם הבא אבלינדער מענטש אבעל מום חלילה . אונ אויף
אבעל מום שטייט דאך אין פסוק מום בו לא ירצה דער מענטש וואס האט אין זיך
איין מום איז ער נישט באוויליגט צו גאט . קומט דאך אויס אז מען לאזט דעם מענטש
חלילה דארט נישט זיין . וואס ווערט דער סוף פון איהם ווערט ער געבאך נע ונד .
גאט זאל אונז פון דעם אויס היטען . איבער דעם דארף דער מענטש זעהן אין זיין
לעבין נישט בלינד צו מאכין זיינע אויגען השכליים נאר זייא תמיד באניצען אין תורה
ומצות ומעשים טובים . זוי ווען ער וועט שטארבען וועט מען זאגען אין הימעל לאזט
אריין דעם מענטש אין גן עדן . מן הסתם ווען ער האט ריינע אונ פיינע אויגען איז
אסימן אז זיין גאנצער גוף איז אויך אריינער אפיינער אזוי וויא דיא גמרא זאגט כלה
שעיני׳ יפות אינה צריכה בדיקה . אכלה ווען מען זעהט אז איהרע אויגען זענין שיין
בארף מען מער שוין נישט אויף איהר קוקען צו זיא איז שיין . מן הסתם איז זיא אין

גאנצען

גַאנְצֶען שֵׁיין . אוּנ נָאךְ דִיא רֵייד קֶען מֶען פַאר שְׁטֵיין דָאס וָאס עֶס שְׁטֵייט בַּייא אברהם אבינו וֶוען עֶר אִיז גִינַאנְגֶען קֵיין מִצְרַיִם הָאט עֶר גִיזָאגְט צוּ זַיין וַוייבּ שׂרה . הנה נא ידעתי יֶעצְט הָאבּ אִיךְ דֶער קֶענְט כי אשה יפת מראה את אַז דוּא בִּיסְט אַשֵׁיינֶע פְרוֹיא . אִיז דָאךְ דִיא קַשְׁיָא הָאט דֶען אברהם אִיהְר פְרִיעֶר נִישְׁט גִיקֶענְט אַז זִיא אִיז שֵׁיין . נָאר וַוייל אברהם אִיז דָאךְ גִיוֶוען אַגְרוֹיסֶער צַדִיק הָאט עֶר בַּאנִיצְט נָאר מִיט דִיא אוֹיגֶען השכליים אוּנ גָאר וֵוייניג מִיט דִיא אוֹיגֶען הגשמיים הָאט עֶר קֵיין מָאהל נִישְׁט גִיוְוּיסְט צוּ זַיין וַוייבּ שׂרה אִיז שֵׁיין צוּ נִישְׁט . אָבֶּער יֶעצְט אַז עֶר אִיז גִיקוּמֶען קֵיין מִצְרַיִם אֵיין מָקוֹם טוּמְאָה אִיז עֶר אַבִּיסֶעל אַרָאפּ גִיפַאלֶען פוּן זַיין גְרוֹיסֶע מַעֲלָה אוּנ עֶס אִיז אִיהְם אַבִּיסֶעל צוּ גִימַאכְט גִיוָוארִין דִיא אוֹיגֶען השכליים אוּנ אַבִּיסֶעל מֶער אוֹיף גִיעֶפִינְט גִיוָוארִין דִיא אוֹיגֶען הגשמיים הָאט עֶר יֶעצְט דֶרְקֶענְט אַז זִיא אִיז שֵׁיין :

(ח) וישמעו וגו׳ אוּנ אָדָם מִיט חַוָה הָאבִּין גִיהֶערְט דָאס קוֹל פוּן גָאט ויתחבא האדם ואשתו מפני ה׳ אלהים בתוךְ עץ הגן . אוּנ הָאבִּין זִיךְ בַּהַאלְטִין פַאר גָאט צְווִישִׁין דִי בֵּיימֶער פוּן גָארְטִין . אִיז דָאךְ דִיא קשי׳ הָאבֶּען זֵייא דֶען נִישְׁט גֶעוואוּסְט אַז פַאר גָאט קֶען מֶען זִיךְ נִיט בַּאהַאלְטִין ? נָאר דִיא זַאךְ אִיז אַזוֹי . פְרִיעֶר וֶוען זֵייא הָאבִּין נָאךְ נִישְׁט גִיגֶעסִין פוּן עֵץ הַדַעַת שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (ב׳ כה) ויהיו שניהם ערומים וגו׳ אדם מִיט זַיין וַוייבּ חוה זֶענִין גִינַאנְגֶען נַאקִיט ולא יתבוששו אוּנ הָאבִּין זִיךְ נִישְׁט גִישֶׁעמְט . וָוארוּם זֵייעֶרֶע גְדַאנְקִין אִיז גִיוֶוען נָאר אִין גֶעטְלִיכְקֵייט הָאבֶּען זֵייא גָאר נִישְׁט גִיפִילְט אַז דָאס וָואס זֵייא גֵייעֶן נַאקִיט אִיז אַחֶרְפָּה . נָאר זֶענִין גִיוֶוען אַזוֹ וִויא דִיא מַלְאָכִים . אָבֶּער דֶער נָאךְ וִויא זֵייא הָאבִּין גִיגֶעסִין פוּן עֵץ הַדַעַת זֶענִין זֵייא אַרָאפּ גִיפַאלִין פוּן זֵייעֶר מַדְרֵגָה . אוּנ הָאבִּין אָנְגִיהוֹיבִּין צוּ הָאבִּין תַאֲוֹת . שְׁטֵייט שׁוֹין אִין פָּסוּק ד וידעו כי ערומים הם . זֵיי זֶענִין גִיוָואר גִיוָוארִין אַז זֵייא זֶענִין נַאקִיט . אַז עֶס אִיז אַחֶרְפָּה צוּ גֵיין נַאקִיט . ויתפרו עלה תאנה הָאבִּין זֵייא אוֹיף גִינֵייט בְּלֶעטִיר פוּן פֵייגִין בּוֹים ויעשו להם חגרות אוּנ הָאבִּין גִימַאכְט פוּן זֵיי גוּרְטִין זֵיי זָאלִין זִיךְ מִיט זֵייא בַּדֶעקִין . אוּנ אֵיידֶער זֵייא הָאבִּין זִיךְ מִיט דֶעם בַּדֶעקְט הָאבִּין זֵיי גִיהֶערְט דָאס קוֹל פוּן גָאט . זֶענִין זֵייא אַרַיין גִינַאנְגֶען צְווִישֶׁען דִיא בֵּיימֶער עֶס זָאל וֶוערִין בַּדֶעקְט זֵייעֶר נַאקִיטְקֵייט מִיט דִיא בְּלֶעטִיר פוּן דִיא בֵּיימֶר :

(ט) ויקרא וגו׳ אוּנ גָאט רוּפְט צוּ אדם אוּנ זָאגְט אַיֶכָּה וְויא בִּיסְטוּ : (י) ויאמר וגו׳ הָאט אדם גִיזָאגְט אִיךְ הָאבּ גִיהֶערְט דַיין קוֹל ואירא כי עירם אנכי . אוּנ אִיךְ הָאבּ זִיךְ אָנְגִיזֶעהְן אַז אִיךְ בִּין נַאקִיט ואחבא הָאבּ אִיךְ זִיךְ בַּהַאלְטִין צְווִישִׁין דִיא בֵּיימֶר צוּ וֶוערִין בַּדֶעקְט פוּן דִיא בְּלֶעטִיר : (יא) ויאמר וגו׳ הָאט גָאט גִיפְרֶעגְט צוּ אָדָם מי הגיד לךָ כי עירם אתה . וֶוער הָאט דָאס דִיר גִיזָאגְט אַז דוּא בִּיסְט נַאקִיט . כְּלוֹמֶר אַז דָאס אִיז אַחֶרְפָּה . המן העץ אשר צויתיךָ לבלתי אכל ממנו אכ׳ . צוּ פוּן דֶעם בּוֹים וָואס אִיךְ הָאבּ דִיר בַּפוֹילִין דוּ זָאלְסְט פוּן אִיהְם נִיט עֶסִין הָאסְט דוּא גִיגֶעסִין ? אִיז דָאךְ דִי קשי׳ וָואס שְׁטֵייט דָא אִין פָּסוּק אִיבְּרִיגֶע וֶוערְטֶר . עֶס הָאט דָאךְ גִיקֶענְט שְׁטֵיין המן העץ הדעת אכלת . צוּ פוּן דֶעם עֵץ הַדַעַת הָאסְט דוּא גִיגֶעסִין ? נָאר דֶער פָּסוּק מֵיינְט אַזוֹי . וָוארוּם דִיא תַאֲווֹת פוּן מֶענְטְשׁ אִיז דָא אוֹיף צְווֵייא אוֹפַנִים . אֵיין אוֹפֶן אִיז . דֶער מֶענְטְשׁ גְלוֹיבְּט דִי זַאךְ וַוייל דִי זַאךְ אִיז שֵׁיין . אָדֶער זִיא אִיז זִיס . דָאס אִיז נָאךְ נִישְׁט אַזוֹי שְׁלֶעכְט . נָאר עֶס אִיז דָא אֵיין אַנְדֶער אוֹפֶן תַּאֲוָה . וֶוען אוֹיךְ דִי דָבָר תַּאֲוָה אִיז נִישְׁט שֵׁיין אוּנ נִיט זִיס פוּן דֶעסְטְוֶועגִין רֶעד אִיהְם אָהְן דֶער יצה״ר צוּ דִי דָבָר תַּאֲוָה . פוּן וֶועגִין עוֹבֵר צוּ זַיין אוֹיף גָאטְס בַּפֶעהְל . דֶער אוֹפֶן תַּאֲוָה אִיז גָאר דֶם עֶרְגְסְטֶע . עֶר הַייסְט אֵיין מֵיזִיד לְהַכְעִיס . עֶר גְלוֹיבְּט צוּ טוּעֶן דָאס שְׁלֶעכְטְס פוּן וֶועגִין גָאט דֶער מִיט צוּ עֶרְצֶערְנֶען . דָאס

פְּרֶעגְט גָאט צוּ אָדָם המן העץ צוּ פוּן דֶעם בּוים וָואס עֶר אִיז נִישְׁט וֶועהְר שֵׁיין אוּנ זַיינֶע פֵּירוּת זֶענִין נִישְׁט אַזוֹ גוּט . עֶר אִיז נָאר אַפְּרָאסְטֶער בּוים . אוּנ וֶוען אִיךְ וָואלְט דִיר אוֹיף אִיהְם נִישְׁט גִיוֶועןַ פַאְרבָּאטִין וָואלְסְט דוּא נָאר נִישְׁט גִיוֶועןְ פוּן אִיהְם גִיגֶעסִין נָאר תַּייל אִיךְ הָאבּ דִיר פַאְרבָּאטִין דָאס דוּא זָאלְסְט פוּן אִיהְם נִישְׁט עֶסִין . אִיבֶּער דֶעם הָאסְט דוּא פוּן אִיהְם גִיגֶעסִין . בִּיסְט דוּ גָאר אֵיין מוּמָר לְהַכְעִיס . אִיבֶּר דֶעם אִיז עֶר גִוָוארֶן אוֹיף אִיהְם וֶועהְר אִין כַּעַס : (יב) ויאמר וגו׳ הָאט אָדָם גִיעֶנְטְפֶערְט האשה אשר נתתה עמדי דִי וַוייבּ וָואס דוּא הָאסְט גִיגֶעבִּין מִיט מִיר . היא נתנה לי מן העץ זִיא הָאט מִיר גִיגֶעבִּן פוּן דֶעם בּוים ואכל הָאבּ אִיךְ גִיגֶעסִין . דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין דֶעם תִּירוּץ וָואס אָדָם עֶנְטְפֶערְט צוּ גָאט . דִי וַוייבּ הָאט אִיהם גִיגֶעבִּין הָאט עֶר גִיגֶעסִין . אוּנ אַז דִיא וַוייבּ גִיט מֶעג מֶען שׁוֹין עֶסִין ? נָאר דִיא זַאךְ אִיז אַזוֹי . וֶוען גָאט הָאט גִיזָאגְט צוּ אָדָם אִין פָּסוּק (ב יז) ומעץ הדעת טוב ורע . אוּנ פוּן דֶעם בּוים וָואס אַז מֶען עֶסְט פוּן אִיהם וַוייסְט מֶען אֵיין צְוִוישִׁין שֵׁייד פוּן גוּטְס צוּ שְׁלֶעכְטְס לא תאכל ממנו זָאלְסְט דוּא נִיט עֶסִין פוּן אִיהְם . הָאט אָדָם אַתִּירוּץ אַזוֹ . דִי גָאט הָאסְט נָאר גִימֵיינְט אַז אִיךְ אָדָם אַלֵיין זָאל נִישְׁט אָפּ רַייסִין פוּן בּוים אוּנ עֶסִין . אָבֶּער וֶוען דִי וַוייבּ הָאט אָפּ גִירִיסֶן אוּנ מִיר גִיגֶעבִּין מֶעג אִיךְ עֶסִין . אִיבֶּער דֶעם הָאבּ אִיךְ גִיגֶעסִין . אָבֶּער אִין אֱמֶת אִיז דָאס נִישְׁט קֵיין תִּירוּץ . וָוארוּם אָדָם אַלֵיין הָאט גִיזָאגְט אוֹיף דִי אִשָּׁה אִין פָּסוּק (ב כג) זאת דִי דָאזִיגֶע אִשָּׁה הפעם דָאס מאל עצם מעצמי אִיז אֵיין בֵּיין פוּן מַיינֶע בֵּיינֶר ובשר מבשרי אוּנ פְלֵייש פוּן מַיין פְלֵייש . זָאגְט עֶר דָאךְ אַלֵיין אַז דִי וַוייבּ אִיז אֵיינְס מִיט אִיהְם . קוּמְט דָאךְ אוֹיס אַז וֶוען זִיא הָאט אָפּ גֶערִיסֶן . אִיז גְלַייךְ וִויא עֶר הָאט אַלֵיין אָפּ גֶערִיסֶן . הָאט עֶר דָאךְ נִישְׁט גִימֶעגְט עֶסִין : (יד) ויאמר וגו׳ זָאגְט גָאט צוּ דֶעם שְׁלַאנְג כי עשית זאת וֶועגִין דֶעם וָואס דִיא הָאסְט דָאס גֶעטוּעֶן אוּנ הָאסְט אָנְגִירֶעד צוּ חוה זִיא זָאל עֶסִין פוּן עֵץ הַדַעַת . ארור אתה וגו׳ זָאלְסְט דוּא זַיין פַר פְלוּכְטֶער פוּן אַלֶע בְּרוּאִים פוּן דִיא וֶועלְט . רַשִׁ״י שְׁרַייבְּט פַר וָואס הָאט גָאט דֶעם נָחָשׁ פְרִיעֶר נִישְׁט גִיפְרֶעגְט פַר וָואס עֶר הָאט דָס גִטוּעֶן ? אַזוֹי וִויא גָאט הָאט גִיפְרֶעגְט צוּ אָדָם אוּנ צוּ חַוָה . נָאר פוּן דֶעם אִיז גִידְרוּנְגֶען אַז מֶען הֶערְט נִישְׁט צוּ דִי טַעֲנָה וָואס דֶר מֵסִית טַעֲנִית . אוּנ דֶער נָחָשׁ אִיז גִיוֶועןְ אֵיין מֵסִית עֶר הָאט אָנְגִירֶעד צוּ טוּעֶן שְׁלֶעכְטְס אִיבֶּער דֶעם הָאט גָאט אִיהְם נָאר נִישְׁט קֵיין שַׁאֲלָה גִיפְרֶעגְט . נָאר גְלַייךְ אִיהְם גִישְׁטְרָאפְט . פוּן דֶעם פָּסוּק קֶען מֶען אָפּ לֶערְנִין וִויא גְרוֹיס עֶס אִיז דִי זִינְד פוּן דֶעם וָואס רֶעד אָן דֶעם אַנְדֶערִין צוּ טוּעֶן אֵיין עֲבֵירָה . וָוארוּם ה׳ אִיז רַחֲמִים אוּנ אלהים אִיז דִין . אוּנ דָא שְׁטֵייט ויאמר ה׳ אלהים . דָאס וַוייזְט אַז וֶוען אֵיין מֵסִית רֶעדְט אָן דֶעם אַנְדֶערִין צוּ טוּעֶן שְׁלֶעכְטְס וֶוערְט פוּן ה׳ מִדַת הָרַחֲמִים צוּא אלהים מִדַת הַדִין : (טו) ואיבה וגו׳ גָאט פְלוּכְט דֶעם נָחָשׁ אוּנ זָאגְט אִיהְם הוא ישופך ראש ואתה תשופנו עקב . דֶער פָּסוּק אִיז דָאס מְרַמֵז אוֹיף דֶעם יצה״ר . וָוארוּם דָאס אִיז יָדוּעַ אַז דֶעם נָחָשׁ מֵיינְט מֶען דֶעם יצה״ר . זָאגְט השי״ת צוּ דֶעם יצה״ר . הוּא דֶר מֶענְשׁ וָואס וֶועט זִיךְ גוּט בַּקְלֶערִין מִיט שֵׂכֶל . ישופך וָועט עֶר דִיר יצה״ר צוּ שְׁטוֹיסִין ראש בַּאלְד בַּייא דֶעם אָנְהֵייבּ וִויא דוּא וֶועסְט אִיהְם אָנְרֶעדִין צוּא טוּעֶן שְׁלֶעכְטְס . עֶר וֶועט דִיר נָאר נִישְׁט אָנְהֵייבִּין צוּ הֶערִין . וָוארוּם ואתה דִי יצה״ר תשופנו עקב ווילְסְט דֶעם מֶענְשׁ צוּ שְׁטוֹיסִין פוּן יוּדִישְׁקֵייט . אוּנ זָאגְסְט דֶעם מֶענְטְשׁ עֶר זָאל נִישְׁט מְקַיֵים זַיין דִיא קְלֵיינֶע מִצְוֹת . דִיא זָאגְסְט אִיהְם אַז דִי מִצְוֹת דַארְף מֶען נָאר טְרֶעטִין מִיט דִיא טְרִיט . אוּנ בִּיסְלִיךְ וַוייס ווילְסְטוּ אִיהְם אִין גַאנְצִין אִיבֶּר רֶעדִין . אוּנ וָואס וֶועט זַיין דֶער סוֹף . וֶועסְטוּ דָאךְ אוֹיף אִיהם זִעלְבְּסְט מַלְשִׁין זַיין אִין הִימֶל . אוּנ דוּא וֶוערְסְט וֶועלִין מֶען זָאל

איהם

איהם אין גאנצין צו שטויסין. איבער דעם וועט ער דיר באלד ביא דעם אנהייב ניט צו הערין: (טז) אל האשה אמר. צו די אשה זאגט גאט הרבה ארבה עצבונך והרנך איך וועל מערין דיין טרויערקייט פון טראגין דאס קינד. בעצב תלדי בנים מיט טרויערקייט וועסט דוא גיווינען קינדער. אונ פון דעסטוועגין אפילו ווען די אשה ווייסט דאס דער צער קומט צו איהר פון איהר מאן. ואל אישך תשוקתך פון דעסטוועגין וועסט דוא גלוסטין צו דיין מאן. והוא ימשל בך אונ ער וועט אויף דיר מושל זיין. אונ אז די ישראל צו השי"ת. ווען אויך זייא ווייסין דאס זייערע צרות וואס זייא האבין אין גלות איז נאר וועגין דעם וואס זייא ליבין זיך אין השי"ת אונ גייען נישט אוועק פון איהם אונ פון זיין תורה. פון דעסטוועגין גלוסטין זייא צו איהם: (יז) ולאדם אמר צו אדם זאגט גאט. כי שמעת לקול אשתך. וויל דו האסט גיהערט צום קול פון דיין ווייב. אונ דיין ווייב איז דאך גלייך וויא דוא זעלבסט. אונ אז זיא האט אפ געריסין איז דאס גלייך וויא ותאכל מן העץ וויא דוא זעלבסט האסט אפ געריסין פון בוים אונ גיגעסין. (אזוי וויא מיר האבין גישריבין אין פסוק יב) דרום ארורה האדמה בעבורך זאל זיין פאר פלוכט די ערד אום וועגין דיר. דארף מען פארשטיין פאר וואס איז דיא ערד גיפלוכט גיווארין. קען מען זאגין אזוי. גאט האט גיזאגט אין דריטין טאג (פרשה א פסוק יא) תדשא הארץ וגו' דיא ערד זאל ווערין בדעקט מיט אלערלייא קרייטיכצער. עץ פרי אויך זאל וואקסין ביימער זייא זאלין האבין אזוי אטעם וויא די פרי. אבער דיא ערד האט ניט אזו געטוהן. נאר (יב) ותוצא הארץ די ערד האט אויס גיצוגין עץ עושה פרי אזעלכי ביימער וואס עס זאל אויף זייא וואקסין פירות. אבער דער בוים האט ניט אזו אטעם וויא די פרי. אונ ווען גאט האט גיזאגט צו אדם ער זאל נישט עסין פון עץ הדעת האט ער איהם גיזאגט (אין פרשה ב פסוק יז) ומעץ הדעת וגו' לא תאכל פון דעם עץ הדעת זאלסט דוא ניט עסין ממנו פון איהם. האט אדם גיהאט א טעות אונ האט גימיינט אז גאט מיינט נאר אז פון האלץ פון בוים זאל מען ניט עסין. אבער פון דיא פרי מעג מען יוא עסין. ווארום די פרי האט דאך נישט דעם זעלביגין טעם פון בוים. איבער דעם האט ער גיגעסין. אבער ווען דיא ערד וואלט גיוועזין אויסגיצויגין זעלכע בוימער וואס זאלין האבין דעם זעלביגין טעם פון דיא פרי וואלט אדם ניט געהאט קיין טעות. אונ וואלט ניט גיגעסין פון די פרי. וועגין דעם האט גאט גיפלוכט די ערד אויך: (יח) וקוץ וגו' דערנער אונ דוסטלין זאל די ערד דיר מאכין שפראצין. נאר אבער ואכלת את עשב השדה. ווען דוא וועסט נאר עסין דם גראז אונ קרויט פון פעלד אונ וועסט ניט גלוסטין צו עסין בשר תאוה: אין (יט) בזעת וגו' אין משלי (קפיטל ט פסוק ה) שטייט די חכמה זאגט צו די מענטשין לכו לחמו בלחמי גייט שפייזט זיך מיט מיין שפייז. זעהן מיר אז דיא תורה ווערט גירופין מיט דעם נאמען לחם. דאס מיינט דא דער פסוק בזעת אפך מיט דעם שווייס פון דיין פנים תאכל לחם. וועסטו לערנען דיא תורה וואס ווערט גירופין לחם [וויל זיא איז דאך דער בעסטיר שפייז ברויט צו דעם מענטש הן בעולם הזה והן בעולם הבא] וועט דאס פארגעבין אויף דיינע זינד. עד שובך ביז דו וועסט זיך ווידער קערין צו דער מדרגה וואס דוא ביסט גיוועזין איידער דו האסט גיזינדיגט. דאס איז אל האדמה צו די ערד כי ממנה לקחת וועלכע דיא ביסט פון איהר גינומען גיווארין דם מיינט מען פון דעם מזבח. אזו וויא רש"י שרייבט (אין פרשה ב פסוק יט) וייצר ה' אלהים את האדם עפר מן האדמה גאט האט בשאפין דעם אדם אש פון ערד פון מזבח: (כב) ויאמר ה' אלהים זאגט גאט הן האדם היה כאחד ממנו וגו' פערוואר דער מענטש איז גיווארין אזו וויא איינער פון אונז. זאגט דער מדרש

ג שאמר הכתוב דס איז וואס עס שטייט אין פסוק (קהלת ז) לבד ראה זה מצאתי וועה דאס האב איך געפינען מיט מיין געדאנק אשר עשה האלהים את האדם ישר דס גאט האט באשאפען דעם מענטש דס ער זאל זיין רעכט פארטיג ער זאל זיין איין צדיק. פרעגט דר מדרש ואם תאמר און אפשר וועסט דוא פרעגין למה ברא יצר הרע פר וואס האט גאט באשאפין דעם יצה"ר שכתוב בו ווים עס שטייט אויף איהם געשריבין כי יצר לב האדם רע מנעריו דר יצה"ר מאכט שלעכט דאס הארץ פון מענטש תיכף אין די יונגע יארין. שטייט דאך אין דיא תורה אז גאט אליין זאגט אז דר יצה"ר איז שלעכט. פרעגט דער מענטש ווער קען איהם מאכין גוט. אמר הקב"ה זאגט גאט. דער יצה"ר איז אליין גאר ניכט שלעכט נאר אתה עושה אותו רע וגו' דו מענטש מאכסט איהם ביא דיר שלעכט. און הראי' למה תינוק היית ולא חטאת אז דו ביסט געוועזן אלט זעקס אדער זיבין יאר האסט דיא ניכט געזינדיגט נתגדלת וחטאת און אז דוא ביזט געווארין גרויס זינדיגסט דוא. איז דאך הראי' אז דער יצה"ר איז ניט שלעכט נאר דוא אליין מאכסט זיך שלעכט. און דוא זאלסט ניכט זאגין פון וועגין דעם וואס דער מענטש איז באשאפין געווארין פון ערד גלוסט ער נאר צו דיא תאוות וואס עס איז אויף די ערד. און קען זיך ניכט בשום אופן אפציהען פון די תאוות. זאג איך דיר וכמה דברים קשים יש בעולם יותר מיצר הרע ומרים ממנו און פיל זאכין איז דא אויף דיא וועלט וואס זענין פיל ביטערר פון דעם יצה"ר ואתם ממתיקין אותו און איהר מאכט דאס זיס. אין לך מר מן התורמוס עס איז ניכט דא קיין ביטערע זאך פון דעם מין וואס ער הייסט תורמוס ואתה שוקד לשלקו ולהמתיקו במים ז' פעמים עד שהוא נעשה מתוק און דוא מענטש באמיעסט זיך איהם צו קאכין אין זיבין ערלייא וואסער ביז ער ווערט זיס און מאכסט פון איהם גוטע מאכלים. היינט וועה דו מענטש אז אזעלכי זאכין וואס איך האב זייא באשאפין אין דיא נאטור זעהר ביטער. און דו מענטש ביזט זיך מטריח און מאכסט זיי גאנץ זיס. איז דאך אכל שכן אז דעם יצר הרע וואס איז אין דיר קענסט דוא געוויס מאכין ער זאל זיין גוט. ווארום דאס מיינונג פון יצה"ר איז גאר ניכט דיר שלעכטץ צו טוען. חלילה גאט באשאפט ניכט קיין שלעכטע זאך פון מענטשינס וועגין. נאר עס איז גאר פון דיין טובה וועגין אזוי וויא אין זהר ווערט געברענגט אמשל פון אגביר מיט זיין זון ווען דר גביר וויל פרובין זיין זון צו ער איז גוט צו ניכט. זאגט דר גביר זיין פאטער צו איין זונה איך גיב דיר געלד און גייא צו מיין זון און רעד איהם צו ער זאל מיט דיר מזנה זיין. און ווען זיא גייט און רעד איהם צו. און ער האט אבער זיין פארשטאנד און וויל איהר ניכט צוא הערין. ווערט דאך דר גביר זיין פאטער איהם זעהר געטרייא און ליעבט איהם נאך פול מעהר פון פריער און גיט איהם אסך מתנות. און אויך צוא די זונה גיט ער פול שכר. אזוי אויך דער מענטש איז בייא גאט זעהר טייער און שיקט אויף איהם דעם יצה"ר פון וועגין דעם. ווען דר מענטש וועט ניכט צו הערין דעם יצה"ר וועט גאט איהם געבין פול שכר לעולם הבא:

ד (א ב) והאדם ידע את חוה אשתו. נאך דעם וויא אדם האט געזינדיגט האט ער שוין אלע מאהל באוואונט זיין ווייב חוה. און זיא האט געוואונען קין מיט הבל.

און הבל איז געווארין איין שאף פאסטוך און קין איז געווארין איין ערד ארבייטער. דער מדרש זאגט שאמר קין להבל נחלק העולם קין האט געזאגט צו הבל מיר זענין צווייא אויף דיא וועלט זאלין מיר זיך מיט איהר טיילען נטל קין קרקעות והבל נטל המטלטלין. האט קין גענומען דיא ערד זיין חלק און הבל האט גענומען דיא מטלטלים. דיא זאכען

וואם

וואס ווערין גיטראגען. פיר זיין חלק. איז דיא כוונה פון מדרש אזו. קין מיט זיין ברודער הבל זענין גיוועזן מהולק אין דעם תכלית פון דעם מענטש. קין האט גיזאגט אז דער גאנצער תכלית פון מענטש איז נאר ער זאל באארבייטען דיא ערד פון וועגען ער זאל האבען צו עסין אונ צו טרינקען אלע גוטע מאכלים ומשקאות אונ זיך אנטוען תענוגים אונ זיך געבען אלע תאוות. ווארום ווען נישט אויף דיא וועלט. ווען דען נאך דעם טויט איז נאר נישט. עס איז גאר גישטא קיין עולם הבא. הבל האט אבער גיזאגט. דאס דיא אלע תאוות אונ תענוגי הגוף פון עולם איז אלין הבל עס איז הבל הבלים עס איז גאר נישט. ווארום ווען דער מענטש שטארבט ווערט דאך פון זיין גאנצען גוף גאר נישט. אונ דער עיקר איז גאר עולם הבא זיא ווערט גירופען עולם הנצחיי. דארט קריגט דער מענטש דעם תכלית זיינעם. אונ מיט וואס גרייכט דער מענטש צו דעם תכלית האמת מיט תורה ומצות ומעשים טובים וואס דער מענטש טוט בעולם הזה דורך דעם קומט ער צו זיין תכלית צו עולם הנצחיי. אונ דאס מיינט דער מדרש קין האט גינומען קרקעות כלומר ער האט גיזאגט אז זיין גאנצע ארבייט איז נאר אויף עולם הזה צו האבין פיל פאר מעגין אונ זיך נאך געבין אלע תאוות. אונ הבל איז גיווארין איין רעה צאן צוא זיין תמיד אין דיא מדבר אפ געזונדערט פון מענטשין צו קענען דינען גאט אזוי וויא יעקב אונ משה רבינו זענין גיוועזן רעה צאן. אונ הבל האט גינומען מטלטלים זאכען וואס מען קען זיי טראגין כלומר ער האט גיזאגט דער עיקר תכלית פון מענטש איז נאר דיא תורה ומצות ומעשים טובים וואס מען קען דאס מיט טראגין נאך דעם טויט לעולם הבא. דאס איז א משל צו צוויא מענטשין וואס זענין גיפארין אויף א יריד. איינער האט גיקויפט טייערע דימאנטין אונ ברילאנטין אונ איז מיט זייא אהיים גיפארין אונ האט זייא פארקויפט אונ האט פיל געלט אין זייא פארדינט. דער אנדערער האט גיקויפט פעלדער אונ גערטנער מיט הייזער ער איז גיוועזן עטליכע יאר אונ האט גיגעסין דיא תבואה פון דיא פעלדער אונ פירות פון דיא גערטנער. אבער ווען ער וויל פארין אהיים קען ער דאס מיט זיך נישט מיט נעמען. ער וויל אבער דאך פארין אהיים מוז ער דאס אלין פאר קויפען אין האלב געלד. נמצא דער ליגט ער נאך. אזוי דער מענטש וואס רעדט זיך איין אז זיין גאנץ קומען אויף דיא וועלט איז נאר וועגען דעם גוף צו שפייזען מיט פארגעניגענס ער זאגט דאס איז דער עיקר פון מענטש. אונ קיין עולם הבא איז גאר גישטא ממילא וויל ער נישט אוים געבין זיין געלד אין צדקה אונ צו טוען מצות. אונ כל זמן ער האט נאר כח פיל צו עסין אונ צוא טרינקען איז דאך איהם אשאד דיא געלט אוועק צו געבין. נאר ווען ער ווערט קראנק ביים סוף פון זיינע יארין ווען ער זעהט זיך שוין נאהינט פון דעם טויט אונ באקלערט זיך אז אין גרוב אריין וועט ער דאך נישט מיט נעמען זיין געלד. דאמאלס איז ער זיך מיישב אונ גיט אוועק אביסעל געלד פאר א קרבן צו גאט כלומר ער לאזט א צוואה מען זאל געבין צו ארומע מענטשין אזוי פיל אונ אויף חברות אזוי פיל אונ אויף עולמות אזוי פיל. אונ ווען דאס איז אויך א מצוה. אבער זיא איז ווערט האלב געלד ווארום ער טוט אין סוף פון זיינען יארין. אונ ווען ער האט שוין קיין כח נישט. אונ ווען עס ניצט איהם שוין נישט דאס געלד. הייסט דאך דיא מצוה זיינע גלייך וויא א קראנקע זאך איז זיא דאך נישט ווערט קיין פיל געלד. אבער דער מענטש וואס האט שכל איז גלייך וויא ער קומט אויף דעם יריד דאס מיינט מען דיא עולם הזה געמט ער זיך נאך איין צו קויפען גוטע דימאנטן אונ ברילאנטין דאס

מיינט

מיינט מען תורה ומצות ומעשים טובים דאס דיא טייערסטע סחורה. אונ נאר דאס נעמט מען מיט זיך אין קבר אונ מיט דעם גירייכט ער צו עולם הבא עולם הנצחיי. אונ דאס מיינט דער פסוק (ג) ויהי מקץ ימים ווען קין איז גיקומען אין סוף פון זיינע יארין ויבא קין מפרי האדמה מנחה לה׳ האט קין זיך בארעכינט ער וועט דאך זיין פאר מעגין נישט מיט נעמין אין קבר האט ער גיברייננט איין מנחה צו גאט נאר אויך נישט פון דיא בעסטע נאר פון דיא ערגסטע פירות אזוי וויא דער מדרש זאגט מזרע פשתן הביא ער האט גיבריינגט זאמען פון פלאקס: (ד) והבל וגו׳ אונ הבל אבער ברייננט פון דיא בעסטע אונ פעטסטע שאף א מנחה צו גאט כלומר ער האט נאר פאר ניצט אויף דיא וועלט דיא ערגסטע זאכען וואס עס ניצט איהם נאר אביא צוא דער האלטין דאס לעבען. אבער דיא בעסטע זאכין. דיא בעסטע ארבייט זיינע איז נאר גיוועזן אין זעלבע זאכען וואס ניצען איהם לעולם הבא. איבער דעם וישע וגו׳ האט זיך גאט גיקערט צו הבל אונ צו זיין מנחה כלומר עס איז גיקומען פאר גאט זיין ווילען מיט זיין מנחה מיט זיינע גוטע מעשים (ה) ואל קין וגו׳ אונ צו דעם רצון פון קין אונ צוא זיין מנחה האט גאט זיך נישט גיקערט כלומר עס איז נישט גיווארין מרוצה צו גאט. ויחר לקין מאד ויפלו פניו אונ עס האט גיגרוממט צו קין זייער אונ ער איז בייא זיך אראפ גיפאלין כלומר ער האט זיך גישעמט: (ו) ויאמר וגו׳ זאגט גאט צו קין למה חרה לך ווארום גירוממט צו דיר דוא רעכינסט אז דאס איז איין עולה וואס דיין קרבן איז נישט מרוצה ולמה נפלו פניך אין פאר וואס ביסטו ביי זיך אראפ גיפאלין ממה נפשך. ביסטו ביי זיך אראפ גיפאלין דוא האסט בושה באדארפסטו נישט זיין אין כעס: (ז) הלא אם תיטיב ווען דוא ווערסט ווערין גוט שאת וועסטו זיין דער הויבען ואם לא תיטיב אבער ווען דוא וועסט נישט זיין גוט לפתח חטאת ביים אנהייב פון דיא זינד רבץ וועסטו ליגען כלומר דוא וועסט ווערין גישטראפט. אונ דיא זאלסט נית ענטפערין אתירוץ ואליך תשוקתו אז צו דיר איז זיין גלוסט כלומר דער יצהי״ר גלוסט דיר אן צו רעדין צו זיין שלעכט. זאג איך דיר אבער ואתה תמשל בו דוא האסט אבער דיא בחירה אויף איהם צו זיין איין מושל אונ איהם נישט צו הערין. אונ נאך קען מען טייטשען לפתח חטאת ביים אנהייב פון דיא זינד ווען דוא וועסט זיך נאר אנהייבען צו לאזען עפינען איין קליין טירעלע פון דעם יצה״ר זאלסטו וויסען רבץ אז ער וועט שוין בייא דיר ליגען אונ וועט שוין נישט אוועק גיין פון דיר נאר ואליך תשוקתו זיין גלוסט איז צו דיר ער וויל דיר שוין אין גאנצען צו זיך נעמין. איבער דעם זאג איך דיר איין עצה טובה ואתה תמשל בו תיכף וויא ער קומט נאר צו דיר זאלסטו אויף איהם ווערין איין מושל אונ איהם ארויס טרייבען פון דיר:

ה (א) זה ספר תולדות אדם וגו׳ דאס איז דאס דער ציילונג פון דעם גיבירט פון דעם מענטשין בדמות אלהים עשה אותו אין דעם גלייכעניש פון גאט האט ער בשאפען דעם מענטשין: (ב) זכר ונקבה בראם וגו׳ א זכר מיט א נקבה האט ער זייא בשאפען ויקרא את שמם אדם אונ ער האט גירופען זייער נאמען אדם ביום הבראם אין דעם טאג אז זייא זענין בשאפען גיווארען. איז דיא פסוקים זייער נישט צו פאר שטיין. ע׳ איז קשה דאס וואס עס שטייט דמות אלהים. אונ זכר ונקבה. אונ שמם אדם. נאר מען קען זאגין אזוי. מיר זייען אין דיא תורה בייא אלע זאכען וויא זייא זענין בשאפען גיווארי שטייט ביי זייא דיא ווערטער כי טוב אונ בייא ביאת אדם שטייט נישט כי טוב זאגין דיא ספרים אזוי. ווארום אלע בראים וויא זייא ווערין

בשאפען

בשאפען זענען זייא שוין פארטיג אזוי וויא זייא דארפען צו זיין. געשיקט שוין ביי זייא צו שרייבען כי טוב. אבער דער מענטש איז אין דעם טאג פון זיין געבארען נאך נישט גוט. ער האט נאך נישט זיין גאנצע שלימות עם פעלט איהם צייט אונ האט נאך ניט דעם שכל פון אמענטש אונ דעם עיקר נאמען אדם וואס דער מענטש ווערט גירופען איז נאר וועגען זיין שכל אונ ווען דער מענטש האט ניט קיין שכל ווערט ער ניט גירופען מיט דעם נאמען אדם נאר ער ווערט גירופען זכר אונ זיא ווערט גירופען נקבה. נאר ווען דער מענטש קריגט שכל ווערט ער גירופען אדם. אונ דאס איז שייך צו דעם מענטש אליין ער זאל זעהן זיך אום צו ארבייטען נאר אין תורה אונ חכמות פון וועגען דעם ער זאל זיך מאכען פאר איין אדם. נמצא איז דער מענטש מיט דעם גלייך צו גאט אזוי וויא גאט דארף ניט אנקומען צו קיינעם ער זאל איהם משלים זיין אזוי אויך דער מענטש קען זיך אליין משלים זיין. מיט דעם איז שוין גוט. פריער שטייט אין פסוק בדמות אלהים גלייך צו גאט האט גאט גימאכט דעם מענטש. דאס ער קען זיך אליין משלים זיין מיט דעם וואס ער זאל נאר עוסק זיין אין תורה אונ חכמה. זכר ונקבה בראם ווען ער האט זיי בשאפען זענען זייא נאך אן שכל ווערין זייא נאר גירופען זכר ונקבה. אבער ויקרא את שמם אדם ער רופט זייער נאמען אדם ביום הבראם אין דעם טאג וואס זייא טוהן זיך זעלבסט בשאפען כלומר זייא זענען עוסק אין חכמות ווערין זייא גירופען מיט איין אנדערין נאמען דאס הייסט מיט דעם נאמען אדם. איז דאך דאס גלייך וויא זייא בשאפען זיך אליין:

(כד) ויתהלך חנוך וגו׳ דער פסוק זאגט (איוב קפיטל לג פסוק כט) הן כל אלה יפעל
אל פעמים שלש עם גבר. דיא אלע זאכין טוהט גאט צווייא אונ דרייא מאל מיט
דעם מענטש. שרייבין די ספרי מקובלים דעם פשט פון פסוק. אז דער מענטש ווערט
מגולגל צווייא אדער דרייא מאל אויף דער וועלט. ווארום דער מענטש ווערט דאך נאר
בשאפין דאס ער זאל טוען מצות ומעשים טובים. אונ ווען ער טוהט נישט וויפיל ער
דארף טוען. אונ חלילה גאט זאל אויסהיטין ווען ער טוהט נאך עבירות מוז ער נאך זיין
שטארבין נאך אמאהל מגולגל ווערין אונ קומן אויף דער וועלט צו פר ריכטין דאס וואס
ער האט אין ערשטין מאל מקלקל גיוועו (קאליע גימאכט) אונ ווען דער מענטש האט
אויף זיך נישט קיין רחמנות אונ איז ניט מתקן וואס ער דארף. זויא מוז ער מגולגל
ווערין נאך איין דריט מאל. אונ ווען אין דריטין מאל איז ער אויך ניט מתקן. זויא ווערט
ער נאך זיין שטארבין פרפאלין אין כף הקלע. אבער ווען דער מענטש האט שכל אונ
האט אויף זיך רחמנות אונ זעהט תיכף ביא דעם ערשטין מאל צו טוען מצות ומעשים
טובים זויא דארף ער ניט נאך אמאל מגולגל ווערין אויף דיא פינסטערע וועלט. נאר ער
זיצט אין גן עדן העליון. אונ האט פארגניגין פון זיו השכינה. דאס זאגט דער פסוק.
ויתהלך חנוך את האלהים חנוך איז גיגאנגען מיט גאט ער האט תמיד געטוהן נאר אין
גאטס דיענסט. איבער דעם ואיננו כי לקח אתו אלהים אז גאט האט איהם איינמאל צו
גינומען פון דיא וועלט צו זיין מיט איהם אין הימל זויא איז ער חנוך שוין מעהר נישט
מגולגל גיווארין אויף די וועלט: אונ דאס מיינט דער נביא יחזקאל אונ זאגט פון גאטס
וועגין (יחזקאל יח כג) החפץ אחפץ וויל איך גאט דען במות המת אז דער מענטש ווס
איז שוין איינמאל גישטארבין זאל נאך אמאל שטארבין. איך וויל מער נישט כי אם
בשובו מדרכיו ער זאל טוען תשובה וחי וועט ער לעבין אייביג אין גן עדן:

ו (ג) ויאמר ה׳ זאגט גאט לא ידון רוחי באדם לעולם מיין רוח הקדש דאס מיינט מען

דעם

דעם הייליגען גידאנק וואס איך האב אריין גיגעבין אין מענטש דאס דער גידאנק
זאל דעם מענטש נישט צו לאזין צו טוען שלעכץ . וועט שוין דער גידאנק נישט קריגין
זיך מיט דעם מענטש אויף אייביג : בשגם הוא בשר ווארום דער מענטש מיט זיינע
שלעכטע מדות אונ מעשים רעים מאכט ער נאך דעם רוח צוא בשר צוא איין דבר
מגושם צו איין פראסטע זאך איבער דעם והיו ימיו מאה ועשרים שנה זאל דער מענטש
מעהר נישט לעבין נאר הונדערט אונ צוואנציג יאר איז דער קלוגער מענטש דער צדיק
זינדיגט נאר נישט אונ ווען עס טרעפט איהם חלילה יוא עפיס אזינד טוט ער תיכף
תשובה פון וועגין ער זאל נישט מגשם זיין אונ מטמא זיין חלילה דעם הייליגין רוח וואס
גאט האט אונז אריין גיגעבין אין אלע מענטשין ווען חלילה זייא טוען נישט תיכף קיין
תשובה . אבער ווען זייא וועלין זיך בארעכענען אז עס קומט ניך אן זייער צייט אוועק
צו גיין פון די וועלט אפ צו געבין דין וחשבון וועלין זייא גיוויס אויך טוען תשובה וועט
דער רוח בלייבין צוריק אין זיין הייליגקייט : (ח) ונח וגו׳ נח איז טייטש אפרוען . מיינט
דער פסוק אזוי . ונח אז דער מענטש איז אפ גירוהט פון צו זיין אין כעס ווען אויך מען
ברענגט אים אין כעס מצא חן בעיני ה׳ דר מענטש גיפינט חן אין דיא אויגין פון גאט :
דער רמב״ן שרייבט אז דאס וואס עס שטייט אין דיא תורה דערמאנט די דערציילונג פון
דיא בריאה פון דיא וועלט מיט אלץ אין איהר דאס דער מענטש זאל וויסין דם ערשטע
אז דיא וועלט מיט אלע ברואים זענין נית גיווארין פון זיך אליין נאר גאט האט זייא
אלע גימאכט אונ ווען ער וויל קען ער פון זייא מאכין צו נישט . אויך איז דאס ארמז
אויף די זעקס טויזנד יאר פון דיא וועלט . ווארום בייא השי״ת ווערט גירעכינט טויזנד
יאר צו איין טאג . איז יעדער טאג פון דיא זעקס טעג פון בריאת עולם מרמז אויף טויזנד
יאר . דעם ערשטין טאג איז גיוועז דיא וועלט פול מיט וואסער דאס ווייזט אויף די צוויי
טויזנד יאר וום זענין גיוועז וויסט פון דיא תורה . נאר דיא ליכטיקייט פון דעם ערשטין
טאג איז אנטקעגין די טויזנד יאר פון אדם הראשון . דעם אנדערין טאג איז גיווארין דם
פאר שפרייטונג צווישין דיא אויבערשטע וואסער מיט די הונטערשטע וואסער דאס ווייזט
אויף דעם וואס נח מיט זיינע קינדער זענין אפ גישייד גיווארין אין דיא אנדערע טויזנד
יאר פון דעם דור המבול וום זענין גמשפט גיווארין אין וואסער . דעם דריטין טאג איז
גיווארין גיוויזין דיא טריקעניש אונ אלע שפראצונג אין אלע פירות . דאס ווייזט אויף דער
דריטער טויזנד יאר וואס אברהם האט דאמאלס באקאנט גימאכט אז עס איז דא איין
גאט אונ ער הט די אמונה איין גיפלאנצט אונ עס הט גוט גישפראצט אונ עס הט גימאכט
פירות דאס דיא בני ישראל האבין מקבל גיוועזן דיא תורה ומצות וום דאס איז די פירות .
אין דעם פערדין טאג איז גיווארין דיא זון מיט דיא לבנה מיט דיא שטערין דאס ווייזט
אויף דעם פערדין טויזנד וואס דאמאלס איז גיוועזן דער ערשטער בית המקדש אונ אויך
דער אנדערער בית המקדש . דאמאלס איז גיוועזן צו דיא ישראל זייער לוכטיג . אונ דער
נאך איז אוים גיגאנגען דיא צווייא לייכטערס עס איז חרוב גיווארין דיא צווייא בתי
מקדשות איז שוין פון דאמאלס אן זעהר פינסטער . דעם פינפטין טאג איז גיווארין בשאפן
דיא שרצים אונ עופות דאס ווייזט אויף דעם פינפטין טויזנד וואס עס איז גיוועזן נאך
דעם חורבן האבין דאמאלס גיוועלטיגט דיא פיינט וועלכע האבין נית גיגלויבט אין גאט
אונ האבין גטוען מעשים רעים . דעם זעקסטין טאג איז גיווארין בשאפין דיא חיות אונ
דער נאך דער אדם . דאס ווייזט אויף דעם זעקסטין טויזנד וואס אין אנהייב האבין
גיוועלטיגט וועלכע מלכים וום זענין גיוועזן גלייך צו חיות . זייא האבין נית גיקענט גאט -

אבער

אָבֶּער דֶער נָאךְ אִין הַיינְטִיגֶע צֵייטֶן גִיוָועלְטִיגֶן זֶעלְכֶע מְלָכִים וָואס וֶוערִין גִירוּפִין בְּשֵׁם אָדָם אַזוֹ וִויא מִיר הָאבִּין פְּרִיעֶר גִישְׁרִיבִּין אַז דֶער וָואס הָאט דֶעם שֵׂכֶל הָאֱמֶת וֶוערְט גִירוּפִין בְּשֵׁם אָדָם. אִין דֶעם זִיבֶּעטֶין טָאג אִיז שַׁבָּת קֹדֶשׁ דָאס וַוייזְט אוֹיף עוֹלָם הַבָּא וָואס וֶוערְט גִירוּפִין שַׁבָּת:

# פרשת נח

(ט) **אלה תולדת נח**: דֶער פָּסוּק זָאגְט (תהלים סב יג) ולךָ אדני חסד וגו׳ אִיז דֶער טַייטְשׁ אַזוֹי וִויא דִיא גְמָרָא זָאגְט אלמלא עוזרו לא יכול לו וֶוען גָאט זָאל נִיט הֶעלְפִין דֶעם מֶענְשׁ פוּן דֶעם יֵצֶר הָרָע וָואלְט דֶר מֶענְטשׁ דֶעם יצה״ר נִיט גִיקֶענְט בַּיי קוּמֶן. דָאס מֵיינְט דֶער פָּסוּק ולךָ אדני חסד דֶעם חֶסֶד וָואס אַמֶענְטְשׁ טוּהְט מִיט דֶעם אַנְדֶערִין וָואס עֶר גִיט אִיהְם צְדָקָה דַארְף דָאס וֶוערִין גִירֶעכִינְט צוּ דִיר וָוארוּם וֶוען נִיט דִיא גָאט זָאלְסְט דֶעם מֶענְטְשׁ הֶעלְפִין פוּן דֶעם יצה״ר וָואלְט דֶער מֶענְטְשׁ נִישְׁט גִיטוּעֶן דֶעם חֶסֶד אוּנ צְדָקָה. אוּנ פוּן דֶעסְט וֶועגִין כי אתה תשלם לאיש כמעשהו בַּצָאלְסְט דִיא גָאט צוּא דֶעם מֶענְטְשׁ שְׂכַר גְלַייךְ וִויא עֶר אַלֵיין הָאט דָאס גִיטוּעֶן. דָאס אִיז אוֹיךְ דֶער טַייטְשׁ פוּן דֶעם פָּסוּק אלה תולדת נח דָאס זֶענִין דִיא גִיבּוּירְד פוּן נֹחַ. נח איש צדיק תמים וגו׳ דָם וָואס עֶר אִיז גִיוֶועזֶן אַצַדִיק תָּמִים אוּנ הָאט גִיטוּעֶן מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים דָאס אִיז זַיינֶע גִיבּוּירְט. אוּנ וֶוען אוֹיךְ את האלהים התהלךְ נח נֹחַ אִיז גִיגַאנְגֶען מִיט גָאט כְּלוֹמַר גָאט הָאט אִיהְם נָאךְ זִיךְ מִיט גִיפִירְט. פוּן דֶעסְטְוֶועגִין הֵייסְט דָאס זַיינֶע גִבּוּירְט:

אלה תולדת נח וגו׳ דֶער מִדְרָשׁ זָאגְט הדא הוא דכתיב דָאס אִיז וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין (מִשְׁלֵי קַפִּיטֶל יא פָּסוּק ל) פרי צדיק עץ חיים דִיא פֵּירוֹת פוּן צַדִיק אִיז אַיין לֶעבֶּדִיגֶער בוֹים. וֶוער זֶענִין דִיא פֵּירוֹת פוּן דִיא צַדִיקִים זַייעֶרֶע מַעֲשִׂים טוֹבִים. ולוקח נפשות חכם אוּנ דֶער קְלוּגֶער מֶענְטְשׁ נֶעמְט מִיט זַיינֶע רֵייד דִיא מֶענְטְשִׁין דָאס אִיז נֹחַ הזן ומפרנס כל החי אשר אתו בתיבה וָואס עֶר הָאט גִיגֶעבִּין צוּ עֶסִין אַלֶע בְּרוּאִים וָואס עֶר הָאט אַרַיין גִינוּמֶען אִין דִי תֵּיבָה. קֶען מֶען זָאגִין דֶעם פְּשַׁט פוּן מִדְרָשׁ אִיז אַזוֹ. וָוארוּם דִיא גְמָרָא זָאגְט (יומא פו) היכי דמי בעל תשובה וֶועלְכֶעס הֵייסְט אַיין בַּעַל תְּשׁוּבָה כגון שבאת דבר עבירה לידו פעם אחת ושנים וניצל ממנו אַז דִיא זֶעלְבִּיגֶע עֲבֵירָה וָואס עֶר הָאט אַיין מָאל גִיטוּהְן טְרֶעפְט אִיהְם נָאךְ אַיין מָאל צוּ טוּעֶן אוּנ עֶר טוּהְט נִישְׁט. דֶער וֶוערְט גִירוּפִין אַבַּעַל תְּשׁוּבָה. דֶער עִיקַר תְּשׁוּבָה אִיז נִישְׁט צוּא פַאסְטֶין. דֶער עִיקַר אִיז נָאר צוּ פַר רִיכְטִין וָואס עֶר הָאט מְקַלְקֵל גִיוֶועזֶן. יֶעדֶער מֶענְטְשׁ אִין זַיין זַאךְ דַארְף זֶעהְן צוּא פַר רִיכְטִין דָאס וָואס עֶר הָאט בִּיז אַהֶער מְקַלְקֵל גִיוֶועזֶן. אַזוֹ נח וֶוען גָאט הָאט אִיהְם גִיזָאגְט (אִין פָּסוּק יג) אִיךְ וִויל פַר דַארְבִּין דִיא אַלֶע בְּרוּאִים אוּנ דֶר נָאךְ (אִין פָּסוּק יז) אִיךְ וִויל בְּרֶענְגִין דֶעם מַבּוּל אַלֶע צוּ פַאר דַארְבִּין הָאט נֹחַ גִיזָאגְט צוּ גָאט. אוּנ וָואס וֶועט זַיין מִיט מִיר הָאט גָאט אִיהְם גִיזָאגְט מַאךְ דִיר אַיין תֵּיבָה וֶועסְט דוּ זַיין נִיצוֹל. הָאט נֹחַ מִיט דֶעם גִיזִינְדִיגְט עֶר הָאט גִידַארְפְט צוּא בֶּעטִין גָאט פוּן וֶועגִין דִיא בְּרוּאִים זַייא זָאלִין אוֹיךְ נִישְׁט וֶוערִין פַאר דָארְבִּין. אַזוֹי וִויא עֶר הָאט גִיבֶּעטִין פַאר זִיךְ. אוּנ אַזוֹ וִויא מִיר גִיפוּנֶען בַּייא מֹשֶׁה רַבֵּינוּ עֶר הָאט פוּל מָאל גִיבֶּעטִין וֶועגִין דִיא יִשְׂרָאֵל. הָאט דָאךְ נֹחַ גִידַארְפְט דָאס מְתַקֵן זַיין אִיבֶּער דֶעם הָאט גָאט גִיהֵייסִין עֶר זָאל אַרַיין נֶעמִין דִי אַלֶע בְּרוּאִים אוּנ זָאל זַייא גֶעבִּין עֶסִין. דָאס מֵיינְט דֶער מִדְרָשׁ דִיא פֵּירוֹת זֶענִין דִיא מַעֲשִׂים טוֹבִים פוּן צַדִיק אוּנ דָאס אִיז פִיר דֶעם צַדִיק אַבּוֹים פוּן לֶעבִּין. אָבֶּער נִישְׁט דָאס אַלֵיין אִיז גִינוּג פַאר

דעם

דעם צדיק דאס ער זאל גאר זארגן פאר זיך אליין. נאר ולקח נפשות חכם זה נח. דער
אבער צדיק זארגט פאר דעם אנדערן אויך אונ זעהט דעם אנדערן צוא לערנן ער זאל
גיין אין גאטס וועג אונ ווייל נח האט דאס פריער נישט גיטוען האט ער בדארפט דאס
פאר ריכטן מיט דעם וואס ער האט זייא גיגעבן צוא עסין: (יא) ותשחת הארץ לפני
האלהים אונ דיא ערד איז גיווארין פר דארבין פר גאט. ותמלא הארץ חמס זיי האבין איינער
דעם אנדערין גנזלת. פרעגט דער זוה״ק דיא קשיא מאי לפני האלהים וואס איז דער טייטש
פון דעם ווארט לפני האלהים פאר גאט. ענטפערט דער זוהר אזו ווארום אז זייא וואלטין
נישט אלע גיגזלת. נאר אביסל פון זיי וואלט דס גהייסן זיי פר דארבן איינער קעגן דעם אנדרן. אבר
ווען אלע האבן גיגזלת הייסן דאך אלע גזלנים. גשיקט זיך נאר צו זאגן זיי האבן פרדרבן פר גאט:
(יד) עשה לך וגו׳ דאס איז קרמז דעם מענטש. ווען ער טוט תפלה אדער ער לערינט
תורה זאל ער דיא ווערטער רעדין מיט גרויס פחד אונ מיט ברענדיגקייט נישט פאר
שלאפען. דאס איז טייטש עשה לך מאך דיר תבה דאס ווארט ווען דוא וועסט טוען
תפלה אדער לערנין דיא תורה עצי גפר זאל דאס זיין אזוי וויא שוועבעל האלץ ווען
מען לייגט צו אין דעם אביסעל פייער ברענט דאס. אזוי זאל זיין דייגע ווערטער מיט
גרויס כוונה וועט דאס זיין פון איין געטליכע פייער אונ עס וועט ארויף געהן אין הימעל.
קנים תעשה את התבה יעדער ווארט זאלסטו איין זעצין אין אבאזונדער חדר כלומר
דוא זאלסט מדקדק זיין צו רעדין דיא ווערטער בדקדוק יעדער ווארט באזונדער פון
דעם אנדערין. וכפרת אתה מבית ומבחוץ בכפר. אונ דוא זאלסט זעהן אזוי מדקדק
צו זיין אז יעדער ווארט זאל זיין גוט ארויס גירעדט אין דאס ווארט זאל זיין מיט גרויס
פחד אונ מיט כוונה דוא זאלסט ארום באדעקין יעדער ווארט. פון אינעווייניג כלומר
פון דעם טיפעניש פון הארץ. אונ אויך פון אויס ווייניג עס זאל נישט זיין מיט מחשבות
זרות דאמאלס וועט דאס זיין צו גידעקט פון דעם יצה״ר זייא וועלין נישט קענין שולט
זיין אויף דיא ווערטער: (טז) צהר תעשה לתבה וגו׳ איז אויך דער רמז אז דיא ווערטער
זאלין זיין מיט גרויס התלהבות מיט גרויס כוונה אונ מיט פחד איז טייטש פון פסוק
איין ליכטיקייט זאלסטו מאכען צו יעדער ווארט: (יז) ואני הנני מביא את המבול מים
על הארץ אונ איך גאט וועל ברענגען אמבול אויף דיא ערד לשחת כל בשר וגו׳ צוא
פאר דארבען אלע ברואים. דער כלי יקר שרייבט דעם טעם פון מבול אזוי. ווארום
דער חטא פון דור המבול איז גיוועזן עבודה זרה אונ זנות אונ גזילה. אונ ביא דיא
עבירה פון עבודה זרה שטייט אין פסוק (ירמי׳ ב׳ י״ג) אותי עזבו מקור מים חיים לחצוב
להם בארות בארות נשברות אשר לא יכילו המים. ירמי׳ הנביא זאגט פון גאטס וועגין.
דיא ישראל האבין מיר גאט גאר פאר לאזט. וואס איך בין צו זייא איין קוואל וואס
עס קוועלט אין איהם דיא וואסער אלע מאהל. דאס מיינט מען ווען דיא ישראל דינען
צוא גאט מיט תורה ותפלה אונ מיט מצות ומעשים טובים צוען זייא זייער השפעה
פון גאט אליין וואס עס הערט קיינמאהל נישט אויף צו משפיע זיין. האבין זייא גאר
דאס אין גאנצען אוועק גילאזט. אונ זייא געהן גאר צוא דינען דיא ע״ז וואס זיא איז
גליך צו צובראכענע גריבער וואס זייא קענין גיט דער האלטען אין זיך אפילו דאס
ביסעל וואסער וואס מען גיסט אין זייא אריין. אונ ווייל דער דור המבול האבין גידינט
דיא עבודה זרה. האבין זייא פאר מיאוסט אין קוואל פון גאט איז מדה כנגד מדה
זענין זייא גיווארין גישטראפט דורך דיא קוואלין פון וואסער. דער עונש פון דיא
עבירה פון זנות זאגט דיא גמרא הבא על אשת איש מיתתו בחנק דער וואס איז בזנות

קיט אפרעמדע אשה קוקט איהם חנך צו ווערין דער ווארנען . זאגט די גמרא אפט"
שבטלו ארבע מיתות בית דין . דין ארבע מיתות לא בטלו . מי שנתחייב חנק או
טבע בנהר וכו' אפילו היינטיגע צייטען וואס עס איז בטל די דינים פון בית דין זאלין
בן זיין ארבע מיתות . דאס איז נאר בטל ביא בית דין שלמטה אבער ביא בית דין
של מעלה איז דאס נישט בטל . דער מענטש וואס איז מחויב חנק פון וועגען איין
עבירה וואס ער האט גיטוהן ווערט ער דער טרונקען אין וואסער . אונ דער דור
המבול פאר דעם וואס זייא האבין גיזינדיגט אין די עבירה פון זנות קומט זייא חנק
איבער דעם ווענין זייא דער טרונקען גיווארין מיט דעם מבול . אונ דער עון פון גזל
איז דאס וואס ער גייט אריין אין דעם אנדערין מענטשם גבול איבער דעם איז אויף
זייא גיקומען דער מבול מים ווארום יעדער טראפען וואסער קומט ארויף אוף דעם
אנדערין טראפען אונ גייט אריין אין זיין גבול . אונ בקיצור קען מען זאגען דעם עונש .
ווארום גאט האט גימאכט אכריתות ברית מיט די מענטשין דאס זייא זאלין מקיים זיין
מענשליכקייט אונ זייא האבין זיך פאר דארבען אונ האבען צושטערט דעם כריתות
ברית . איבער דעם האט גאט אויך מבטל גיווען זיין כריתות ברית וואס ער האט
גימאכט מיט די וואסער אז זיא זאל נישט פאר פלייצען די וועלט . אבער זעלבע
מענטשין וואס זענין מבטל דעם ברית דארף מען צו זייא אויך מבטל זיין דעם ברית .
איבער דעם איז גיקומען אויף זייא דער מבול . אבער נח זאגט אויף איהם דער פסוק
נח איש צדיק כלומר נישט אזוי דאס וואס ער האט נישט זיך נוהג גיווען אזוי וויא
זיין דור ער זאל גזלנין . האט ער נאך גיגעבען צדקות . אזוי וויא עס שטייט (תהלים
ל"ז כ"א) צדיק חונן ונותן דער צדיק לייזעליגט אונ שענקט דעם חבר מתנות . תמים
הי' בדורותיו . אין זיינע דורות וואס זייא האבין גיטוהן די עבירה פון זנות . איז ער
גיוועזן איין איש תמים זאגט דער מדרש שנולד מהול ווען ער איז גיבוירען גיווארען
איז ער שוין גיוועזן נמלית דאס ווייזט אז ער איז גיווען אפ געהיט פון זנות . את
האלהים התהלך נח . נח איז גינאנגען מיט גאט ער האט נישט גיזינדיגט די ע"ז איבער
דעם איז ער ניצל גיווארין :

ז (א) ויאמר ה' לנח וגו' עפ"י רמז איז דער טייטש אזוי . גאט זאגט צו נח בא אתה
וכל ביתך אל התיבה . דער גוף ווערט גירופען בית ווארום ער איז די הויז
פון די נשמה . זאגט דער פסוק . ווען דער מענטש זאגט די ווערטער פון תורה אין
תפלה זאל ער זיין אין גאנצען מיט אלע אברים אונ מיט אלע מחשבות נאר אין די
ווערטער וואס ער רייד ער זאל רעדין יעדער ווארט מיט אלע כוחות אונ מיט גרוים
כוונה . כי אתך ראיתי צדיק לפני בדור הזה דאמאלס וועסטו זיין דער צדיק אונ דוא
וועסט זיין תמיד פאר מיר : (ח) ויעש נח . נח איז טייטש רוהען . איז דער רמז אז
מען איז מקיים שבת וואס ווערט גירופען מנוחה . ככל אשר צוהו ה' איז עס גלייך
וויא מען איז מקיים די גאנצע תורה . אזוי וויא די גמרא זאגט שקול שבת ככל
התורה כולה שבת איז גלייך וויא די גאנצע תורה : (ט) שנים שנים באו אל נח צוא
פארין ווענין זייא גיקומען צו נח אין די תיבה . דער ילקוט שרייבט אתא שקרא בעא
למיעל . דער שקר האט אויך גיוואלט אריין קומען אין די תיבה איל נח לית את
יביל אלא א"כ נסבת לך זוג האט נח צום שקר גיזאגט דוא וועסט ניט קענין אריין
קומען אין די תיבה נאר ווען דוא וועסט זיך נעמין איין זוג . ווארום אין די תיבה
קענין נישט אריין קומען נאר צו פאר עיים . פגע בפחתא האט דער שקר גיטראפען

דעם עמל ודאס איז דיא אומזיסטע ארבייט . מען ארבייט אונ מען לויפט אונ מען
גזילת אונ מען רעד פאלש אלץ פון וועגען צוא האבען פאר מעגינס . אונ מען האט
גאר נישט פון דיא ארבייט) א"ל מן הן את אתי זאגט דער שקר צום עמל דוא ווילסט
מיט מיר מיט גיין אין דיא תיבה . א"ל מן גבי נח אזלת בעי למיעל לתיבותא
זלא שבק לי איך האב געוואלט אז נח זאל מיר אריין נעמען אין דיא תיבה האט ער
מיר נישט אריין גילאזט אלא אמר לי נח האט מיר גיזאגט אי אית לך בר זוג את יכול
מיעל אויב דוא האסט איין זוג וועסטו אריין גיין . זאגט דער שקר צוא דעם עמל ואי
את בעי תהוי זוגי אין דוא ווילסט ווערין מיין זוג א"ל ומה את יהיב לי זאגט דער
עמל צום שקר וואס וועסטו מיר געבען א"ל אנא מתקן עמך דכל מה דאנא מסגלי
את נסבת ענטפערט דער שקר צו דיא עמל איך וועל מיט דיר אפ מאכען אלץ וואס
איך וועל אויף זאמלען מיט מיין פאלשקייט זאלסטו דאס נעמען . אתקין ביניהון דכל
מה דשקרא מכנים תהא פחתא נסבא . האבען זייא אזוי אפ גימאכט ועלון תרוויהון
לתיבותא זענין זייא ביידע אריין גיגאנגען אין דיא תיבה . כיון דנפיק אין דער נאך ווען
זייא זענין ארויס גיגאנגען פון דיא תיבה הוי שיקרא אזיל ומכנים ופחתא נסבא דקדמי
קדמי איז גיגאנגען דער שקר ארויס מיט זיין פאלשקייט אויף דיא וועלט אונ האט
אויף גיזאמילט פאר מעגין . אונ דאס אלץ וויא גלייך עס איז גיקומען האט דאס דיא
עמל צו גינומען אונ עס איז גיווארין פון דעם גאר נישט . אתא שקרא א"ל אן אינון
כל דסגילות איינמאהל זאגט דער שקר צו זיין זוג דיא עמל וויא איז דאס גאנץ פאר
מעג וואס איך האב אויף גיזאמילט א"ל ולאו כן אתקנת עמי דכל מה דאת מכנים אנא
נסבית ענטפערט דיא עמל צוא דעם שקר האבין מיר דען נישט אזוי אפ געמאכט אז
וואס דוא וועסט אויף זאמלען וועל איך אלץ צו נעמין לא הוי לה פתחון פה האט שוין
דער שקר נישט גיהאט וואס צו רעדין . אין דאס שטייט אין פסוק (תהלים ז' ט"ו)
הרה עמל וילד שקר דיא עמל ווערט טראגענדיג פון דעם וואס איהר זוג שקר מאכט
צו איהר גיבוירען . אבער עס בלייבט פון דעם גאר נישט . דער ילקוט מיינט דאס
פאר אמשל דיא מענטשין וואס זייא מיינען אז מיט דיא שקרים פון זייערע רייד אונ
פון דיא שקרים פון דיא פאלשע מאס אונ פאלשע וואג ווערין זייא רייך . אבער עס
איז גאר פאר קערט דאס געלד וואס עס קומט דורך פאלשקייט גייט דאס אוועק אין
צרות עס בלייבט פון דעם גאר נישט . גאר דאס געלד וואס מען פאר דינט מיט דעם
אמת דאס איז נושא פרי דאס איז מצליח דעם מענטש אויף ביידע עולמות : (יח) ויגברו
המים וירבו מאד על הארץ . דער אור פני משה אונ נאך ספרים שרייבען דעם רמז
פון דיא פסוקים אזוי . דיא תורה איז גלייך צו וואסער . אזוי וויא דיא וועלט קען נית
זיין אן וואסער . אזוי אן דיא תורה קען דיא וועלט נית האבען קיין קיום . אין דער
גוף ווערט גירופען ארץ ווארום דער חומר פון גוף איז פון דיא ערד זאגט דער פסוק .
ויגברו המים ווען דיא תורה וואס ווערט גירופען מים שטארקט זיך וירבו מאד על
הארץ אונ זיא ווערט גימערט אין דעם גוף וואס ווערט גירופען ארץ . ותלך התיבה
על פני המים אונ דיא ווערטער פון דעם מענטש וואס ער לערינט תורה גייט ארויס
פון זיין מויל כלומר ער טוט זיך אריין שטארק אין דעם לערנין אונ ער וויל אז
(יט) והמים גברו אז דיא תורה זאל זיך אין איהם שטארקען זאל ער זעהן מאד מאד .
דאס ווייזט אז ער זאל זיין איין עניו אזוי וויא דיא גמרא זאגט מאד מאד הוי שפל
רוח זעהר אונ זעהר זאלסטו מענטש זעהן אז דוא זאלסט זיך נית האלטען בגאוה דוא

יאלסם

זאלסט זיין איין גרויסער עָנָיו זיך צו האלטען זייער נידעריג. דָאס מיינט דער פסוק אויך מיט דיא צווייא ווערטער מאד מאד וָוארום על הארץ דיא מענטש באדארפט באקלערין אז דוא ביסט אויף דיא ערד. דוא ביסט נאר נישט אזוי פרעגעם. דוא ביזט דאך נאר אויף דיא ערד אונ דיא אליין ביסט פון ערד אונ דיין סוף וועט זיין אין דיא ערד. איבער דעם זאלסטו זיין איין גרויסער עָנָיו. אונ זאלסט נישט האלטען זיך בגאוה ווארום דוא האסט מער פאר מעגין וויא דיין חבר. זאלסטו ניט דעם אנדערין מַזָּל זיין. נאר ויכסו כל ההרים הגבהים אשר תחת כל השמים עס זאל זיין ביי דיר באדעקט דיא הויכע בערגער וואס זייא זענין אונטער דעם הימעל כלומר דוא זאלסט זיך ניט האלטען גרויס איבער דיין חבר דורך דעם וואס דוא האסט עשירות ווארום דאס בלייבט אונטער דעם הימעל. אונ דיא מענטש וועסט דאס ניט מיט נעמין ניט מיט דעם גוף אין דיא ערד אריין אונ ניט מיט דיא נשמה אין הימעל אריין: (כ) חמש עשרה אמה מלמעלה גברו המים. פופצען איילען הויך שטארקען זיך דיא וואסער דער השי"ת ווערט גירופען מיט דעם נאמען י"ה דאס באטרעפט פופצען. זאגט דער פסוק דיא תורה וועט זיין אזוי טייער אז זיא וועט ארויף גיין אין דיא הייך צוא גאט. נאר ווען אז ויכסו ההרים אז דאס גרויסקייט זאל זיין צו גידעקט דער עיקר איז נישט צוא האלטען זיך בגאוה. אונ נאך מער דער וואס ער לערינט דיא תורה בדארף זיך גיווייס אפ היטען פון גאוה. אונ איין עצה צו דעם זאגט דער פסוק (כא) ויגוע כל בשר וגו׳ אונ עס פאר גייט אלע באשעפעניש כלומר דער מענטש ווען עס קומט איהם אויף איין זיין גידאנק ער זאל זיך האלטען בגאוה אויף זיין חבר. זאל ער זיך דער מאנן אין דעם יום המיתה. וואס דער סוף איז פון דיא מענטשין וועט ער זיך שוין גיוויס ניט האלטען בגאוה: (כב) כל אשר נשמת רוח חיים. ווען מען זעהט איין מענטש דאס ער האט אין זיך אלעבעדיגע נשמה. כלומר ער טוט תמיד מצות ומעשים טובים אונ לערינט תורה מיט אלע כוחות. איז דאס אסימן מכל אשר בחרבה מתו אז אלע תאוות וואס דער מענטש בלייבט טריקען פון זייא ווען ער גייט אוועק פון דיא וועלט מתו זענין בייא דעם מענטש גישטארבען כלומר ער גיט ניט צו דיא תאוות קיין לעבעדיגקייט דאס ער זאל זייא טוען נאר זייא שטארבען אפ בייא איהם. ער טוט זייא גאר נישט אונ חלילה אבער ווען דער מענטש טוט נאך אלע תאוות אונ מאכט זייא לעבעדיג איז דאס איין סימן אז זיין נשמה איז בייא איהם גישטארבען. אונ לעבט אן אנשמה אזוי וויא אבהמה. אזוי וויא דיא גמרא זאגט רשעים בחייהם קרוים מתים. דיא רשעים ווען זייא לעבען ווערין זייא גירופען גישטארבינע ווארום דיא נשמה איז בייא זייא גישטארבען. נמצא ווען דער מענטש וויל זיין איין לעבעדיגער מענטש בארף ער זיך נישט נאך געבין קיין תאוות נאר עוסק זיין אין תורה ומצות ומעשים טובים: (כג) וימח את כל היקום וגו׳ אונ גאט האט אפ געמאכט דאס גאנצע בשטאנד מאדם עד בהמה וגו׳ אלע מענטשין אונ בהמות אונ אלע ברואים. דער ילקוט פרעגט דיא קשיא אם אדם חטא בהמה מה חטאת ווען דיא מענטשין האבען גיזינדיגט זענין זייא גיווארען גישטראפט. אבער דיא איבעריגע ברואים וואס האבען זייא דען גיזינדיגט וואס זייא זענין גישטראפט גיווארען. איז דער תירוץ אזוי תנא משום ר׳ יהושע בן קרחא. ר׳ יהושע בן קרחא זאגט משל לאדם שעשה חופה לבנו והתקין בה את כל מיני סעודה. דאס איז אמשל צו איין מענטש וואס האט גימאכט חתונה זיין זוהן אונ האט אנגעבריים אלע מינים וואס מען בדארף אויף דער סעודה. לימים מת בנו אין עטליכע טעג איז

זיין

זיין זון געשטארבען . עמד ובלבל את חופתו האט ער צושטערט די אלע זאכען פון די סעודה . אמר כלום עשיתים אלא בשביל בני דער מענטש זאגט דאס אלץ האב איך נאר גימאכט וועגען מיין זון עכשיו שמת בני חופה למה לי אונ אצונד אז מיין זון איז געשטארבען וואס טויג מיר די אלע זאכען . אף הקב״ה אמר אזוי זאגט גאט אויך כלום בראתי בהמה וחי׳ אלא בשביל אדם די גאנצע וועלט מיט אלע ברואים האב איך נאר בשאפען פון וועגען מענטש עכשיו שהאדם חטא חי׳ ובהמה למה לי אונ אצונד אז די מענטשין האבין גיזינדיגט אונ ער מוז ווערין פאר דארבען פון די וועלט וואס טויג מיר די חיות אונ די בהמות . איבער דעם זענין די אלע ברואים אויך גיווארין פאר דארבען . פון דעם דארף דער מענטש זיך ארויס נעמין איין מוסר השכל ער זאל זיך זעהן צו היטען פון צו זינדיגען ווארום מיט זיין חטא מאכט ער זיך דעם טויט אונ נאך פיל ברואים מאכט ער אויך דעם טויט . ווארום זייא לעבען דאך נאר וועגען מענטשין . איבער דעם דארף דער מענטש נאר טוהן מצות ומעשים טובים אונ צוא לערנין תורה מיט דעם וועט ער זיך מחיה זיין אונ אויך אלע ברואים פון די וועלט :

ח (ו) ויהי וגו׳ דער אור פני משה שרייבט אז דער פסוק איז מרמז אויף א בעל תשובה . ווארום אין די גמרא שטייט אז דאס קינד ווערט בשאפין אין די מוטערס בויך צו די צייט פון פערציג טעג . אונ דער בעל תשובה ווען ער טוהט תשובה אויף זיינע עבירות איז ער גלייך וויא איין גיבארינעס קינד . איבער דעם דארף ער תשובה טוען די צייט פון פערציג טעג . דאס מיינט דער פסוק ויהי מקץ ארבעים יום אונ עס קומט אין סוף די פערציג טעג וואס ער טוהט תשובה ויפתח נח את חלון התבה . דער בעל תשובה וואס ער ווערט גירופין נח ווארום נח איז טייטש בארוהט כלומר ער איז מרוצה צו גאט . אויך די אותיות נח מאכט צוריק חן . עפינט אויף דעם פענסטער פון קאסטין כלומר ער עפינט אויף זיין הארץ צו תשובה . אונ ווען אויך גאט העלפט איהם פון דעם יצה״ר פון דעסטוועגין אשר עשה הייסט דס דר מענטש אליין מאכט זיך דס : (ז) וישלח את הערב אונ דער בעל תשובה שיקט אוועק פון זיך דעם ערב דאס מיינט מען דעם יצר הרע . ווארום אזו וויא די ראב זאגט אויף איהר די גמרא עורבא שקרא דער ראב איז איין משקר . אזוי דער יצה״ר איז אויך א משקר ער רעדט אן דעם מענטש צו זינדיגין אונ זאגט איהם אז עס וועט איהם זיין זעהר גוט . אונ דר נאך איז אבער דר סוף זעהר שלעכט . אונ דער בעל תשובה שיקט איהם אבער פון זיך אוועק . נאר דר בעל תשובה דארף אבער וויסין ויצא תאמשע דר יצה״ר גייט ארויס פון אים יצוא ושוב ער גייט טאקע אצונד ארויס . אבער ער קערט תיכף צוריק איהם ווייטער ארין קריגין עד יבשת המים מעל הארץ דער יצה״ר ווארט אפ אז דער מענטש זאל אויפהערין צו לערנין די תורה וואס ווערט גירופין מים . אבער דר קלוגר מענטש דער בעל תשובה זאל דאס האבין אין זיין גידאנק זאל ער נישט אפ לאזין זיך פון עוסק זיין אין תורה ומצות ומעשים טובים וועט שוין גיוויס דר יצה״ר פון איהם אין גאנצין אוועק גיין : (ח) וישלח את היונה . דער פסוק איז מרמז דעם חורבן בית המקדש אונ דאס וואס מען איז אין גלות . זאגט דער פסוק אזו . וישלח אונ גאט האט אוועק גישיקט את היונה די ישראל וואס ווערין גירופין (אין שיר השירים) יונתי מיין טויב . האט זייא גאט אוועק גישיקט אין גלות בבל . לראות זייא זאלין זעהן הקלו המים אז עס איז ניט גוט ווען מען מאכט זיך גרינג פון צו לערנין תורה וואס זיא ווערט גירופין מים . פון וועלכין ארט האט גאט זייא אוועק גישיקט מעל

פני

פני האדמה פון ארץ ישראל וואס זיא איז דיא העכסטע אונ חשובסטע לאנד פון דיא
גאנצע ערד : (ט) ולא מצאה היונה מנוח לכף רגלה אונ דיא ישראל האבין נישט קיין רוהע
אין גלות . ותשב אליו אונ זייא האבין גיטוהן תשובה . אל התבה . תבה איז טייטש
ווערטער . כלומר זייא האבין גיבעטין אונ גיזאגט כי מים על פני כל הארץ אז די צרות
זענין אזו פול וויא דיא וואסער . וישלח ידו האט גאט אויס גישטרעקט זיין האנד ויקחה
ויבא אותה אליו אל התבה אונ האט זייא ארויס גינומען פון גלות בבל אונ האט זייא
גיברענגט צוא איהם קיין ארץ ישראל . אונ האט גיבויעט דעם אנדערין בית המקדש
וואס ווערט גירופין תיבה אזו וויא דיא תיבה האט מציל גיוועזן צוא נח מיט זיין הויז
גיזינד פון מבול אזו האט דער בית המקדש מציל גיוועזן די ישראל פון אלעם שלעכטץ .
אונ דער נאך האבין זייא ווייטער גיזינדיגט אונ האבין דיא תורה נים גילערנט . נאר
(י) ויחל עוד שבעת ימים זייא האבין דיא זיבן טאג פון דיא וואך פאר שוועכט מיט אלע
שלעכטע תאוות . אונ וועגין דעם זענין זייא איבער גיענטפערט צוא דעם יצה״ר וואס ווערין
גירופין אחרים . איבער דעם ויוסף שלח את היונה מן התבה האט ער ווייטער אוועק
גישיקט דיא ישראל פון בית המקדש . אונ האט איהם חרוב גימאכט : (יא) ותבא אליו
היונה לעת ערב אונ דיא ישראל קומען צו גאט אין דעם ביטערין גלות ווען עס איז אין
איהם פינסטער וויא נאכט . והנה עלה זית טרף בפיה זייא בעטין אונ זאגין מיט זייער
מויל דאס דער גלות איז זעהר ביטער וויא אבלאט פון איין אייל בירט בוים . זאגט אבער דער
פסוק וידע נח דאס מיינט מען השית . האט השם יתברך גיזעהן כי קלו המים וגו׳ אז
דאס לערנען פון דיא תורה איז בייא זייא ווייטער גרונג : (יב) וייחל וגו׳ אונ דיא זיבן טעג
פון די וואך ווערט בייא זיי פאר שוועכט דורך זייערע מעשים רעים . איבער דעם נעמט
ער זייא נים ארויס פון גלות . נאר וישלח וגו׳ אזו וויא עס שטייט (אין במדבר כו ז)
וישלח ה׳ בעם את הנחשים איז דארט דער טייטש וישלח גאט האט אנגירייצט אויף דעם
פאלק ישראל די שלאנגין . אזוי דא איז אויך דער טייטש וישלח גאט טוהט אנרייצין די
פיינד אויף דיא ישראל זייא טוהן זיי אן פול צרות . ביז זיי וועלין ווערין בעסער ולא יספה
אונ זייא וועלן שוין נים מערין צוא טוהן שלעכטץ . באמאלם שוב אליו עוד וועלין שוין
דיא ישראל צוריק קערין צוא גאט . ער וועט זייא שוין ארויס נעמין פון גלות . דער כלי
יקר שרייבט דעם טעם פון דיא פסוקים , פאר וואס ווען נח האט געשיקט דעם ראב
שטייט (אין פסוק ז) וישלח את הערב וגו׳ נח שיקט דעם ראב פויגיל צוא זעהן אויב די
וואסערין איז גימינערט גיווארען ויצא אונ ער איז ארויס גיגאנגען יצא ושוב וגו׳ ארויס
גיין אונ ווידער קערין אונ ער איז נישט גיגאנגען . אין פסוק ח שטייט וישלח את היונה
וגו׳ אונ נח האט געשיקט דיא טויב . אונ פון איהר איז ער גיווארר גיווארין אז דיא וואסער
איז שוין גרינגער דארף מען דם פאר שטיין פאר וואס איז אזוי גיוועזן . אז דורך דעם
ראב זאל ער נישט קענין גיווארר ווערין צו דיא וואסער איז גרינגער . אונ דורך דיא טויב
זאל ער יוא גיווארר ווערין קען מען זאגין אזו וואורום דיא גמרא זאגט אז וועגין דעם איז
דער ראב נישט גיגאנגען אין דיא שליחות ווארום ער האט חושד גיוועזן צוא נח אז ער
זאל נישט וואהנען מיט זיין בן זוג . אונ דיא גמרא זאגט כל הפוסל במומו פוסל דער וואס
איז חושד דעם אנדערן איז אסימן אז ער איז אליין חשוד אויף דיא זאך . אונ אז דער ראב
האט חושד גיוועזן צו נח אפשר וועט ער מונה זיין . איז דאך דאס אסימן אז דער ראב
אליין איז אנואף . אונ נאך זאגט דיא גמרא סתם עורבים גנבים אז דער ראב איז איין גנב .
אבער די טויב איז אפ גישייד פון דיא צווייא זאכין . זיא איז אפ גיהיט פון זנות . זיא איז

נאר דבוק צוא איהר בן זוג. אונ אויך איז זיא אפ גיהיט פון גזל. ווארום אויף דעם (פסוק יא) והנה עלה זית טרף בפיה אונ איין בלאט פון איין איילבירט בוים האט נח אנגעכאפט אין איהר מויל. זאגט דער מדרש פר וואס דוקא אבלאט פון איין איילבירט בוים. נאר ווייל דיא בלעטר זענען ביטר. האט די טויב געזאגט לאזין מיינע מזונות זיין ביטר וויא איין בלאט פון אייל בוים אונ עס זאל זיין דורך דיא הענד פון הקדוש ברוך הוא אונ ניט זיס וויא האניק אונ דורך דיא הענד פון אמענטשין. זעהן מיר אז דיא טויב וויל ניט קיין הנאה האבין פון אמענטשין אונ אכל שכן אז זיא וויל ניט נעמן פון מענטשין דורך גזילה. אונ דאס שטייט דאך אין פסוק אז דער עיקר עונש פון דור המבול איז נאר גיוועזן וועגין דעם חטא פון זנות אונ גזל. אונ דארורך איז דער ראב וואס ער טוהט אויך דיא צוויא עבירות זנות אונ גזל איז ער נישט ראוי גיוועזן מבשר זיין צו נח אז דיא וואסר פון מבול איז גרינגער גיווארין. אבער דיא טויב איז אפ גיהיט פון דיא צוויא עבירות גזל אונ זנות איבער דעם האט זיא זוכה גיוועזן מבשר צוא זיין דיא בשורה צוא נח אז דיא וואסר פון מבול איז גרינגער גיווארין:

ט (ג) כל רמש וגו׳ דער אור פני משה שרייבט אז דער פסוק איז דאס מרמז אויף דעם מענטש דעם צדיק וואס האלט זיך זעהר נידריג איז ער זוכה אז וועגין אים העלפט השי״ת פון הימל אלע מענטשין. דאס איז דער טייטש פון פסוק כל רמש דער מענטש וואס איז איין עניו ער האלט זיך זעהר נידריג אזוי וויא ווערימליך. אשר הוא חי דער מענטש ווערט גירופן איין איש חי איין לעבעדיגער מענטש אזוי וויא מיר האבין פריער גישריבין פון דיא גמרא וועגין אז דיא רשעים ווען אויך זייא לעבין ווערין זייא גירופן מתים גישטארבענע מענטשין. ווארום דער עיקר פון דעם לעבין איז נאר צוא טוען מצות ומעשים טובים אונ לערנין תורה אונ דורך דעם מענטש דעם עניו דער צדיק איז לכם יהיה לאכלה וועט זיין צוא אייך אלע צוא עסין. דורך דעם צדיקס זכות וועט השי״ת העלפין צו אלע מענטשין. אונ דיא מענטשין זאלין נישט זאגין אז דאס איז פאר זייא זעהר שווער. זאגט דער פסוק בירק עשב נתתי לכם את כל. אזוי וויא עס איז גרינג צו בייסין דיא גרינע גראז פון פעלד אזו גיב איך אייך איבר אלע גוטע מדות ווען איהר ווילט זיך נאר נוהג זיין מיט זייא וועט אייך זיין זעהר גרינג. איך וועל אייך נאך צו העלפין צו דעם מענטש וואס וויל זיך נוהג זיין אין דיא דעם: (ד) אך בשר בנפשו דמו לא תאכלו. דער מענטש וואס וויל זיך נוהג זיין אין דיא מדות טובות בדארף ער זיך נישט פייניגין מיט ווייניג עסין. ער קאן עסין אונ טרינקין אונ זיין איין צדיק. אונ אדרבה פר דעם וואס ער וועט זיך פייניגין וועט ער נאך ווערין גישטראפט. דאס מיינט דער פסוק נאר דאס פלייש מיט דעם לעבין מיט דעם בלוט זאלט איהר פון זיך נישט אפ עסין. נאך קען מען טייטשין אך בשר בנפשו דמו. דאס וואס דר מענטש שטעלט איין זיין לעבין אויף דעם פארדינסט דהיינו גניבה גזילה אבר צו האנדלען מיט אזו איין מין סחורה וואס עס איז פר ווערט פון דיא מלוכה. פון וועגין דער מענטש... לא תאכלו זאלט איהר נישט וועלין זעלבעם פלייש עסין. צוא האבין פלייש צו עסין. עס איז בעסר אשטיקיל ברויט מיט וואסר צו עסין בכשרות איידער פלייש דורך טריפות:

(כ) ויחל נח איש האדמה אונ נח הט אנגיהויבין צו ארבייטן די ערד איז די קשיא וואס שטייט די ווערטר איש האדמה. נאר דר ילקוט פר ענטפערט דם אזו. אמר ליה הקב״ה לנח נאט הט גיזאגט צו נח לא היה לך ללמוד מאדם הראשון פאר וואס האסט דוא זיך נישט אפ גילערנט פון אדם הראשון שלא גרם לו אלא יין כמיד אותו אילן שאכל ממנו אדה״ר גפן היה וס עס איז גיווארין פון אים ווען ער הט גיגעסין פון דעם עץ הדעת אונ

עס איז דא איין תנא אין דיא גמרא: וואס ער זאגט אז דער עץ הדעת איז געוועזן איין ווייןשטאק שאין לך דבר שמביא יללה לעולם אלא יין. עס איז נישט דא נאך אזוי אזאך וואס עס ברענגט איין קלאג אויף די וועלט ווי דס טרינקען פון פול וויין. מיט דעם איז שוין פר ענטפערט וואס עס שטייט איש האדמה נח איז געווארין אזו וויא אדם הראשון וואס ער איז געווארין בשאפן פון דיא ערד ויטע כרם אונ נח האט פאר פלאנצט איין וויין גארטין. זאגט דער ילקוט ווען נח האט פאר פלאנצט דעם וויין גארטין בא לקראתו השטן אמר לו רצונך שנטענה יהדיו אני ואתה איז געקומן צוא איהם דר שטן אונ זאגט צוא איהם אויב דיא ווילסט וועל איך דיר העלפין פלאנצין אמר לו הן זאגט נח צוא דעם שטן יוא. מיד הביא תחלה רחלה אחת ושחטה על הגפן נבערם וויא ער האט געפלאנצט האט דר שטן געברענגט איין שעפס אונ הט דס געשאכטין אויף דעם ווייןשטאק ואח״כ הביא אריה אחד ושחטו על אותו הגפן אונ דר נאך האט דער שטן געברענגט איין לייב אונ האט איהם געשאכטין אויף דעם ווייןשטאק. ואחר כך הביא חזיר אחד ושחטו על אותו הגפן אונ דר נאך האט דר שטן געשאכטין איין חזיר אויף דעם ווייןשטאק. מפני מה עשה כן השטן אונ פר וואס האט דאס דער שטן געטוען. כשאדם שותה כוס אחד הוא כרחלה עניו ושפל רוח נאר וייל ווען דער מענטש טרינקט נאר איין כוס וויין איז ער גלייך וויא איין שעפסילע ער האלט זיך זעהר נידריג געגין זיין חבר אזוי וויא דיא שאף זיי האלטין זייערע קעפף אראפ. וכשהוא שותה ב׳ כוסות מיד נעשה גבור כארי ומתחיל לדבר גדולות ואומר מי כמוני אונ ווען דער מענטש טרינקט שוין צוויא כוסות איז ער שוין ביא זיך גרויס אזו וויא דער לייב אונ האלט זיך שוין בגאוה געגין זיין חבר. וכשהוא שותה ג׳ או ד׳ מיד הוא נעשה כחזיר שמתלכלך בטיט ורפש אף הוא כן אונ ווען ער טרינקט דער נאך דריי אדער פיר כוסות ווערט ער נאר אזו וויא דער חזיר וואס קאלערט זיך אין דיא מוסטין אונ אין דיא בלאטעס אזו דער מענטש אויך ווען ער ווערט שיכור. נאך זאגט דער ילקוט בשעה שהיה הולך ליטע ווען נח איז געגאנגען צוא פלאנצין דעם וויינגארטין פגע ביה שידא שמדון האט אים געטראפען דער שר פון דיא שדים אמר לו שותפי עמך איך וועל זיין דיין שותף איך וועל דיר העלפין פלאנצין אלא אודהר דלא תיעול בחלקי נאר די זאלסט דיך אפ היטן די זאלסט נישט אריין גיין אין מיין חלק כלומר דו זאלסט ניט צוא פול טרינקין. ואי עלת בחלקי אונ אויב דוא וועסט אריין גיין אין מיין חלק דוא וועסט צו פול טרינקין אנא חבל בך וועל איך אין דיר וייטיגין. אזו וויא עס שטייט (אין משלי כג כט) למי אוי למי אבוי וגו׳ צוא וועלכין מענטש איז וויי למאחרים על היין צו זעלכע מענטשין וואס פר שפעטיגין אין די שענקין צו טרינקן וויין: (כא) וישת מן היין וישכר אונ נח האט געטרונקען פון דעם וויין אונ ער איז געווארען שיכור ויתגל בתוך אהלה אונ ער איז געווארען אויף גידעקט אין זיין געצעלט זאגט דער ילקוט ויגל אין כתיב כאן עס שטייט נישט ויגל וואורום ויגל איז אויך דער טייטש אויף גידעקט האט דאך געקענט שטיין ויגל. שטייט נישט ויגל. אלא ויתגל עס שטייט גאר ויתגל. אונ ויתגל איז דיא זעלביגע אותיות פון דעם ווארט גליות. גרם גלות לו ולדורותיו. נח מיט זיין שכרות האט גורם געוועזן דעם גלות. עשרת השבטים לא גלו אלא בשביל שכרות דיא עשרת השבטים זענין פאר טריבען געווארען אין גלות וועגען דעם שכרות פון וויין אזוי וויא ישעי׳ הנביא האט צו זייא געזאגט הוי משכימי בבקר שכר ירדופו ווייא איז אייך איהר שטייט אויף אין דער פריא. גייט איהר נישט לערנין אונ תפלה צו טוהן. איהר גייט גאר אין דיא שענקין טרינקען ביער. מאחרי בנשף יין

ילדיקם איהר זיצט שפעט אין דיא נאכט . זיצט איהר נישט אין בית המדרש אונ
לערינט תורה . נאר איהר טרינקט זיך אן מיט וויינען אונ דער וויין ברענט אין אייך
אונ צינט אייך אן צו טוהן אלע עבירות . איבער דעם וועט איהר ווערין פאר טריבען
אין גלות . שבט יהודה ובנימין לא גלו אלא בשביל היין שנאמר וגם אלה ביין שגו
ובשכר תעו שבט יהודה אונ שבט בנימין זענין אויך געווארען פאר טריבען אין גלות
גאר פון וועגען דעם טרינקען פון וויין . פון דעם קען מען זעהן וויא דער מענטש דארף
זיך זעהן זייער אפ היטען פון צו טרינקען פיל משקה . ווארום ווען ער טרינקט צו פיל
ווערט דאך דער מענטש חלילה אין גאנצען פאר דארבען . אזוי וויא מיר זעהן פיל מאל
דעם תכלית פון דיא שכורים . אונ מען קען זיך אפ נעמין א מוסר פון נח . וואס דער
פסוק זאגט אויף איהם איש צדיק תמים . אונ דער נאך ווען ער האט נאר געטרונקין פון
וויין שטייט שוין בייא איהם איש האדמה . אונ דער נאך וואס ער איז געווארען אויף
גידעקט אונ פון דעם איז ארויס גיקומען דאס ער האט גפלוכטען זיין זון אונ גורם
געוועזען גלות צו אלע דורות :

יא (ז) הבה נרדה ונבלה שם שפתם אשר לא ישמעו איש שפת רעהו . בייא דעם דור
הפלגה שטייט דאס . גאט זאגט לאזין מיר צו מישען זייערי לעפצען . דאס מיינט
מען זייער לשון . זייא זאלין נישט פאר שטיין איינער דעם אנדערינס לשון . דער מדרש
זאגט אז פריער האבען אלע מענטשין גירעדט לשון הקדש וואס מיט דעם לשון איז
בשאפען געווארען דיא וועלט . אונ וויל זייא האבען גיזינדיגט אונ אלע האבען מסכים
געוועזען צו איין עבירה צו מאכען א מגדול צו דינען דיא עבודה זרה איבער דעם האט
זייא גאט גישטראפט אונ צומישט זייער לשון אויף זיבעציג לשונות . אמר הקב"ה
זאגט גאט על ידי יצה"ר חלקו בריותי ונחלקו לשבעים לשון דורך דעם יצה"ר זענין
געווארען דיא מענטשין צוטיילט איינער פון דעם אנדערין אבל לעתיד לבוא משוין כולן
כתף אחד לקרוא בשמי ועובדין אותי אבער ווען משיח וועט קומען וועלין אלע מענטשין
דער קענען אז עס איז דא איין גאט אויף דיא וועלט אונ דער יצה"ר וועט בטל זיין
וועלין אלע קענין ריידען איין לשון דאס איז לשון הקדש אזוי וויא עס שטייט אין
פסוק (צפני' ג') כי אז אהפוך אל עמים שפה ברורה לקרוא כלם בשם ה' לעבדו שכם
אחד . דאמאלס ווען דיא גאולה וועט זיין וועל איך גאט מאכען דאס אלע אומות וועלין
ריידען ריינעם לשון דאס מיינט מען לשון הקדש . אונ וועלין אלע רופען צוא מיין
נאמען אונ אלע וועלין מיר קענין אז איך בין איין גאט אויף דיא וועלט . אונ וועלין
צו מיר דינען . מיר זאלין זוכה זיין צו דעם במהרה בימינו אמן :

# פרשת לך לך

יב (א) ויאמר ה' אל אברם לך לך וגו' גאט האט גיזאגט צו אברהם גייא אוועק פון דיין
לאנד צום לאנד וואס איך וועל דיר ווייזען : (ב) ואעשך לגוי גדול אונ איך וועל
דיר דארט מאכען צו א גרויס פאלק ואברכך אונ איך וועל דיר בענטשין . ואגדלה
שמך אונ איך וועל מאכען דיין נאמען גרויס . דער מדרש זאגט אז דאס וואס גאט האט
גיזאגט צו אברהם לך לך וגו' ער זאל אוועק גיין פון זיין לאנד . דאס איז איין נסיון
פון דיא צעהן נסיונות וואס גאט האט גיפרובט צוא אברהם . דארף מען פאר שטיין
וואס איז דאס פאר א נסיון אפילו [illegible] וואלט גיזאגט צו איין פראסטען [illegible] .

גייא אוועק פון דיין לאנד אין איין אנדער לאנד . וואלט ער געווים זיך אוועק גיגאנגען . ובפרט גאט האט איהם גיזאגט אז ער וועט איהם דארט מאכען צו אגרויס פאלק . אונ וועט איהם בענטשין מיט פיל פאר מעג . איז דאך גאר נישט קיין רבותא וואס ער איז אוועק גיגאנגען . אין וואס איז דאס פאר אנבקיון . אונ וואס דער צייגט דער פסוק (ד) וילך אברם וגו׳ אז אברם איז גיגאנגען . נאר רש״י שרייבט צוויא טייטשען אין דעם פסוק ואעשך לגוי גדול וגו׳ איין טייטש איז אז גאט האט צו אברהם גיזאגט אז דארט וועל איך דיר מאכען צו אגרויס פאלק אונ וועל דיך דארט בענטשין מיט פיל פאר מעג אונ וועל מאכען דיין נאמען זייער גרויס . אונ נאך אטייטש איז אז גאט זאגט איהם ואעשך לגוי גדול . דוא וועסט דארט באקאנט מאכען מיין נאמען אונ איך וועל ווערין גירופען דיין גאט אונ דאס זאגט מען אין דיא שמונה עשרה אלהי אברהם דער גאט פון אברהם . איז דאך אברהם גלייך וויא אגרויס פאלק . ואברכך אונ איך וועל דיר בענטשין מיט אזוי איין זון וואס ער וועט אויך באקאנט מאכען מיין נאמען אויף דיא וועלט . אונ איך וועל מיין נאמען אויף איהם אויך רופען אזוי וויא מען זאגט ואלהי יצחק דער גאט פון יצחק . ואגדלה שמך אונ איהר וועט אזוי פיל מאכען באקאנט מיין נאמען אויף דיא וועלט אז אפילו ווען יעקב וועט זיין וועלין דיא מענטשין זאגען אז דער יעקב מיט זיינע קינדער דינגען אויך צו דעם זעלביגען גאט וואס אברהם האט גידינט אונ איך וועל אויף איהם אויך רופען מיין נאמען אזוי וויא מיר זאגען ואלהי יעקב דער גאט פון יעקב . מיט דעם איז שוין פאר ענטפערט . דאס איז גיוועזען דער נסיון צו אברהם וועט נאר אוועק גיין פון זיין לאנד פון וועגען זיין טובה ער זאל האבען אזאך פאר מעגין אזוי וויא דער ערשטער טייטש אין רש״י . צו ער וועט אוועק גיין פון וועגין צו מאכען באקאנט גאטס נאמען אויף דיא וועלט . אונ דאס זאגט דער פסוק וילך אברם אונ אברם איז אוועק גיגאנגען . נישט וועגען זיין טובה נאר כאשר דבר אליו ה׳ ער איז נאר אוועק גיגאנגען אזוי ווי האט גאט איהם גיזאגט ער האט נאר גימיינט מקיים צו זיין גאטס באפעל אונ מאכען זיין נאמען באקאנט אויף דיא וועלט . והיה ברכה . אין גאט זאגט צו אברם דוא זאלסט זיין איין בענטשער . איך באפעל דיר דאס דוא זאלסט אלע בענטשען אזוי וויא איך גאט בין משפיע צו אלע ברואים . הן פון גשמיות הן פון רוחניות . אזוי דיא אברהם זאלסט אלע בענטשין מיט עשירות אונ געלד אונ מיט עשירות אונ געטליכקייט . זאלסט זייא באקאנט מאכען מיין נאמען אונ געבען זייא צו פאר שטיין אז איך בין איין גאט אויף דיא וועלט : (ג) ואברכה מברכך אונ איך גאט וועל בענטשין דיא דאזיגע וואס זייא וועלין דיר בענטשין . ומקללך אאר אונ דיא דאזיגע וואס וועלין דיר פלוכטען וועל איך זייא פלוכטען . איז דאך דיא קשיא פאר וואס שטייט נישט בייא דיא קללה דאס זעלביגע לשון וויא בייא דיא ברכה . עס האט בדארפט שטיין ואאר מקללך אונ איך וועל פלוכטען דיא דאזיגע וואס וועלין דיר פלוכטען נאר דיא גמרא זאגט אז ווען דער מענטש דענקט צו טוהן אמצוה רעכינט איהם השי״ת גלייך וויא ער האט שוין גיטוהן . אבער בייא שלעכטס איז ניט אזוי . דאס מיינט דער פסוק ואברכה אונ איך גאט וועל נאך פריער בענטשין מברכך דיא דאזיגע מענטשען וואס ווילען דיר בענטשין . ומקללך אונ דיא דאזיגע וואס וועלין דיר פלוכטען אאר וועל איך זייא דער נאך פלוכטען . אבער ווען ער דענקט נאר צו פלוכטען אונ דער נאך באקלערט ער זיך אין פלוכט נישט וועל איך איהם ניט פלוכטען . דער אלשיך שרייבט דעם רמז פון דיא פרשה אזוי . ויאמר ה׳ אל אברם אונ גאט זאגט צו אברם .

אין

אין זוהר שטייט אז די נשמה ווערט גירופען אברם [ווארום אברב איז צוויי ווערטער אב רם דער פאטער פון אויבען אין די נשמה איז איין חלק אלוה פון אויבען] איז דא דער פסוק מרמז ווען מען הייסט די נשמה זיא זאל אריין אין גוף פון מענטש. ווערט דאך איהר זייער שלעכט. דאס זיא זאל אוועק גיין פון אזעלכען גרויסען טייערין ארט. אונ פון אזעלכע טייערע פריינד. אונ זאל אריין גיין אין אזעלכען שלעכט ארט ווי דער גוף איז. זאגט אבער גאט צו די נשמה לך לך גיי פון דיין טובה וועגען מארצך פון דיין אויבערשטין לאנד וממולדתך אונ פון דיינע פריינד וואס דוא ביסט מיט זייא באזאמען גיוועזן. ומבית אביך אונ פון דיין פאטערס הויז דאס איז פון מיר גאט. אל הארץ אשר אראך אין דעם לאנד וואס איך וועל דיר ווייזען דאס איז די ערדט אריין גיין אין גוף. אונ זארגסט נישט זארגען וואס דוא גייסט פון מיר גאט אוועק אונ זאלסט זיך אריין זעצין אין איין ערדליכע כלי ווי דער גוף איז. ווארום ואעשך לגוי גדול איך וועל דיך מאכען צוא איין גרויס פאלק מיט די תורה ומצות ומעשים טובים וואס די וועסט טוהן אין דער צייט וואס דוא וועסט זיין אין דעם גוף וועסטו בשאפען פיל מלאכים. פון יעדער מצוה וועסטו בשאפען איין מלאך אונ דוא וועסט מיט די אלע מלאכים קומען צוריק אין דיין ערשטין ארט וועסטו דאך דארט הייסען איין גרויס פאלק. אונ חוץ דעם ואברכך וועל איך דיך נאך בענטשן דוא וועסט אליין אויך זיין דער נאך גרעסער אונ ליכטיגער ווי דוא ביסט יעצט. ואגדלה שמך אונ איך וועל גרויס מאכען דיין נאמען אויף ביידע וועלטין. נאר והיה ברכה די זאלסט זעהן צו זיין צו אלע די ברכה אלע זאלן ווערין פון דיר גיבענטש. אונ זאלסט נישט מורא האבען פאר דעם יצר הרע מיט זיינע פאלשע אנריידונג אפשר וועט ער דיך אראפ פירען פון רעכטין וועג. ווארום ואברכה מברכך איך גאט אליין וועל בענטשין די דאזיגע וואס מאכען דיר צו זיין איין גיבענטשטער. כלומר ווען דוא וועסט נאר נעמין זיך צו טוהן איין מצוה וועט דאך פון דעם בשאפען ווערין איין מלאך. אין מצוה גוררת מצוה זעהן דוא וועסט טוהן איין מצוה וועט שוין דער מלאך פון די מצוה דיר ציהען דאס דוא זאלסט טוהן נאך מצות. אונ אזוי ווייטער ביז איך וועל אריין שיקען אין זייא די ברכה דאס זייא זאלען זיך בייא דיר אלע מאהל מערין. ומקללך אאר אין דעם יצר הרע וואס וויל דיך פאר פלוכטען פון די וועלט מיט זיינע שלעכטע אנריידונג וועל איך איהם פאר פלוכטען פון דיר. ער וועט אויף דיר קיין כח נישט האבען. אונ פון דעם זכות וועגען ונברכו בך כל משפחת האדמה וועלין ווערין גיבענטשט אלע משפחות פון די ערד. אבער ווען דוא וועסט זיין דא אין באהעלטעניש וועסטו דאך דאס אלץ גאר נישט האבען. אונ ווען די נשמה הערט דאס: (ד) וילך אברם כאשר דבר אליו ה׳ גייט די נשמה אריין אין גוף אויף דעם תנאי זיא זאל זיך פירען ווי גאט האט צו איהר גירעדט. אבער וילך אתו לוט. דער יצה״ר וואס ווערט גירופען לוט [ווארום לוט איז טייטש פאר וויקלט. אונ דער יצה״ר ווען ער קומט צום מענטש גאר צום אנהייב איז ער גאר פאר וויקלט דער מענטש קלערט גאר נישט אז דאס איז עפעס איין אנריידונג פון דעם יצה״ר] גייט זיך מיט מיט די נשמה. נאר ווען דער מענטש נעמט זיך צו טוהן נאר מצות ומעשים טובים אונ צו לערנין תורה. זעהט דער יצה״ר אז ער וועט נישט קענין דעם מענטש בשום אופן אנרעדין צוא שלעכטס. דאמאלס איז שוין דער יצה״ר אויך מסכים אין היכפט נאך דעם מענטש צו טוהן טובות דהיינו ער גיט אריין אין מענטש די תאוה צו עסן אונ צו טרינקען

פון

פון וועגין ער זאל האבין כח צו טוהן אין עבודת הבורא . דאס מיינט אויך דער **פסוק וילך** אתו לוט דער יצה״ר גייט נאך מיט מיט דעם מענטש אונ העלפט איהם נאך **אונ** וועגען דעם ואברם בן חמש שנים ושבעים שנה בצאתו מחרן . **חרן** איז טייטש צארין . מיינט דער פסוק אזוי . ווען דער מענטש דער צדיק גייט אוועק פון דיא וועלט וואס זיא איז פול מיט שלעכטע זאכען וואס ברענגין דעם מענטש אין צארען . **כלומר** ווען דער מענטש שטארבט אין קומט לעולם הבא קומט ער מיט אלע זיינע יארען מיט אלע טעג . ווארום ער האט אין יעדערין טאג גילערינט תורה אונ גיטוהן מצות זענען דאך אלע זיינע טעג פון זיין לעבען גוטע טעג . אונ יעדערער טאג וועט קומען אונ זאגען דיא מצות וואס דער מענטש האט אין דעם טאג גיטוהן . נאר פון דעסט וועגען איז דער מענטש נאך ניט בטוח אז ער האט שוין אלץ גיטוהן וואס ער בדארף . עס קען נאך זיין אז ער האט נאך נישט מתקן גיוועןן דאס וואס וועגען דעם איז ער בשאפען גיווארען . איבער דעם ווערט ער נאך איין מאל מגולגל אויף דיא וועלט . אונ דאס מיינט דער פסוק : (ה) ויקח אברם אונ דיא נשמה נעמט נאך איינמאל את שרי אשתו דעם גוף וואס ווערט גירעכינט וויא זיין ווייב . ואת לוט בן אחיו אונ נעמט אויך מיט זיך דעם יצה״ר אונ אויך ואת כל רכושם אשר רכשו אלעס פאר מעגינס פון מצות ומעשים טובים ואת הנפש אשר עשו בחרן אונ אויך דעם נפש וואס דער מענטש האט איהם בייא זיך גימאכט ווען ער איז פריער אין דעם ערשטין גולגל גיוועןן אין דיא וועלט וואס ווערט גירופען חרן ווארום מיט דעם וואס ער האט גיטוהן מצות ומעשים טובים איז דאך גלייך וויא דער מענטש אליין האט גימאכט דעם נפש . נעמט ער דאס אלץ מיט . ויצאו ללכת ארצה כנען אונ גייין נאך איינמאהל בעולם הזה וואס ווערט אויך גירופען ארץ כנען ווארום כנען איז טייטש אונטער טיינונג אונ דער מענטש דארף זיך אויף דיא וועלט האלטען זייער אונטער טעניג נישט האלטען זיך בגאוה . **וילכו** ארצה כנען אונ גייען טאקע אויף דיא וועלט בהכנעה מיט אונטער טעניגקייט . דאס איז אלץ גוט ווען דער מענטש גייט אין גוטען וועג . אבער (ו) ויעבר אברם בארץ ווען חלילה דער מענטש מאכט אז דיא נשמה מיט דעם נפש זאלין עובר זיין אויף דיא מצות עד מקום שכם דער מענטש ווערט חלילה אזוי פיל נשקע איין גיזעצט אין דיא עבירות ביז צום אקסיל . וואס זאל דער מענטש טוען . זאגט דער פסוק צוא דעם מענטש . עס איז נאך דא איין תקנה ער זאל זיך נעמין גיין עד אלון מורה . אלון איז טייטש איין בוים . אונ מורה איז טייטש לערנין . דאס מיינט מען ער זאל לערנין דיא תורה וואס ווערט גירופען אילנא דחיי איין בוים פון לעבען אזוי וויא עס שטייט אין פסוק (משלי ג׳ י״ח) עץ חיים היא וגו׳ דיא תורה איז איין בוים פון לעבען צוא דיא מענטשין וואס האלטען איהר . אונ עס שטייט אויך אין פסוק (תהלים י״ט ח׳) תורת ה׳ תמימה דיא תורה פון גאט איז גאנץ משיבת נפש דעם נפש וואס האט גיזינדיגט קערט דיא תורה צוריק צו איהר ארט . אונ דיא גמרא זאגט אין (ברכות ) אם פגע בך מניוול זה ווען עס קומט צוא דיר דער יצה״ר אונ רעדט דיר אן צוא טוהן שלעכטס . משכהו לבית המדרש לויף גיך אין בית המדרש אריין צו לערנין תורה אם אבן הוא נמוח . ווען אויך דער יצה״ר איז בייא דיר שטארק אזוי וויא איין שטיין וועט ער ווערין צוריבען . דאס מיינט דער פסוק . והכנעני אז בארץ דער יצה״ר וואס ער ווערט גירופען כנעני (כנעני איז טייטש איין סוחר אין דער יצה״ר איז אויך איין גאנצער סוחר אויף דיא וועלט בייא מענטשן) וועט ליגען אויף דיא ערד כלומר ער וועט זיין צו

נאך

נאר נישט אן כח. אונ דער מענטש ווערט נאך אזוי גרויס ביז: (ז) וירא ה׳ אל אברם ויאמר אונ גאט זאגט צו איהם לזרעך אתן את הארץ הזאת. איך וועל דיר מאכען אז דער יצה״ר וואס ליגט דא אויף דיא ערד וועט דאס ער איז זוכה צו גילוי שכינה. נאך דיר געבען כח צו טוהן מצות ומעשים טובים וואס זייא ווערין קינדער אזוי וויא דער מדרש זאגט בייא נח שעיקר תולדותיהם של צדיקים מעשים טובים דער עיקר קינדער פון מענטש איז נאר וואס ער טוט מצות אונ מעשים טובים. ויבן שם מזבח אונ דער יצר הרע וואס ער איז אצונד גישאכטען כלומר וואס ער האט שוין נישט קיין כח צו אן רעדין דיר צוא טוהן שלעכטס וועט ער נאך דיר מאכען פיל פאר שטענדיג לה׳ הנראה אליו צו האבען שכל באקלערין געטליכקייט איבער דעם: (ח) ויעתק משם ההרה ווען דער מענטש וועט זיך אוועק ריקין פון דיא וועלט וועט ער ווערין דר הויכט מקדם לבית אל צום בית המקדש של מעלה ויט אהלה אונ ווערט דארט מאכין זיין גיצעלט בית אל מים די שכינה פון איין זייט וועט איהם העלפין והעי מקדם עי איז טייטש איין בארג כלומר אונ דער בארג פון די מצות פון דער אנדערער זייט וועלין איהם זיין צוא הילף איבער דעם ויבן שם מזבח לה׳ וועט ער בויען איין מזבח צו גאט ויקרא בשם ה׳ אונ וועט זיך מקריב זיין צו גאט: (ט) ויסע וגו׳ דער אור פני משה אונ דר רביד זהב זאגין דעם רמז פון דיא פסוקים אזו ויסע אברם הלוך ונסוע הנגבה ווען דר גוף ציהט מיט די נשמה נאך דיא תאוות עולם הזה וואס ווערין גירופן נגבה. ווארום נגבה איז טייטש דרום זייט אונ דורך דעם ווינט פון דרום זייט ווערט פארטיג אלע פירות מיט זייער זיסקייט. אויך איז דר טייטש פון דעם ווארט נגבה טריקין. כלומר דער מענטש וואס גיט זיך נאך אלע תאוות בלייבט ער טריקין פון זייא ווען ער שטארבט: (י) ויהי רעב בארץ אונ ממילא ווערט איין הונגער פון תורה אין דעם גוף כלומר דר גוף לערינט שוין נישט קיין תורה. וירד אברם מצרימה לגור שם גייט שוין דיא נשמה וואגען צווישין דיא גרעניצין. כלומר פריער ווען דר גוף הט זיך נישט נאך גיגעבן דיא תאוות איז דיא נשמה גיוועזן אין איין הויך ארט. אונ ווען דער גוף טוהט זיינע תאוות ווערט שוין דיא נשמה אראפ גנידערט פון איהר גרויסין ארט אונ קומט צו צו די גרעניץ פון דעם שלעכטן ארט צו וואגען דארט כי כבד הרעב בארץ ווארום דער הונגר פון תורה שטארקט זיך אלע מאל מער אויף דעם גוף. כלומר וואס מער ער גיבט זיך נאך דיא תאוות הערט ער אלע מאל מער אויף צו לערנין: (יא) ויהי כאשר הקריב לבא מצרימה אונ ווען דר יצה״ר זעהט אז די נשמה איז שוין אין דיא מדרגה התחתונה בייא דיא גרעניץ פון דעם שלעכטין ארט. הט דער יצה״ר מורא טאמער וועט זיך דר מענש מישב זיין אונ טוען תשובה ויאמר אל שרי אשתו זאגט דער יצה״ר צוא דעם גוף וואס דער גוף איז דיא ווייב פון די נשמה [ווארום אזו וויא דיא ווייב איז איין הילף צוא איהר מאן אזו איז דר גוף איין הילף צו דיא נשמה] הנה נא ידעתי כי אשה יפת מראה את איך וויים אז די גוף ווילסט זיך פעט מאכין אונ אויפפיצין זיך דוא זאלסט זיין איין שיינר מענטש: (יב) והיה כי יראו נאר דיא מענטש זארגסט אז דיא וועסט שטארבין אונ דיא וועסט קומן צום בית דין של מעלה וועלין זיי אן קוקין אתך המצרים אז מיט דיר איז מיט גיקומן פול מלאכי חבלה. פר דעם זאלסטו מענטש נישט קיין מורא האבין. ווארום והרגו אותי דר בית דין שלמעלה וועלין נאר מיר יצה״ר הרגנן. ווארום איך בין דר גורם פון דעם. אבער ואתך יחיו דיר וועלין זיי לאזין לעבין אין הימל כלומר דוא וועסט גאר נישט ווערין גישטראפט. אזו רעדט אן דר יצה״ר צום גוף: (יג) זאגט אבער דיא נשמה

צוא

צו דעם גוף אמרי נא אחותי את איך בעט דיך גוף האלט מיך נישט וויא אווייב וואס מען קען איהר געבין גט אונ נעמין איין אנדרע. נאר האלט מיך וויא איך בין דיין שוועסטער דו זאלסט תמיד זיין אין מיר בהעפט. נאר מיר צו הערין אבער דעם יצה״ר זאלסט דוא גאר נישט אנהייבין צו הערין למען ייטב לי בעבורך וועגין דיר גוף וועט מען מיר נשמה געבין אלס גוטס בעולם הבא והיתה נפשי בגללך אונ איך וועל הייסין איין לעבדיגע נשמה דורך דיר אונ איך וועל זיין אין גן עדן העליון אונ איך וועל נהנה זיין מזיו השכינה וואס דס איז אויך לעבעדיג אויף אייביג:

דער ילקוט אונ פול ספרים שרייבין אז דס אלס ווס האט גיטראפין צו אברהם איז דאס גיוועזן אסימן אויף אלע זאכין וואס עס וועט זיך טרעפין מיט דיא ישראל. בייא אברהם שטייט ויהי רעב בארץ עס איז גיווארין איין הונגר אונ וועגין דעם וירד אברם מצרימה איז אברם גיגאנגען קיין מצרים. אונ בייא יעקב מיט זיינע קינדר איז אויך אזו גיוועזן. עס איז גיווארין אהונגער אין לאנד כנען איז יעקב גיגאנגען קיין מצרים. אונ דס וויזט דעם מענטש אז ווען עס איז איהם נישט גוט אין זיין שטאט זאל ער אוועק גיין אין איין אנדערע שטאט. אונ אזו וויא פרעה האט גנומן צוא זיך שרה אזו אין די צייטין פון יעקבס קינדער האט זייא פרעה גנומן צו זיך. אונ אזו וויא פרעה איז גיווארין גשלאגין פון וועגין שרה אזו איז דר אנדרער פרעה גיווארין גישלאגין מיט צעהן מכות פון וועגין דיא ישראל. אונ אזו וויא פרעה האט נאך גיגעבין צו שרה מיט אברהם פול מתנות אזו הט פרעה מיט דיא מצריים גיגעבין צו דיא ישראל פול מתנות. אונ אויך אלע זאכען וואס עס האט נאר גיטראפען מיט דיא אבות איז דאס אסימן אויף דיא ישראל:

דעם פסוק (יג) ווס אברהם זאגט צו שרה אמרי נא אחותי את למען ייטב לי בעבורך וגו׳ זאג אז דוא ביסט מיין שוועסטער פון וועגין עס זאל מיר גוט ווערין וועגין דיר. איז זעהר קשה אז אברהם זאל מאכין דאס גישעפט פון וועגין צוא נעמין מתנות. קען מען אזוי זאגין דעם פשט פון פסוק. אברהם זאגט צו שרה זאג אז דו ביסט מיין שוועסטער. אונ אז איך בין דיין ברודער אונ דיא האסט ניט קיין פאטער אונ מוטער וועט מען דאך קומן צו מיר איך זאל וועלין דיר התונה מאכין. וועל איך וועלין בייא דעם מענטש ער זאל מיר געבין פול געלד. ווס ער פאר מאגט גאר ניט אזו פול געלד. ממילא וועט שוין קיינער מיט איהר נישט חתונה האבין. דאס הט אברהם גימיינט מיט דעם ווס ער האט גיזאגט למען ייטב לי בעבורך מען זאל מיר געבין פול מתנות וועגין דיר אונ דס מיינט רש״י הקדוש מיט דיא ווערטער ווס רש״י זאגט יתנו לי מתנות והיתה נפשי בגללך ממילא וועל איך בלייבין לעבין. אונ דיר וועט אויך קיינער נישט וועלין נעמען. אונ דאס אז דר מלך זאל איהר וועלין נעמין האט אברהם נישט גיטראכט. אונ דר נאך אז פרעה הט גנומען צו זיך שרה שטייט אין פסוק (טז) ולאברם היטב בעבורה. אונ צוא אברם האט פרעה גיגעבין מתנות. אונ אזו וויא עס שטייט בייא יעקב ער הט גיארבעט בייא לבן וועגין רחל אונ לאה: (יז) וינגע ה׳ את פרעה וגו׳ אונ גאט האט גיפלאגט פרעה מיט זיין הויז גיזונד מיט גרויסע פלאג על דבר שרי אשת אברם דורך דיא רייד פון שרה וואס זיא האט דר נאך גיזאגט צו פרעה אז זיא איז דיא ווייב פון אברם:

יג (א) (ב) ויעל אברם וגו׳ אונ אברם מיט זיין ווייב שרה אונ מיט לוט זענין אוועק גיגאנגן פון מצרים נאך דרום זייט. אונ אברם איז גיוועזן באלדין מיט פול פיך אונ מיט זילבער אונ מיט גאלד: (ג) וילך למסעו וגו׳ אונ ער איז גיצויגין אויף דעם זעלבין אופן וויא ער האט גיצויגן פריער אייבער ער האט גיהאט אזוי פיל פארמעגן [illegible] ער

האט

האט זיך נישט געהאלטן פון וועגן זיין פול פארמעגן בגאוה ער זאל אויס געבין הוצאות
מער וויא ער בדארף. דיא תורה זאגט דם אז ווען דער מענטש ווערט איין עושר זאל ער
זיך נישט פאר גרעסערין דיא הוצאה מער וויא ער בדארף. רש"י שרייבט פון מדרש
בחורתו פרע הקפותיו ווען אברהם איז צוריק גיגאנגען פון מצרים אונ האט גיהאט פול
רייכקייט האט ער בצאלט זיינע חובות וואס ער האט גיבארגט אין דיא אכסניות ווען ער
איז גיגאנגען קיין מצרים. איז דאך די קשיא איינמאל וויא אזוי פארט עס ארויס אברהם
אין אזעלכין וועג אין דער צייט פון הונגער אונ זאל נישט מיט נעמען מיט זיך געלד אויף
הוצאות. אויך איז נישט צו פארשטיין אז דיא בעלי אכסניות זאלין איהם בארגין. נאר
מען קען זאגין אזו. אז דם מיינט רש"י. ווארום ווען אברהם איז גיגאנגען אין וועג האט
ער אין אלע ערטער באקאנט גימאכט דאס גרויסקייט פון גאט. האט זיך גיפונען וועלכע
מענטשין וואס האבין פון איהם גילאכט אונ האבין צוא איהם גיזאגט ווען דוא האסט יוא
אזעלכען גרוסין גאט פאר וואס גייסט דו אזו ארום אין די לענדער אונ האסט נישט קיין
לאנד. אז דיין גאט איז אזוי אגרויסער גאט ער איז אלמעכדיג קען ער דאך דיך שפייזן
בייא דיר אין לאנד. האט זייא אברהם גיענטפערט. אצונד קען איך אייך נישט אזו פול
ווייזין די גרויסקייט פון מיין גוטין גאט. אבער ווען איך וועל צוריק גיין וועל איך דאך
גיין מיט פול פארמעג [ווארום גאט האט דאך איהם צו גיזאגט ער וועט איהם בענטשין
מאכט רש"י מיט פול געלד] דאמאלס וועט איהר שוין אליין זעהן דאס גרויסקייט פון
מיין גאט. אונ דאס וואס איך גייא דא ארום אין דיא לענדער דאס איז נאר וועגין דעם
דאס איך זאל אייך נארישע מענטשין באקאנט מאכין גאטס נאמען. אונ דער נאך ווען
פרעה איז גישלאגין גיווארין וועגין שרה. אונ ער הט גיגעבין צו אברם פול עשירות אונ
האט מיט איהם מיט גישיקט מענטשין איהם צוא באלייטין האבין זייא אלץ דערציילט וויא
זייא זענין גיגאנגען דיא מעשה ווס פרעה איז גיווארען גישלאגען וועגין שרה. זענין שוין
דאמאלס אלע מענטשין באקאנט גיווארין דאס גרויסקייט פון גאט וואס אברהם הט זייא
פריער גיזאגט. אונ דאס מיינט מען ער האט באצאלט זייגע חובות וואס ער איז פריער
שולדיג גיבליבן. פריער האט ער נישט גיהאט קיין תירוץ אויף זייערע שאלות פון אים
אונ אצונד האט ער שוין גיהאט מיט וואס זייא צו ווייזין איין תירוץ: (ה) וגם ללוט וגו
דער אור פני משה זאגט דעם רמז פון דעם פסוק אזו. לוט מיינט מען דעם יצה"ר
אברם מיינט מען דעם יצר טוב איז דר רמז וגם ללוט אונ אויך צום יצר הרע ההלך את
אברם ווס גייט נאר מיט נאך דעם יצר טוב. כלומר דר מענטש הערט נישט דעם יצר
הרע ער זאל זיך נאכגעבין דיא תאוות. נאר ווען ער עסט אונ טרינקט איז דער מענטש
נאר מכוון פון וועגין ער זאל האבין כח צוא לערנען תורה נעמט דער יצה"ר אויך פול
שכר. אזו וויא אין זהר שטייט איין משל פון איין בן גביר מיט איין זונה וואס דר גביר
האט גיזאגט צו איין זונה זיא זאל זיך נעמען אנרעדין זיין זוהן ער זאל מיט איהר מזנה
זיין אונ דער פאר וועט דר גביר איהר געבין פול שכר. אונ ווען דער בן גביר הערט
ניט די זונה פון דעסטוועגין נעמט דיא זונה איהר שכר ווארום דורך איהר ווערט דאך
דער בן גביר בייא זיין פאטער נאך מער גליבט. ער זעהט דאך אז ווען אויך מען רעד
איהם אן צו טוען שלעכץ הערט ער נישט. אונ דעם זוהן גיט ער גיווים פול שכר. אזו
אויך דעם יצה"ר גיט מען שכר ווען דר מענטש הערט איהם נישט. אונ אבער ווען דר
מענטש הערט חלילה יוא דעם יצה"ר. דאמאלס איז דער מענטש גורם אז (ו) ולא נשא
אתם הארץ דער גוף וואס ווערט גירופין ארץ קען נישט פאר טראגין דעם יצה"ר מיט דעם

יצר

ער טוב באזאמען . כי היה רכושם רב דאס גוטס פון יצה״ר מיט דעם גוף איז געווארין
זעהר פול . ולא יכלו לשבת יחדו אונ דר יצה״ר מיט דעם יצ״ט קענין ניט וואנען באזאמען
אין גוף : (ז) ויהי ריב אונ עס ווערט אקריג בין רעי מקנה אברם ובין רעי מקנה לוט
כלומר די גוטע גדאנקין וואס קומען פון יצ״ט קריגין זיך מיט די שלעכטע גידאנקין וואס
קומען פון יצה״ר דער יצ״ט זאגט צום מענטש והכנעני האלט זיך אונטער טעניג געגין
גאט . אונ דר יצה״ר זאגט והפרזי בונד זיך אויף צו זיין פריי צו טוען וואס דיר גלוסט
אז ישב בארץ אונ דאמאלס וועסט דו זיין איין בזעצער אין לאנד דוא וועסט זיין אגרוסר
מאן אבער דער יצ״ט זאגט אז דאמאלס ווען דו מענטש וועסט צו הערין דעם יצה״ר זאלסט
די מענטש דוא לעבסט דאך נישט אייביג . עס קען זיין אז דו וועסט תיכף זיין יושב
בארץ דו וועסט שטארבין . איבער דעם וואס טויג דיר דיין גרויסקייט אונ נאך צו געבין
דיא תאוות : (ח) ויאמר אברם זאגט דער יצ״ט אל לוט צום יצה״ר אל נא תהי מריבה
וגו׳ לאזין מיר זיך ניט קריגין . דו יצה״ר זאגסט דאך אז דיא ביזט דעם מענטשים אגוטער
פריינד . איבר דעם רעדסט דוא איהם אן אז ער זאל זיך נאך געבין אלץ וואס עס גלוסט
איהם אונ וואס איז אבער דר סוף פון מענטש . די תאוות ברענגין איהם אום פון דיא
וועלט פר זיין צייט אונ האט ניט אויך קיין עולם הבא . לאז נאר מיר יצ״ט אליין מיט
דעם גוף וועסט דו זעהן אז עס וועט נאך דעם גוף בעסר זיין . אונ אפשר האסט דוא
מורא איך וועל דעם גוף פר דארבין מיט מיינע פיהרונג : (ט) הלא כל הארץ לפניך דר
גוף איז דאך אלע מאל פר דיר . דו וועסט איהם קענין זעהן וויא אזוי ער זעהט אוים .
הפרד נא מעלי שייד דיך אפ פון מיר אם השמאל אויב דר גוף וועט זיך נאך ציען נאך
דעם הומר אונ וועט גיין אין אונרעכטען וועג ואימנה וועל איך איהם ארויף פירין אויף
דעם רעכטין וועג . ואם הימין אפשר האסטו דוא מורא אז ער וועט נאר גיין אין רעכטין
וועג אונ וועט זיך ניט נאך געבין קיין תאוות . וועט ער נאך גאר פאר מיהן אין דיא
גאנצע וועלט אונ וועט ניט וועלין עסין אונ ניט טרינקען . זאג איך דיר אז ואשמאילה
איך אליין וועל איהם אלע מאל פירין אויף דעם לינקין וועג אויך . איך וועל איהם הייסן
עסין אונ טרינקן אונ לערנען וועט איהם זיין גוט אויף דיא ביידע וועלטין : (יד) וה׳ אמר
אל אברם אונ גאט האט גיזאגט צו אברם אחרי הפרד לוט מעמו נאך דעם אז לוט האט
זיך אפ גישייד פון איהם ווארום פריער וויא לוט איז גיוועז אין מצרים מיט אברם איז
נאך לוט גיוועזן איין צדיק האט זיך גאט באוויזין צו אברם ווען אויך לוט איז גיוועזן מיט
איהם . אבער אצונד ווען לוט איז גיוועזן אין מצרים האט ער זיך אפ גילערינט פון דיא
מצריים שלעכטע מעשים איבר דעם איז כל זמן אברם איז גיוועזן באזאמען מיט לוט האט
זיך גאט צו אברם נישט גיוויזין . נאר דער נאך ווען לוט איז אוועק גיגאנגען האט גאט
גיזאגט צו אברם שא נא עיניך וראה הייב אויף דיינע אויגן אונ זעה מן המקום אשר אתה
שם וגו׳ פון דעם ארט וואס דו ביסט דארטין צו אלע פיר זייטין : (טו) כי את כל הארץ
אשר אתה ראה ווארום דם גאנצע לאנד וואס דו זעהסט לך אתננה ולזרעך עד עולם וועל
איך צו דיר געבין אונ צו דיינע קינדר ביז אייביג : (טז) ושמתי וגו׳ אונ איך וועל מאכן דיינע
קינדער אזוי פול וויא די שטויב פון דיא ערד זייא וועלין נישט קענין געציילט ווערין :
(יז) קום התהלך בארץ שטייא אויף גייא אין לאנד לארכה ולרחבה צו איהר לענג אונ
איהר ברייט כי לך אתננה צו דיר וועל איך זיא געבען . דארף מען פאר שטיין .
איינמאהל עס שטייט דאך שוין פריער אין פסוק (טו) זעה דאס לאנד אין אלע פיר
זייטען איך וועל עס צו דיר געבין . נאך וואס זאגט ער איהם נאך אמאהל שטייא

אויף גייא אין לאנד אין דיא לענג אונ דיא ברייט איך וועל עס דיר געבען . אויך פאר וואס פריער זאגט גאט צו איהם ער זאל זעהן דאס לאנד . אונ אצונד זאגט ער איהם ער זאל גאר געהן . אויך פריער זאגט ער איהם איך וועל דאס לאנד געבען צוא דיר אונ צו דיינע קינדער אויף אייביג . אונ אצונד זאגט ער איהם נאר . איך וועל עס צו דיר געבען . זאגט דער כלי יקר אזוי . מיר געפונען אז ארץ ישראל האט אין זיך צוויא גוטע מעלות . איינס ווערט גירופען מעלה הגשמיי כלומר וואס עס איז זייער איין גוטי לאנד עס וואקסט זייער טייערע פירות אונ מיט נאך זאכען איז דאס זייער טייער איז גוט . אונ דיא אנדערע מעלה ווערט גירופען מעלה הרוחניי כלומר עס איז איין הייליג לאנד . ווארום אנטקעגען דעם בית המקדש של מטה איז ריכטיג אויבען אין הימעל דער בית המקדש של מעלה אין דיא גאנצע קדושה אונ השפעה פון רוח הקדש גיט אראפ גאר אין דעם לאנד פון בית המקדש של מעלה צו דעם בית המקדש של מטה אונ פון דארט ווערט דיא קדושה פאר שפרייט אין דעם גאנצען לאנד . אונ אויף דער מעלה הרוחניי שיקט זיך צו זאגען ער זאל דאס זעהן מיט דיא אויגען ווארום אברהם האט דאך נאר באנוצט מיט זיינע אויגען אין געטליכע זאכען . זאגט גאט צוא איהם הייב אויף דיינע אויגען דיא הייליגע אויגען מן המקום אשר אתה שם פון דעם הייליגען ארט וואס דוא ביסט דארט אין אלע פיר זייטען אונ זעה דאס הייליגקייט וועל איך דאס געבען צו דיר אונ צו דיינע קינדער אויף אייביג . ווארום דיא קדושה פון ארץ ישראל זאגט דיא גמרא איז אויף אייביג אפילו היינט אין גלות איז אויך דיא קדושה נישט אפ גישייד אין גאנצען פון ארץ ישראל . אונ דער מענטש וואס וויל נאר באמת קומען צו דיא קדושה איז איהם אין ארץ ישראל פיל גרינגער אן צו קומען . איבער דעם איז שוין רעכט וואס גאט זאגט צו איהם אין דעם פסוק ער זאל זעהן דאס לאנד . אויך וואס ער זאגט איהם ער וועט דאס געבען צו איהם אונ צו זיינע קינדער אויף אייביג . אונ אויף דער אנדערע מעלה דאס איז דיא מעלה הגשמיי וואס דאס לאנד איז זייער אגוט לאנד שיקט זיך צו זאגען ער זאל אין דעם לאנד דורך געהן אין דיא לענג אונ אין דיא ברייט ווארום זעהן אזוי פיל לאנד מיט דיא אויגען איז דאך שווער צו זעהן . אויך איז דאך דער דין אז אפעלד איז מען גאר קונה מיט חזקה דאס איז ווען ער גייט אין דעם פעלד איז ער דאס קונה . איבער דעם איז שוין אויך רעכט וואס גאט זאגט איהם נאך אמאהל שטייא אויף אונ גייא אין דעם לאנד . אונ זאגט איהם נאר איך וועל עס צו דיר געבען . אונ זאגט נישט אין צו דיינע קינדער וועל איך דאס געבען אויף אייביג . ווארום פון דעם לאנד האט מען זיך דיא ישראל ארויס גיטריבען אין גלות . איז שוין אלץ פאר ענטפערט . מיר זאלען זוכה זיין עס זאל ווערין צו אונז מקוים דיא ביידע מתנות הן דאס הייליגקייט פון לאנד ארץ ישראל אין דאס לאנד אליין אויך במהרה בימינו אמן :

יד (כא) ויאמר מלך סדום אל אברם דער ספר (דגל מחנה אפרים) אויך דער (אור פני משה) שרייבען דעם רמז פון דיא פסוקים אזוי . דער יצר הרע ווערט גירופען מלך סדם ווארום אין שטאט סדום איז דאך גיוועזן דיא שלעכטסטע מענטשין אונ דער יצר הרע איז דאך דער קיניג פון דיא שלעכטע מענטשין . שטעלט דא דער פסוק דיא טענות פון דעם יצה"ר מיט דעם גוף . ויאמר מלך סדם זאגט דער יצה"ר אל אברם צו דעם גוף תן לי הנפש גיב מיר דעם נפש דאס איז דיא נשמה גיב איהר איבער צו מיר אונ דיא טוהע עבירות גניבה אונ גזילה אונ פאלשע וואג אונ פאלשע מאס

והרכוש קח לך אונ באמאלס וועסטו זיך קענין נעמן פאר מעגין . דוא מענטש גיעס זיך נאר צו עולם הזה זאכען . וועט שוין דיר זיין גוט . זאגט אבער דער פסוק אז דער קלוגער מענטש דארף אבער באקלערין מיט זיין שכל נישט צו הערין צו דעם יצה״ר : (כב) ויאמר אברם דער מענטש דארף אבער זאגען אל מלך סדם צו דעם יצה״ר הרמתי ידי אל ה׳ קנה שמים וארץ . איך הייב אויף מיין האנד נאר צו גאט וואס האט בשאפען הימעל מיט דיא ערד . איך דארף נאר טוהן דאס וואס ער הייסט מיר צו לערנין תורה אונ צו טוהן מצות ומעשים טובים . ממילא וועל איך שוין האבען וואס איך בדארף . אבער נישט דיר יצה״ר צו הערין . אונ איך שווער (כג) אם מחוט וגו׳ אויב איך וועל איין זאך פון דיינע תאוות נעמין : (כד) בלעדי רק אשר אכלו הנערים ניערט דאס וואס מיינע כוחות דארפען צו נעמין כלומר צו עסין אונ צו טרינקען פון וועגען צו דער האלטען דעם נפש אונ גוף איך זאל קענין עוסק זיין אין תורה ומצות . אבער צו עסין פון וועגען תאוה וועל איך צו דיר יצה״ר נישט צו הערין :

טו [א] אחר הדברים האלה . זאגט דער פסוק נאך דעם וויא דער מענטש רעד אזעלכע רייד צו דעם יצה״ר . הי׳ דבר ה׳ אל אברם במחזה לאמר ווערט גאט גיוויזען צו דעם מענטש אונ זאגט צו איהם אל תירא אברם אנכי מגן לך האב דיא מענטש קיין מורא נישט פאר דעם יצה״ר . דוא זאלסט איהם נאר נישט צו הערין . אונ איך גאט אליין וועל דיר פון איהם באשיצען אונ וועל דיר העלפען . אזוי וויא דיא גמרא זאגט הבא ליטהר פותחין לו דער מענטש וואס נעמט אויף זיך צו טוהן תשובה עפינט מען איהם אויף דיא טיר . כלומר מען העלפט איהם פון הימעל צו טוהן תשובה . שכרך הרבה מאד . אונ פיר דעם וואס דוא וועסט נישט הערין דעם יצה״ר וועל איך דיר געבען פיל שכר . עס שטייט גישריבען אויף דעם פסוק . אחר הדברים האלה נאך דעם וויא אברהם האט מנצח גיוועזן דיא פיר מלכים הי׳ דבר ה׳ אל אברם איז גיוועזן גאטס רייד צו אברם במחזה אין וויזונג לאמר אונ האט צו איהם גיזאגט אל תירא אברם . דוא זאלסט דיך נישט פארכטען אברם . אנכי מגן לך איך בין איין באשיצער צו דיר שכרך הרבה מאד אונ דיין שכר איז זעהר פיל . דארף מען פאר שטיין פאר וואס אין אנדערע ערטער וויא גאט האט גירעדט מיט אברהם שטייט נישט דאס ווארט במחזה . נאר דא שטייט יא דאס ווארט במחזה . קען מען זאגען אזוי . דיא גמרא דרשינת גאט האט גיזאגט צו אברהם אנכי מגן לך איך בין איין באשיצער צו דיר דאס מיינט מען בעולם הזה שכרך הרבה מאד דיין שכר איז זייער פיל דאס מיינט מען בעולם הבא האט דאך גאט צו אברם גיזאגט אז ער איז אגרויסער צדיק אונ האט פיל שכר . קען דאך זיין אז אברם וועט ווערין בייא זיך גרויס . אונ גאט וויל אבער נישט מען זאל זיך האלטען בגאוה אפילו מיט דעם וואס מען לערינט אונ מען טוט מצות . וועגען דעם האט גאט דאס איהם גיזאגט במחזה אין וויזונג כלומר ער האט דאס צוא איהם מודיע גיוועזן אין חלום . אונ דיא גמרא זאגט דאך אז אין חלום בלא דברים בטלים . עס איז נישט דא קיין חלום עס זאל נישט זיין אין איהם קיין דברים בטלים וועט דאך אברם מיינען אז דאס וואס עס האט איהם גיחלומת אז ער איז איין צדיק איז דאס אדבר בטל וועט ער זיך נישט האלטען גרויס . פון דעם קען מען זיך אפ לערנין וויא וייט דער מענטש דארף זיך מרחיק זיין פון מידת הגאוה . עס איז שוין נישט דא נאך אזאך וואס השי״ת האט איהר אזוי פיינד וויא דיא מדת הגאוה : (ו) והאמין בה׳ אונ אברהם האט גיגלייבט אין גאט דאס וואס גאט האט איהם צו גיזאגט אז ער וועט

האבען

האבען אסאך קינדער . ויחשבה לו לצדקה אונ אברהם האט נישט גירעכינט דאס אז דאס קומט איהם פאר זיינע מצות ומעשים טובים . נאר ער האט גירעכינט אז גאט טוט מיט איהם צדקה אונ וועט איהם שענקין ער זאל האבען קינדער : (טו) ודור רביעי . אונ גאט זאגט צו אברהם נאך דעם וויא דיינע קינדער וועלין זיין גרים אין פרעמדע לענדער . אונ אז עס וועט שוין זיין דער פערטער דור ישובו הנה וועלין זייא ווידער קערין צו דעם לאנד ארץ ישראל . דער פסוק איז מרמז אויך אויף דיא פיר מאל וואס דיא ישראל זענין אין גלות . זאגט דער פסוק ודור רביעי דער דור פון פערטין גלות ווארום דער ערשטער גלות איז גיוועזן גלות בבל . אונ דער צווייטער גלות מדי . אונ דער דריטער גלות יון . אונ דער איצטיגער גלות אדום איז שוין דער פערטער גלות) ישובו הנה זייא וועלין צוריק קערין צום לאנד ארץ ישראל . כי לא שלם עון האמרי דיא זינד פון דיא מענטשין וואס זייא טוען דורך דעם יצה״ר [וואס ווערט גירופען אמרי ווארום ער זאגט נאר תמיד צום מענטש אלע מאהל אנדערע מאמרים] איז נאך נים גיווארען גיקאנטשיט מען טוט נאך עבירות . עד הנה ביז עס וועט זיין דאס וואס ווייטער שטייט : (יז) ויהי השמש באה וגו׳ עס וועט זיין זייער פינסטער פון פיל צרות . אונ דורך דעם וועט מען טוהן תשובה . דאמאלס וועט זיין תחיית המתים אונ (יח) ביום ההוא אין דעם דאזיגען טאג כרת ה׳ את אברם ברית וגו׳ וועט גאט כורת ברית זיין מיט אברהם אונ וועט צו איהם מיט זיינע קינדער אוועק געבין דאס גאנצע לאנד ארץ ישראל . מיר זאלין דאס זוכה זיין במהרה בימינו :

טז (א) ושרי אשת אברם וגו׳ דער ספר דמ״א שרייבט על פי רמז דעם פסוק אזוי . מיר געפונען אין כמה ספרים אז דאס וואס דער מענטש לערינט תורה לשמה בלומר פון גאטס וועגע ווייל גאט האט גיהייסען לערנין . מען זאל וויסען וויא זיך צו פירען מיט גאט אונ מיט מענטשין . דיא תורה ווערט גירופען מיט דיא נעמין . בן . אדער אשה . אדער גברת הבית . ווארום דער וואס לערינט תורה לשמה מיינט ער דאך נישט קיין שום זאך הייסט דער מענטש גלייך וויא איין זון וואס טוט דעם ווילען פון גאט . אונ דיא תורה איז מיט איהם תמיד באהעפט אזוי וויא איין ווייב . אונ זיא ווערט גירופען דיא הארינטע . אבער ווען דער מענטש לערינט חלילה תורה שלא לשמה . ער לערינט נאר פון וועגען ער זאל זיין אלמדן ער זאל זיך קענין האלטין בגאוה אויף זיין חבר . אויך פון וועגען ער זאל האבען כבוד . ווערט דיא תורה גירופען מיט דעם נ׳מען שפחה . ווארום דער מענטש וואס לערינט תורה שלא לשמה נאר פון וועג׳ן צו האבען כבוד הייסט דער מענטש מיט דעם נאמען עבד ער ארבעט נאר פון וועגן כבוד . הייסט זיין תורה מיט דעם נאמען שפחה . אויך שרייבען ספרים אז דיא תורה לשמה איז מוליד כלומר זיא ווערט אלע מאהל גרעסער אונ מעהר . אבער דיא תורה שלא לשמה בלייבט אזוי וויא זיא איז . אונ איבער דעם זאגט דיא גמרא טוב מעט בכוונה מהרבה שלא בכוונה . עס איז בעסער צו לערנין אביסעל תורה נאר עס זאל זיין מיט דיא אמתה כוונה לשמה . איידער צו לערנין אסאך אונ שלא לשמה . ווארום דאס ביסעל תורה לשמה איז מוליד פיל פירות אז עס ווערט אלע מאהל גרעסער אונ מעהר . דא איז דיא כוונה פון דיא פסוקים על פי רמז . ושרי אשת אברם . אין זוהר שטייט ישראל אורייתא וקודשא בריך הוא חד . דיא ישראל אונ דיא תורה מיט דיא שכינה איז אלץ איינס . כלומר ווען דיא ישראל לערנין דיא תורה לשמה זענין זייא באהעפט מיט דיא שכינה . אונ אזוי וויא דיא תורה ווערט גירופען דיא ווייב

פון דעם מענטש. אזוי ווערט גירופען דיא שכינה אויך מיט דעם נאמען אשה. דאס מיינט דער פסוק ושרי אשת אברם ווען דיא שכינה זעהט אז לא ילדה לו דער מענטש האט נישט זיינע גידאנקען צו לערנען דיא תורה. ולה שפחה מצרית וגו׳ אונ צו איהר איז איין שפחה. דאס איז דיא תורה שלא לשמה: (ב) ותאמר שרי אל אברם. שיקט אריין דיא שכינה אין מענטשעס גידאנק. הנה נא עצרני ה׳ מלדת גאט גיט דיר נישט פריער קיין כח דוא זאלסט זיך נעמען צום לערנען. בא נא אל שפחתי. קום צו מיין שפחה. הייב נאר אן פריער צו לערנען תורה שלא לשמה. אולי אבנה ממנה. טאמער וועל איך גיבויעט ווערין דורך איהר כלומר. דאס איז נישט דער עיקר. נאר דער נאך וועסטו לערנען דיא תורה לשמה. וישמע אברם לקול שרי. אונ דער מענטש הערט צום קול פון דיא שכינה: (ג) ותקח וגו׳ (ד) ויבא אל הגר ותהר אונ דער מענטש קומט צו לערנען דיא תורה שלא לשמה אונ ער ווערט טראגען מיט אסאך תורה. ווארום פון צו לערנען תורה שלא לשמה וויל ניט דער יצה״ר אפ רעדין דעם מענטש. אונ ווען דער יצה״ר רעדט איהם ניט אפ פון צו לערנען. לערינט ער דאך אסאך. ותרא כי הרתה אונ ווען ער זעהט אז מיט דעם אויפן לערינט ער אסאך תורה ותקל גבירתה בעיני׳ ווערט ביא דעם מענטש גרינג דיא תורה לשמה וואס זיא ווערט גירופען גבירה. ווארום תורה לשמה איז שווער אסאך צו לערנען: (ה) ותאמר שרי אל אברם זאגט דיא שכינה צום מענטש חמסי עליך דאס וואס איך ווער בארויבט פון דיא תורה לשמה ביסטו אין דעם שולדיג אנכי נתתי שפחתי בחיקך איך האב דיר פריער גיהייסען לערנען תורה שלא לשמה פון וועגען דעם עיקר אז דער נאך זאלסטו לערנען תורה לשמה חאטשע תורה לשמה וועסטו ניט קענען לערנען אסאך. צום סוף גאר ותרא כי הרתה ווען דיא זעסט אז ווען דיא לערינסט תורה שלא לשמה לערינסטו אסאך ואקל בעיני׳ ווער איך ביא דיר גרינג דורך איהר אונ דוא ווילסט שוין גאר נישט לערנען תורה לשמה ישפט ה׳ ביני וביניך. זאל דיר גאט משפטן: (ו) ויאמר אברם אל שרי. ווען דער מענטש הערט אז ער וועט נאך אויף דיא תורה שלא לשמה וואס ער האט גילערינט ווערין געמשפט. זאגט ער צו דיא שכינה הנה שפחתך בידך וגו׳ נעם דיר צו ביא מיר דיא תורה שלא לשמה. איך וועל שוין מער גאר נישט לערנען קיין תורה. ותעני׳ שרי. האט דיא שכינה זייער צער פון דעם ותברח מפני׳ ווערט דיא תורה שלא לשמה וואס דער מענטש האט גילערינט פאר געסין פון איהם: (ז) וימצאה מלאך ה׳ וגו׳ געפונט איהר דער מלאך צו דיא תורה שלא לשמה וואס זיא אנטלויפט אוועק פון מענטש: (ח) ויאמר זאגט דער מלאך צו דיא תורה הגר וגו׳ ואנה תלכי וויא אהין גייסטו. ותאמר מפני שרי גברתי אנכי ברחת פון וועגען דיא תורה לשמה וואס דער מענטש וויל נישט לערנען טוה איך אנטלויפען: (ט) ויאמר לה מלאך ה׳ זאגט דער מלאך צו דיא תורה שלא לשמה שובי גייא צוריק צום מענטש אונ זעה צו מחזיר בתשובה זיין דעם מענטש אל גבורתך וגו׳ ער זאל לערנען תורה לשמה. אונ אזוי וויא דיא גמרא זאגט מתוך שלא לשמה בא לשמה דורך דעם לערנען תורה שלא לשמה קומט מען דער נאך צו לערנען תורה לשמה: (י) ויאמר לה מלאך ה׳ אונ ווען דער מענטש הייבט אן מכוון צו זיין צו לערנען נאר תורה לשמה זאגט דער מלאך פון נאט הרבה ארבה וגו׳ ווען אויך תורה לשמה קען מען קיין סך נישט לערנען. נאר אבער דאס ביסעל וואס דער מענטש לערינט וועט דאס זעהר גרוים אונ פיל ולא יספר מרב. אונ עס וועט ניט ווערין איבער גיציילט פון זייער פיל:

ואברהם

יז (כד) ואברהם וגו׳ בהמולו בשר ערלתו אונ אברהם איז אלט געוועז נײן אונ נײנציג יאר ווען ער הט זיך מל געוועזן. דר מדרש זאגט אמר לו הקב״ה לאברהם גאט האט גיזאגט צו אברהם דיו לעבד שיהא כרבו עס איז גינוג צום קנעכט אז ער איז גלײך וויא זײן האר. אמר לפניו זאגט אברהם צו גאט מי ימול אותי ווער וועט מיר מל זײן. אמר הט גאט גיזאגט אתה בעצמך דוא אלײן זאלסט דיר מל זײן. מיד נטל אברהם סכין הט באלד אברהם גינומען אמעסער אונ האט זיך מל גיוועזן. איז דאך דער מדרש ניט צוא פר שטײן. קען מען זאגין אזו. ווארום עס שטײט פריער אין פסוק כג ויקח אברהם וגו׳. אברהם הט גינומען אלע זכרים פון זײן הויז גיזונד אונ הט זײ מל גיוועזן. אונ דר נאך הט זיך אברהם מל גיוועזן. איז די קשיא פר וואס הט אברהם זיך נישט פריער מל גיוועזן אײדר ער הט מל גיוועזן זײן הויז גיזונד: ענטפערט דר רמב״ן אברהם הט מורא גיהאט ווען ער וועט זיך פריער מל זײן וועט ער ווערין שלאף אויף עטליכע טעג אונ וועט נישט קענין מקיים זײן תיכף גאטס באפעל. איבר דעם הט ער זײ פריער מל גיוועזן. אונ דר נאך הט אברהם מורא גיהאט ווייל ער איז שוין אלט וועט ער נישט קענין מקיים זײן די מצוה אזו וויא מען בדארף. הט ער גיקלערט צו הייסן אײנעם פון זײנע קנעכט אז ער זאל איהם מל זײן. זאגט גאט צו איהם דיו לעבד שיהא כרבו עס איז גינוג צום קנעכט ער זאל זײן גלײך צו זײן האר אבער נישט גרעסיר. אונ ווען דו וועסט הייסן אײנעם פון דײנע קנעכט דיר מל זײן וועט ער דאך זײן גרעסיר פון דיר. ווארום דו האסט נאר מל גיוועזן א קנעכט אונ דײן קנעכט איז מל דיך אברהם. איבר דעם זאגט אברהם צו גאט מי ימול אותי ווער דען וועט מיר מל זײן. איך האב מורא איך וועל נישט קענין מיר מל זײן וויא מען בדארף. אמר זאגט גאט צו אים אתה בעצמך דו ביסט נאך מיט דײנע קרעפטין וועסט דוא זיך קענין מל זײן. מיד נטל וגו׳ הט אברהם באלד גינומען אמעסיר אונ זיך מל גיוועזן:

# פרשת וירא

יח (א) וירא אליו ה׳ באלוני ממרא אונ גאט איז גיווארין גיוויזין צו אברהם אין פלאץ פון ממרא רש״י שרײבט פון מדרש וועגין פר דעם וואס ממרא הט גיגעבין אײן עצה צו אברהם ער זאל זיך מל זײן האט ממרא גיהאט די זכיה אז גאט האט זיך בוויזין אין זײן פלאץ. דער פסוק לערינט מיט דעם. וויא גרויס עס איז דער שכר פון דעם וואס ער רעדט אן דעם אנדערין צו טוען אמצוה. איז שוין פון דעם גידרונגין אכל שכן דער וואס טוהט דיא מצוה איז גיוויס זײן שכר זעהר פול. אונ דם בדארף מען אויך פר שטײן וויא גשיקט זיך צו זאגין אויף אברהם ער זאל פרעגין אעצה צו ער זאל זיך מל זײן. אונ ווען זײא וועלין איהם נישט הייסין וועט ער חלילה נישט מקיים זײן גאטס באפעל. נאר דער פשט איז אזו. גאט האט איהם גיהייסן ער זאל זיך זעלבסט מל זײן. אונ אויך צו זײן זוהן ישמעאל אונ אויך צו אלע זכרים פון הויז. האט אברהם מורא גיהאט אפשר חעלין איהם דם הויז גיזונד נישט צו הערין ובפרט ישמעאל איז שוין דאמאלס גיוועזן דרײצן יאר אויף דעם הט אברהם גיפרעגט אעצה וואס צו טוען וויא אזו ער זאל מל זײן זײן הויז גיזונד. הט איהם ממרא גיגעבין אעצה וועלכע עס איז גוט גיוועזן. פון דעם קען מען אפ לערנען אז ווען דר מענטש בדארף טוען אמצוה בדארף ער פריער זיך מיישב זײן וויא אזוי ער זאל טוען דיא מצוה אנטקעגין אנדערע מענטשין זײא זאלין אויף איהם ניט עטוואס רעדין אונ זאלין איהם חלילה נישט מבטל זײן: (ב) וישא עיניו דר אור פני משה שרײבט

דעם רמז פון פסוק אזו . אונ אברהם דאס איז דער יצר טוב הייבט אויף זיינע אויגן מיט
שכל וירא והנה שלשה אנשים אין פרשת בראשית (ה כר) האבין מיר גישריבין אז ווען
דר מענטש זעהט ניט צו טוען פיל מצות ומעשים טובים אונ צו לערנען תורה טוז ער
מגולגל ווערין דרייא מאל אויף דר וועלט . דס מיינט דער פסוק ווען דר יצר טוב זעהט
אז די דרייא גלגולים פון מענטש נצבים עליו שטייען בייא דעם מענטש ער זאל זיי מתקן
זיין . וירא אונ ער זעהט דס זייא שטייען אויף דער זעלבינע מדרגה וירץ לקראתם לויפט
ער אנטקעגין זייא מתקן צו זיין . כלומר ער רעדט אן דעם מענטש ער זאל זעהן מתקן צו
זיין מפתח האהל ער זאל זייא מיט נעמען אין גיצעלט פון תורה צו לערנען מיט חשק .
וישתחו ארצה אונ לערינט דעם גוף ער זאל זיך האלטין נידעריג ער זאל זיין ענו :
(ג) ויאמר ה' אונ זאגט צו גאט אם נא מצאתי חן בעיניך ווען איך האב בייא דיר אין
דיא אויגן חן אל נא תעבר מעל עבדך זאלסט דוא פון מיר ביין קענעבט נישט אוועק גיין
נאר זיי מיט מיר אונ העלף מיר פון דעם יצהיר אונ זאגט צו די דרייא מענטשין דס איז
זיינע דריי גלגולים : (ד) יקח נא מעט מים מען דארף זיך נעמען ביסליך וייס צו לערנען
תורה ורחצו רגליכם אונ פריער וואשט אייך אפ פון אייער גיוואנהייט טוהט ניט קיין
שלעכץ אזו וויא אין פסוק (תהלים לד) שטייט סור מרע פריער קער אפ פון צוא טוען
שלעכץ אונ דר נאך ועשה טוב טוה גוטס אונ לערין תורה . אונ אפשר וועט איהר פרעגין
מיט וואס וועלין מיר זיך שפייזין אז מיר וועלין נאר לערנין זאג איך אייך והשעני תחת
העץ לערנט אייך אן אויף די תורה וואס ווערט גירופין אין (משלי ג יח) עץ חיים וגו' איין
לעבעדיגר בוים . אונ הט בטחון אויף גאט מיט דעם גאנצן הארץ באמאלם (ח) ואקחה פת
לחם וסעדו לבכם וועל איך אייך שוין געבין ברויט צו עסין . אונ אפשר וועט אייך
גלוסטין אנדרע זאכין זאג איך אייך בקלערט אייך אז אחר תעברו איהר וועט זיך באלד
אוועק גיין פון די וועלט . וואס טויג אייך מותרות . איהר בדארפט מער ניט נאר דעם לעבן
צו ערהאלטין . אונ בקלערט אייך אויך כי על כן עברתם דס וואס איהר זענט שוין צוויי
מאל איבער גיפארין פון די וועלט . איז דס נאר על עבדכם וועגין דעם וואס איר הט מיר
יצר טוב ניט גיהערט . איהר הט מיר גאר ניהאלטן גליך וויא אייערס אקנעכט . ויאמרו כן
תעשה כאשר דברת זאגין זייא גיי שוין גיכער אונ טוה אזו ווי דו זאגסט . פון דעם דארף
דר מענטש זיך אפ לערנען ער זאל תמיד האבין אין זיך דעם רעכנונג אפשר איז ער שוין
דס דריטע מאל אויף די וועלט . אונ ווען ער וועט ניט אצונד מתקן זיין ווער וועט איהם
מתקן זיין ואם לא עכשיו אימתי אונ ווען ניט אצונד ווען דען . אונ דארף זיך נעמען צוא
תורה ומצות ומעשים טובים צו טוען וויא פיל זיין כח איז : (ו) וימהר אברהם (דר ספר
רביד זהב שרייבט דעם רמז פון דיא פסוקים אזו) אונ דער יצר טוב היילט האהלה אל
שרה מיט דעם גוף צו גיין אין גיצעלט פון די תורה ויאמר מהרי שלש סאים קמח אונ
זאגט צום גוף היל אונ נעם דרייא מאס גראבע מעל . שרייבט רש"י קמח לעמילן של
טבחים לכסות את הקדירה לשאוב את הזוהמא די גראבע מעל זאל מען מאכין שטערצליך
צו דיא טעפ עס זאל אראפ נעמען דיא טועסע שוים פון אויבן . דר רמז איז דר מענטש
דארף פון זיך פריער אראפ ווארפן זיין אונריינקייט פון דיא עבירות איידר ער גייט נעמען
לערנען . אונ דס מיינט דר תנא אין פרק אם אין קמח אין תורה ווען דר מענטש ריינגט
זיך נישט אפ פריער פון זיין טומאקייט קען ער ניט לערנען דיא תורה ואם אין תורה אין
קמח אונ ווען ער לערינט ניט קיין תורה ווייסט ער נישט וועלכס עס איז איין עבירה
ווייסט ער ניט פון וואס זיך צו ריינגן . איבר דעם דארף מען ביידע טוען צוא לערנען
תורה

תורה אונ צו טוען תשובה . אונ דר נאך סלת וגו' וועט דיא תורה זיין ריינע מעל ריינע תורה : (ז) ואל הבקר רץ אברהם ויקח בן בקר רך וטוב וגו' אונ צו די רינד שטאל לויפט אברהם אונ גענומט איין רינד איין ווייכע אונ אגוטע זאגט דיא גמרא עס איז גיוועזן דרייא רינדר פון וועגין צו געבין זיי דריי צונגן . דאס ווייזט אזוי וויא די צונג פון רינד איז חייך אזו זאל זיין די צונג פון מענטש אויך ווייך צו רעדין ווייכע רייד . אונ אויך וטוב דם הארץ זאל אויך זיין גוט . נישט צו רעדין אחד בפה ואחד בלב מיט דעם מויל גוטס אונ מיט דעם הארץ זאל מען האבין אין זינען צו טוען שלעכץ : (ח) ויקח חמאה וחלב ובן הבקר וגו' . אונ ער האט גינומען פיטער אונ מילך . דס ווייזט אז דר מענטש זאל נישט זאגין עס איז איהם שווער אפ צו שיידין פון זיין שלעכטיקייט אונ פון זייגע שלעכטע חברים . זאגט דר פסוק אזו וויא מילך קומט פון די בהמה אונ דר נאך ווען די מילך ווערט אפ גישייד פון די בהמה איז אסור צו עסין באזאמען די מילך מיט דעם פלייש . אזו דער מענטש ווען ער איז גיוועזן שלעכט אונ האט גיטאן עבירות איז ער גיוועזן גלייך וויא די בהמה . אונ אבער ווען ער טוהט תשובה וועט ער ווערין גרינג אפ גישייד פון דיא שלעכטע זאכין אונ פון די שלעכטע חברים . ווארום מצוה גוררת מצוה איין מצוה שלעפט שוין דעם מענטש צו טוען נאך מצות : (ט) ויאמרו אליו דר אור פני משה שרייבט אין זהר שטייט אז די נשמה ווערט גירופן אברהם אונ דר גוף שרה . איז דער רמז פון פסוק אזו . דיא מלאכים זאגין צו די נשמה איה שרה אשתך אונ וואס פר אמעלה איז דיין גוף . וויא אזוי פירט ער זיך ויאמר זאגט די נשמה הנה באהל דר גוף זיצט אין בית המדרש אונ לערינט תורה : (י) ויאמר זאגט אמלאך צו די נשמה שוב דר גוף טוהט תשובה . גאנץ גוט . הלוואי אשוב אליך כעת חיה ולשרה בן אז איך וועל נאך אמאל קומען צו דיר זאל שוין דער גוף האבין איין זוהן דס איז זייגע תורה ומצות ומעשים טובים . ושרה שומעת אונ דער גוף הערט אז דיא נשמה וויל איהם דעם גוף בזעצין פתח האהל אין גיצעלט פון תורה והוא אחריו איז באלד דר יצהיר אונטער איהם אונ זאגט צום גוף : (יא) ואברהם ושרה זקנים זקנים וגו' די גוף מיט דיין נשמה זענען שוין אלט חדל להיות לשרה ארח כנשים דיא האבט שוין ניט דעם כח פון אלע גופים צו טוען תשובה . אונ אויך וועט שוין דיין תשובה אצונד נישט העלפין . וועגין וואס זאלסט דוא זיך אומזונסט פייניגין אונ ווען דר גוף הערט דאס . איז ער אויף דעם תיכף מסכים : (יב) ותצחק שרה בקרבה אונ דר גוף לאכט אויף דעם וואס די נשמה וויל פון גוף אז ער זאל נאר זיצין אונ לערנען . לאמר דר גוף זאגט אחרי בלתי אז איך בין שוין אלט איך האב שוין ניט קיין כח צו טוען תשובה אונ זיך צו פייניגין מיט דעם לערנען היתה לי עדנה זאל איך זיך נעמען צו טוען תשובה . אונ אויך ואדני זקן מיין האר דס איז דר יצר הרע איז דאך בייא מיר שוין איין אלטר האר ער שאפט אויף מיר פון די יונגענד אן וועט ער מיך דען לאזין טוען תשובה . אונ אויך וועט דען אצונד העלפין די תשובה : (יג) ויאמר ה' אל אברהם זאגט גאט צו די נשמה למה זה צחקה שרה לאמר וואס לאכט אזוי דר גוף אונ זאגט האף אמנם אלד ואני זקנתי קען דען זיין אז איך גוף איך בין שוין אצינד אויף די עלטער זאל איך נאך קענען גיווינען תורה מיט מצות ומעשים טובים דס עס זאל נאך העלפין מיין תשובה . טאקע מיט דעם דין בדארף אזוי זיין עס זאל ניט העלפין קיין תשובה . נאר (יד) היפלא מה' דבר פון ה' מדת הרחמים איז דען דס אוואונדר . איך גאט בעל הרחמים איך בין מקבל דיא מענטשין וואס טוען תשובה אפילו אויף די עלטער אויך . דו נשמה זאג נאר צום גוף למועד נעם זיך נאר צייט צו לערנען אונ טוה תשובה דאמאלס אשוב אליך וועל איך צו דיר באלד ווידר

קערט

קערין אונ וועל דיר העלפן. אונ זאלסט ניט זאגן דם דו האסט שוין ניט קיין כח. דו דארפסט ניט קיין כחות. כעת חיה נעם דיר נאר צייט צו לערנען מיט לעבידיגקייט מיט חשקות איז תיכף ולשרה בן וועסט דיא גוף האבן איין זוהן וואס וועט וואקסן אלע מאל גרעסער דיא וועסט זיך אלע מאל מערין אונ שטארקן אין דעם לערנען גייט דיא נשמה אונ זאגט דם צום גוף: (טו) ותכחש שרה לאמר לא צחקתי לייקנט דר גוף אונ זאגט איך האב נאר ניט גילאכט כי יראה ווארום דר גוף האט מורא ויאמר זאגט גאט לא האב קיין מורא ניט כי צחקת אויף דעם וואס דו האסט גילאכט טוה נאר אצונד תשובה וועט דיר אלם פאר געבין ווערין (טז) ויקמו וגו׳ אונ די מלאכים זענין אויף גישטאנען אונ האבין גקוקט אויף סדום ואברהם הלך עמם לשלחם אונ אברהם איז גיגאנגען מיט זיי צו בלייטן זייא. אונ פון דעם וועגין וואס אברהם האט זייא בלייט האט ער זוכה גיוועז אז גאט האט מיט איהם אצונד גירעד. אזו וויא עס שטייט דר נאך אין דיא פסוקים דאס ווייזט אונז דער פסוק אז בזכות דעם וואס מען נעמט אריין צו זיך אין שטוב איין אורח אונ מען גיט איהם עסין אונ טרינקין מיט דעם גאנצין הארץ. אונ ווען ווערט בקאנט אז דר מענטש טוהט דאס מיט זיין גאנצן הארץ יוען ער בלייט דעם אורח. איז דער מענטש זוכה צו גילוי שכינה: (יז) וה׳ אמר המכסה אני דער אור פני משה שרייבט על פי רמז אזוי. דיא גמרא זאגט משביעין את התינוק הוי צדיק ווען דער מעטש דארף גיבוירען ווערין באשווערט מען זיין נשמה אין הימעל אז זיא זאל מאכען דעם גוף ער זאל זיין אצדיק. אונ וועגין דעם ווען דער מענטש וועט שטארבען וועט דיא נשמה צוריק גיין אין איר ארט מיט טייערע בגדים פון דיא תורה ומצות ומעשים טובים. דאס איז דער פסוק מרמז. אונ גאט זאגט המכסה אני צו זאל איך דען דיר נשמה באדעקין מיט מלבושי כבוד. ניין נאר מאברהם דורך דעם גוף וואס ער וועט טוען מצות ומעשים טובים. נאר ווען דער גוף וועט זיך נאר נעמין צו טוען מצות דאמאלס אשר אני עשה וועל איך אויך דעם מענטש זיין צו היקף: (יח) ואברהם היו יהיה וגו׳ אונ אברהם וועט זיין צו אגרוים פאלק אונ אלע פעלקיר וועלין זיך מיט איהם בענטשין איבער דעם: (יט) כי ידעתיו וועל איך איהם מאכען וויסען פון דעם וואס דיא שטאט סדום וועט חרוב ווערין למען דרום אשר יצוה את בניו ואת ביתו אחריו וועט ער גיביטען זיינע קינדער אונ זיין הויז גיזונד נאך איהם ושמרו דרך ה׳ אז זייא זאלין היטען גאטס וועג לעשות צדקה ומשפט צו טוהן צדקה אונ משפט. למען הביא ה׳ על אברהם את אשר דבר עליו. פון וועגען דעם וועט גאט ברענגין אויף אברהם וואס ער האט גירעדט פון זיינעט וועגען: (כ) ויאמר ה׳ זאגט גאט צו אברהם זעקת סדום ועמרה דאס גישריי פון דיא עניים וואס שרייען אויף דיא לייט פון סדום אונ פון עמורה וואס זייא ווילען זייא נישט געבין קיין שטיקעל ברויט כי רבה ווייל סדום מענטשין פון סדום ווילען זיך אלע מאהל מערין מיט פיל געלד. וחטאתם אונ דאס וואס זייא פעהלין פון צדקה צו געבין כי כבדה מאד ווייל זייא ווילען ווערין שווער מיט פיל פאר מעג: (כא) ארדה נא ואראה איך גאט וועל שוין נישט וועלין משפטן נאך מיין גרויסקייט נאך. נאר איך וועל אראפ נידערין אונ וועל זעהן. כלומר איך וועל זיך רעכינען גלייך וויא אמענטש. אונ ווען איך וועל זעהן הכצעקתה הבאה אלי אויב אזוי וויא איהר גישרייא וואס עס קומט צוא מיר פון דיא עניים. וואס חוץ דעם וואס זייא גיבען זייא נישט קיין צדקה שרייען זייא נאך אויף דיא עניים אונ בייזערין זיך אויף זייא עשו אויב זייא טוען טאקע אזוי. זייא שרייען נאך אויף דיא ארימע לייט כלה וועל איך אין זייא טוהן אפארלענעניש ווארום

עס שטייט אין פסוק (תהלים י"א) כי צדיק ה' וויל גאט איז אצדיק צדקות אהב דאט ער ליב אז זיינע מענטשין זאלין אויך טוהן צדקה איינער מיט דעם אנדערין . נאר דיא צדקה זאל זיין אויף דעם אויפן ישר יחזו פנימו אז דער מענטש וואס גיט דעם עני צדקה זאל ער דעם עני אן קוקען גלייך אין פנים כלומר ער זאל דיא צדקה איהם געבען מיט דעם גאנצען הארץ מיט גיטרייהיט אונ מיט רחמנות אונ זאל איהם אן קוקען אין פנים אונ זאל זיך באערכינגען ער האט דאך דעם זעלבינגען פנים וויא איך ער איז אויך אמענטש . גלייך מיט מיר דארף איך זיך מיט איהם ניט שעמין צו רעדין . אונ ווען גאט האט איהם גימאכט ער זאל זיין איין עני איז דאס נאר מיר מזכה צו זיין מיט דיא מצוה . דארף איך גיך אויף דעם עני רחמנות האבען אונ געבין איהם צו עסין אונ צו טרינקען צו דער האלטען זיין נשמה אין דעם גוף . אונ ווענגען דעם שענקט גאט דעם מענטש אויך זיין לעבען . אבער חלילה ווען דער מענטש זעהט אז דער ארומאן קומט צו איהם בעטין צדקה אונ דער מענטש איז בייא זיך גרויס ער וויל גאר נישט מיט דעם ארומאן רעדין . ער שעהמט זיך דעם ארומאן אן צו קוקען אין פנים אונ ער האט אויף דעם ארומאן ניט קיין רחמנות . אונ ער בייזערט זיך אונ שרייט נאך אויף דעם ארומאן . אונ דער ארומאן גייט נעביך אוועק פון איהם אונ עס ווערט איהם זיין בלוט פאר גאסען פון שאנד אונ עס גיט איהם אוים זיינע כוחות פון הונגער . אזוי משפט גאט דעם דאזיגען מענטש מדה כנגד מדה . איבער דעם זאגט דא גאט איך וועל זייא דיא מענטשין פון סדום פאר לענדין ואם לא נאר ווען עס איז נישט אזוי . כלומר זייא שרייען נישט אונ בייזערין זיך נישט אויף דיא ארומע לייט . נאר זייא ווילען קיין צדקה צו זייא ניט געבען אדעה וועל איך וויסען מיט וואס זייא צו שטראפען . איך וועל זייא נאר שטראפען אין זייער פאר מעגין . עס וועט ווערין פאר לוירען פון זייא זייער געלד : (כו) ויען אברהם וגו' דער אור פני משה זאגט דעם רמז פון פסוק אזוי . עס שטייט אין פסוק (איכה ב' י"ט) שפכי כמים לבך גים מיט טרערין אזוי פיל וויא וואסער ווען דיא טוסט תפלה אונ עס זאל זיין מיט כוונה מיט דעם הארץ נכח פני אדני אונ דער עיקר כוונה פון דיא תפלה זאל נאר זיין ווענגען דיא שכינה וואס זיא איז אויך אין גלות . ווארום גאט איז דאך אגוטער ער וויל נאר טוהן גוטס נאר ווען דיא ישראל זינדיגען אונ זענין ניט ראוי צו מקבל זיין דיא השפעה פון גאט איז דאס צווא גאט כביכול איין עגמת נפש וואס דאס גוטס בלייבט בייא איהם . איבר דעם דארף דר מענטש נאר מכוון זיין מיט זיין תפלה . אז מען זאל טוהן תשובה אונ מען זאל ווערין גוט פון ווענגען מען זאל קענען מקבל זיין פון גאט זיין השפעה . דאס איז דיא כוונה פון דעם פסוק אויך . ויען אברהם ויאמר אונ דער מענטש דארף זיין בייא זיך אונטער טעניג אונ זאל אזוי זאגען הנה נא ווען איך טוה בעטין הואלתי לדבר אל אדוני דארף איך זעהן אז ווען איך הייב אן צוא רעדין דיא תפלה זאל דאס נאר זיין פון ווענגען גאט . ווארום ואנכי עפר ואפר איך בין דאך נאר ערד אונ אש וואס האב איך ווענגין זיך צו בעטין ווענגען דעם גוף דארף איך נאר נישט אזוי פיל מתפלל זיין :

יט (ו) ויאמר דער רמז פון פסוק איז אזוי . אל נא ווען מען זעהט אז דיא גיבעט פון דיא ישראל ווערט ניט אן גינומען אחי איהר ישראל וואס ווערט גירופען ברודער תרעו זאלט איהר זיך גיזעלין איינער מיט דעם אנדערין איהר זאלט זיין שלום איינער מיט דעם אנדערין דאמאלס ווערט שוין דיא תפלה אן גינומען : (כג) השמש וגו' דער רמז איז אזוי . דער אלשיך אין פרשה נשא שרייבט אז דיא נשמה קומט אריין אין

דעם

דעם קינד ווען דאס קינד איז נאך אין דיא מוטערס בויך. אונ דער יצה״ר קומט ווען
דאס קינד ווערט גיבוירען אזוי וויא עס שטייט אין פסוק לפתח חטאת רבץ בייא דיא
טיר פון דיא מוטערס בויך ליגט דער יצה״ר ער זאל תיכף אביין גיין אין דעם קינד.
דאס זאגט דא דער פסוק השמש יצא על הארץ ווען דיא נשמה גייט ארויס פון איהר
ארט אויף דיא ערד אביין צו גיין אין דעם גוף איז זיא זייער שיין אזוי וויא דיא זון.
אבער ולוט דער יצה״ר בא צערה קומט דער נאך אין דעם גוף אריין. איבער דעם
דארף דער מענטש גיכער הערין דיא נשמה וואס וויל פון דעם גוף אז ער זאל נאר
טוען מעשים טובים: (כז) וישכם אברהם. על פי רמז מיינט דער פסוק אזוי ווען דער
מענטש פערערט זיך בבקר אין זיינע יונגע יארען צו הערין נאר דעם יצר טוב וואס
ווערט גירופען אברהם. אונ גייט מיט איהם אל המקום צו דעם ארט אשר עמד שם
וואס מען האט דארט איין בשטאנד דאס איז וואס ער לערינט תורה אונ טוט מצות
ומעשים טובים. דאמאלס איז ער זוכה את פני ה׳ אז ווען ער וועט שטארבען וועט
ער זיין אין גן עדן אונ וועט נהנה זיין מזיו פני השכינה. אבער חלילה אז: (כח) וישקף
על פני סדם ועמרה ווען דער מענטש גייט נאר מיט דעם יצה״ר אונ קוקט נאר צוא
טוהן שלעכטס אזוי וויא דיא מענטשין פון סדום ועמרה פון וועגען צוא האבען פיל
געלד. ועל כל פני ארץ אין בייא אלע חשיבה לייט פון לאנד איז נאר דער עיקר
הככר עס זאל ווערין בייא זייא גימערט דיא געלד עס זאל ווערין צענטנערס. אונ
ווילען קיינמאהל נישט געבין קיין צדקה דאמאלס וירא זעהט מען והנה עלה קיטר
הארץ. ווען דער מענטש שטארבט וועט ער ברענין אין גיהנם אונ עס וועט אויף גיין
איין רויך פון זיין גוף כקיטר הכבשן אזוי וויא דער רויך פון קאלך אויבען: (ל) ויעל
לוט דער יצה״ר וואס ווערט גירופען לוט ווערט דער הויבען אויף דעם מענטש מצער
דורך קלייניגקייטען ער רעדט אן דעם מענטשין פריער צו טוהן איין קליינע עבירה אונ
דער נאך ווייטער א קליינע עבירה אונ עבירה גוררת עבירה איין עבירה צוהט שוין
דעם מענטש צו טוהן נאך עבירות ביז דער מענטש ווערט שוין א גאנצען איבער
גיגעבען אין דיא הענד פון יצר הרע. וישב בהר אין דער נאך ווערט שוין דער יצה״ר
באזעצט אויף א בארג ושתי בנתיו עמו אונ זיינע צוויא טעכטער מיט איהם דאס מיינט
מען דאס הארץ מיט דיא אויגען. זייא ווערין שוין גאנץ גרויס אונ הויך. אונ פאר
וואס טוט דאס דער יצה״ר אזוי. כי ירא לשבת בצער ווארום ער האט מורא זיך צו
באלטען דעם מענטש בייא דיא קליינע עבירות אפשר וועט דער מענטש פון איהם אפ
טרעטין. אבער וואס ווערט דער סוף פון דעם מענטש וישב במערה הוא ושתי בנתיו
דער מענטש גייט אראפ אין גהינם אריין מיט אלע זיינע כוחות:

ב (יד) ויקח אבימלך אין זהר שטייט דם השי״ת ווערט גירופען אבימלך ער איז דר פאטער
אונ דר קעניג פון דיא וועלט. איז דר פסוק מרמז ויקח אבימלך גאט נעמט צאן
וגו׳ ויתן לאברהם וישב לו את שרה אשתו פול פארמעגין אונ ער גיט דיא נשמה וואס
ווערט גרופען אברהם צו דעם גוף וואס ווערט גירופען שרה אונ גיט זייא פול פארמעגען.
נאר דאס גיט ער נאר פון וועגין דיא נשמה. דר גוף זאל האבין וואס צו עסין אונ צוא
טרינקען ער זאל האבין כח צוא לערנען תורה אונ צוא טוען מצות ומעשים טובים:
(טו) ויאמר אבימלך אונ גאט זאגט צו דיא נשמה הנה ארצי לפניך מיין וועלט איז פאר
דיר בטוב בעיניך שב האלט זיך אויף אין איהר אונ טוה דיא זאכין וואס איז גוט אין דיינע
אויגין דאס איז צו לערנען תורה אונ צו טוען מצות ומעשים טובים. אבער דר גוף וויל

דאס ניששט. ער וויל נאר עסין אונ טרינקין אונ נישט צו לערנע תורה אונ צו טוען תורה ומצות: (טז) ולשרה אמר זאגט גאט צום גוף הנה נתתי אלף כסף איך האב דיר גיגעבין טויזינד זילבערנע מטבעות כלומר איך גיב דיר פול פארמעגן. האב איך דען דאס דיר גיגעבין וועגין דיר. לאחיך. איך האב דאך דם דיר גיגעבין נאר וועגין דיין ברודר דם איז די נשמה. די זאלסט האבין כח איהר צו שפייזין מיט תורה ומצות. אונ צום סוף הנה הוא לך כסות עינים איז דם פארמעגין צו דיר איין פאר בלענדיג אויף די אויגין עם פאר דעקט דיר דיא אויגין פון צו זעהן צו פאר זארגין מצות ומעשים טובים לכל אשר אתך וואס דאס קענסט דוא מיט נעמען מיט דיר אין קבר אריין ואת כל אונ אויך גענין אלע מקטריגים ונכחת קאנסט דוא זיך באווערין מיט די תורה ומצות אונ זיי מנצח צו זיין אבער ווען די מענטש פאר ברענגסט דאס פארמעגין נאר פון וועגין אסאך צו עסין אונ טרינקין אונ נישט צו לערנען וואס וועט דיר פון דעם בלייבין אויף עולם הבא מיט זיך מיט צו נעמען. פול שמאלץ. פול פלייש. וואס וועסט דו האבין פון דעם. דיא ווערים וועלין האבין אסאך צו עסין:

כא (ט) ותרא דער אור פני משה אונ אויך דער כלי יקר טייטשין דיא פסוקים אזו ותרא שרה אונ שרה הט גיזעהן מיט איהר שכל את בן הגר המצרית אויף ישמעאל אז ער איז דר זוהן פון הגר וואס זיא איז פון מצרים כלומר ער האט אין זיך די שלעכטע מדות פון דיא מענטשין פון מצרים אשר ילדה לאברהם אונ ווען אויך זיא האט איהם געבארין צו אברהם פון דעסטוועגין הט ער נישט אין זיך די מדות פון אברהם נאר מצחק ער דינט דיא עבודה זרה: (י) ותאמר לאברהם זאגט שרה צו אברהם גרש האמה הזאת ואת בנה פאר טרייב די דאזיגע דינסט מיט איהר זוהן. וועט דאס זיין פר איהם אטובה ווארום דם וום ער וועט ליידין גלות וועט אויף איהם מכפר זיין. אונ אויך פר אונזר זוהן יצחק וועט דם זיין גוט ער וועט זיך פון ישמעאל ניט אפ לערנען קיין שלעכץ. אונ אפשר וועסט דוא וועלין זאגין אז ישמעאל וועט זיך אפ לערנען פון אונזער זוהן יצחק צוא טוען גוטס זאג איך דיר כי לא יירש בן האמה הזאת עם בני עם יצחק איך וייס געווים אז ישמעאל דר זוהן פון די דינסט וועט זיך נישט אפ לערנען פון דיא גוטע מעשים פון מיין זוהן יצחק. ווארום גוטס וויל מען זיך נישט אפ לערנען: (יא) וירע הדבר מאד בעיני אברהם על אודות בנו איז דם זעהר שלעכט גיוועזן אין די אויגין פון אברהם פון וועגין זיין זוהן איהם אוועק צו שיקין: (יב) ויאמר אלהים אל אברהם זאגט גאט צו אברהם אל ירע בעיניך על הנער ועל אמתך זאל בייא דיר אין דיא אויגין נישט שלעכט זיין אויף דעם יונג אונ אויף דיין דינסט פון דיר אוועק צו שיקין כל אשר תאמר אליך שרה שמע בקולה אלץ וום שרה זאגט דיר זאלסט דוא הערין אזו צוא טוען פון וועגין דעם דאס דער גלות זאל אויף איהם מכפר זיין אונ אויך כי ביצחק ווען דו וועסט בלייבין נאר מיט יצחק יקרא לך זרע וועט ער יצחק ווערין גירופין דיין קינד אבער ווען ישמעאל וועט מיט איהם זיין באזאמען קען נאך יצחק חלילה זיך אפ לערנען שלעכץ וועט ער נישט הייסין דיין קינד ווארום ער וועט ניט זיין גליך צו דיר: (יג) וגם את בן האמה לגוי אשימנו אונ אויך דעם זוהן פון דיא דינסט ווען איך וועל איהם מאכין צו אפאלק כי באמאלס זרעך הוא וועט ער אויך ווערין גערופען דיין קינד. כלומר אין סוף זיינע יארין וועט ישמעאל טוען תשובה אזוי וויא עס שטייט אין מדרש אין סדרה ח׳ שרה: (כב) ויהי בעת ההוא אונ עס איז גיוועזן אין דיא זעלבינע צייט ויאמר אבימלך וגו׳ זאגט אבימלך צו אברהם גאט איז מיט דיר אונ אלץ וום דו טוסט: (כג) ועתה השבעה לי באלהים אונ אצונד שווער צו מיר בייא

נאמ

גאט הנה דא איז דעם מדרש קשה וועגן וואס שטייט דם ווארט הנה דא. ענטפערט דר מדרש אבימלך הי' לו צלם בבגדו ואמר לאברהם שישבע באלוה שלו שהי' בבגדו אז אבימלך הט גיהאט אין זיין מלבוש אוים גיארבייט איין צלם איין גישטאלט פון זיין גאט האט אבימלך גיזאגט צו אברהם שווער מיר אין מיין גאט וואס איך האב דא אויף מיין מלבוש אם תשקור לי וגו' אז דוא זאלסט נישט זיין צוא מיר פאלש אונ נישט צו מיינע קינדער. נאר כחסד וגו' אזוי וויא דר חסד וום איך האב מיט דיר גיטוען זאלסט דוא מיט מיר אויך טוען. (כד) ויאמר אברהם הט אברהם גיזאגט אנכי אשבע איך וועל שווערן בייא מיין גאט וום ווערט גירופן מיט דעם נאמען אנכי איך בין דיין גאט. אבער ניט צו שווערין בייא דיין גאט. אונ דאס פירט אוים דר נאך אבימלך אין פסוק (כו) וגם אנכי לא שמעתי אונ אויך פון דעם גאט וואס ווערט גירופן אנכי האב איך נאר ניט גיהערט בלתי היום נאר דעם טאג הער איך פון אזעלכין גאט:

כב (א) ויהי וגו' והאלהים נסה את אברהם וגו' ויאמר קח נא את בנך וגו' גאט האט גיפרובט צו אברהם אונ האט צוא איהם גיזאגט נעם דיין זוהן יצחק אונ ברענג איהם אויף פר איין עולה. רש"י שרייבט פון דיא גמרא (סנהדרין כט) גאט האט גיזאגט צו אברהם קח נא דם ווארט נא איז טייטש איך בעט. האט גאט גיזאגט צו אברהם איך בעט דיך דו זאלסט בשטעהן אין דעם נסיון. בדארף מען פאר שטעהן דעם נסיון פון די עקידה. עס דאכט זיך ווען גאט זאל זאגין צו וואס פר אמענטש עס איז. גיב מיר דיין איינציגין זוהן פר אקרבן. וואלט גיוויס דר מענטש גיך געלאפין אונ מקריב גיוועזן זיין איינציגין זוהן. אויך דארף מען פארשטיין פריער האט גאט גיזאגט צו איהם נעם דיין זוהן יצחק והעלהו שם לעולה אונ ברענג איהם אויף פאר איין עולה אונ איין עולה פאר ברענט מען דאך. אונ דר נאך קומט אמלאך אונ זאגט צוא איהם אל תשלח ידך אל הנער ואל תעש לו מאומה שטרעק ניט דיין האנד אונ טוה גאר נישט צוא דיין זוהן. אונ דם וום רש"י שרייבט אז גאט האט ניט גימיינט מען זאל איהם מקריב זיין נאר איהם אויף צו ברענגען אויף דעם בארג אונ מער נישט. אונ דר נאך אז אברהם הט איהם אויף גיברענגט האט צו איהם דר מלאך גיזאגט נעם איהם אראפ. איז דאך די קשי' הט גאט מעהר ניט בדארפט צו זאגין נאר והעלהו שם ברענג איהם דארט אויף. אבער נישט צו זאגין דאס ווארט לעולה צו איין קרבן. נאר די זאך איז אזוי. גאט הט גיזאגט צוא אברהם קח נא וגו' נעם דיין זוהן יצחק והעלהו שם לעולה אונ ברענג איהם אויף פאר איין עולה על אחד ההרים אויף איינעם פון די בערג וועמען זאלסט דוא אויף ברענגען פר איין עולה אשר אמר אליך וום איך וועל דיר זאגין שפעטער האט גאט נישט גימיינט אז אברהם זאל אויף ברענגען זיין זוהן יצחק פר איין עולה. נאר גאט הט שוין דארט בייא דעם הר המוריה אן גיברייט דעם איל אז אברהם זאל איהם מקריב זיין פאר איין עולה. אבער אברהם האט דאך פון דעם איל נישט גיוויסט איז דם גיוועזן דר נסיון צו עס וועט זיין רעכט בייא אברהם מקריב צו זיין דעם איינציגין זוהן ווען ער וועט דארט נישט זעהן איין אנדרע זאך צו נישט. אונ אברהם הט גימיינט אז גאט וועט איהם שוין אויף דעם וועג זאגין וום ער זאל מקריב זיין. דארום שטייט אין פסוק (ה) ויאמר אברהם אל נעריו אונ אברהם זאגט צו זיינע יונגען שבו לכם וגו' בלייבט איהר דא אונ איך מיט יצחק וועלין גיין נישט וייט ונשתחוה אונ מיר וועלין זיך בוקין צו גאט ונשובה אליכם אונ מיר וועלין בידע זיך ווידר קערין צו אייך איך אונ יצחק אויך ווארום אברהם הט אויף דעם גאנצין וועג גימיינט אז גאט וועט איהם דר נאך שוין זאגין וום ער זאל מקריב זיין:

ויקת

(ו) ויקח אברהם את עצי העלה וגו׳ אונ אברהם האט גינומען דעם האלץ מיט פייער אונ דעם מעסער אונ זענען ביידע גיגאנגען אונ ווען יצחק זעהט דאס אונ זעהט נישט קיין זאך וואס מען זאל דעם שעכטען אונ מקריב זיין האט ער ביי זיך גיטראכט אז אברהם וויל אים מקריב זיין. אונ רש״י שרייבט אין פרשת תולדות אז די ליצני הדור האבין גיזאגט אז פון אבימלך איז שרה טראגין גיווארין והראיה ניינציג יאר וואונט זיא מיט אברהם אונ האט נישט גיבארין אונ אצונד ווען זיא איז אוועק גיגאנגען פון אבימלך איז זיא טראגין גיווארין. האט דעם יצחק מן הסתם אויך גיהערט. אונ אצונד אז יצחק זעהט אז אברהם וויל איהם שעכטין: (ז) ויאמר יצחק אל אברהם אביו ויאמר זאגט יצחק צו זיין פאטער אברהם אבי. דו ביזט מיין טאטע. אפשר איז נאר אבימלך מיין טאטע אונ נישט דיא איבער דעם ווילסט דו מיר שעכטין. דארף איך דיך גיט הערין ויאמר הנני זאגט אברהם איך בין מיט דעם אמת דיין פאטער אונ דוא ביזט בני מיין זוהן. ויאמר זאגט יצחק אז איך בין יוא דיין זוהן ווילסטו דאך מיך מן הסתם נים שעכטין. פרעג איך דיך הנה האש והעצים די טראגסט פייער מיט האלץ ואיה השה לעולה אונ ווי איז די שאף צו זיין פר אעולה: (ח) ויאמר אברהם זאגט אברהם. אלהים יראה לו השה לעלה גאט האט דאך מיר גיזאגט איך זאל דארט עפיס עטוואס מקריב זיין מן הסתם וועט ער מיר שוין ווייזען וואס מקריב צו זיין. נאר ווען איך וועל דארט נים געפונען וואס מקריב צוא זיין איז ביא מיר רעכט בני דיר מיין זון מקריב זיין צו טוהן גאטס ווילען: (ט) ויבאו וגו׳ זענין זייא גיקומען צום הר המורי׳ אונ אברהם האט נישט גיזעהן קיין זאך דארט מקריב צוא זיין האט ער גיבונדען צו זיין זון יצחק אונ איהם אויף גיברענגט אויף דעם מזבח אין וישלח אברהם את ידו ויקח את המאכלת אין אברהם האט אוים גישטרעקט זיין האנד אין האט גינומען דאס מעסער לשחט את בנו צו שעכטין זיין זון. איז קשה וואס בדארף עם צו שטעהן וישלח אברהם את ידו אברהם האט אוים גישטרעקט זיין האנד עם האט נאר גידארפט צו שטיין ויקח את המאכלת ער האט גינומען דאס מעסער. נאר דער תירוץ איז ווייל ביא דעם צדיק איז זיינע אברים אוים גיאיידילט אז יעדערער אבער טוט שוין אליין דיא מצות וואס גאט באפעלט דעם מענטש צו טוהן. אונ ווען דא אין אמת האט גאט נים באפוילען צו שעכטין צו יצחק. איבער דעם האבען זיינע הענד נישט גיוואלט זיך אוים צוהען צו נעמין דעם מעסער. נאר אברהם האט זיך גימאטערט אונ האט אוים געשטרעקט מיט שטארקייט דיא האנד אונ האט גינומען דאס מעסער: (יא) ויקרא וגו׳ רופט צו איהם א מלאך אונ זאגט שטרעק נים דיין האנד צוא דיין זון אונ טוה איהם גאר נים גאט מיינט נישט דיין זון מקריב צו זיין. גאט האט נאר גיוואלט דיר פרובען צו עם וועט זיין ביא דיר רעכט דיין זון מקריב צו זיין ווען דוא וועסט נים זעהן עפעס אנדערש. אבער גאט האט גאר אין אמת גימיינט דוא זאלסט מקריב זיין דעם איל וואס עם שטייט דא: (יב) וישא וגו׳ אונ אברהם האט אויף גיהויבען זיינע אויגען אונ האט גיזעהן דעם איל האט אברהם איהם מקריב גיווען. נאך איז דא צו זאגען אויף דעם פסוק (ב) ויאמר האט גאט גיזאגט צו אברהם קח נא את בנך את יחידך אשר אהבת את יצחק איך בעט דיר נעם דיין זון דעם איינציגען וואס דוא האכט איהם ליב דאס איז יצחק. שרייבט דער מדרש. ווען גאט האט גיזאגט נעם דיין זון אמר לו שני בנים יש לי האט אברהם צו גאט גיזאגט איך האב דאך צווייא זון ישמעאל אונ יצחק ווייס איך נישט וועמין צו נעמין אמר לו את יחידך האט גאט צו אברהם גיזאגט נעם דיין איינציגען זון אמר לו זה יחיד לאמו וזה יחיד לאמו

האט

אונ האט אברהם צו גאט גיזאגט ישמעאל איז איין איינציגער זון בייא זיין מוטער הגר אונ יצחק איז איין איינציגער זון צו זיין מוטער שרה אמר לו אשר אהבת האט גאט צוא איהם גיזאגט נעם דעם זון וואס דוא האסט איהם ליב אמר לו שניהם אני אוהב האט אברהם צו גאט גיזאגט איך האב זייא ביידע ליב אמר לו את יצחק האט גאט צו איהם גיזאגט נעם דיין זון יצחק. דארף מען דעם מדרש פאר שטיין. ווארום עס איז דאך זעהר קשה אז אברהם זאל אזוי פיל טענין צו גאט. פון דיא טענית ווייזט אויס אז אברהם האט גיוואלט בעסער מקריב זיין צו ישמעאל אידער צו יצחק. נאר דיא זאך פון דעם איז אזוי. למשל ווען איינער פאר לאנגט עפעס פון דעם אנדערין אונ בעט איהם אז ער זאל איהם עפים געבין. איז אזוי. ווען דער מענטש וואס ער בעט איז נאר איין ארומער מענטש. אונ דער וואס מען בעט פון איהם איז איין רייכער מאן. דאמאלט איז אפילו ווען דיא זאך וואס דער ארומער פאר לאנגט איז נית אזוי א טייערע זאך. פון דעסט וועגען בעט דער ארומער זעהר ווארום ער דארף דאס זייער נייטיג האבען. אבער ווען איין עשיר בעט פון איין ארומען מענטש אונ בעט איהם זייער אז ער זאל איהם דיא זאך געבען איז דאך ידוע אז דיא זאך איז געווים איין טייערע זאך. ווארום ווען נישט וואלט ער דאך איהם נישט בדארפט אזוי פיל בעטין. אזוי דא ווען גאט האט גיזאגט צו אברהם קח נא איך בעט דיר אברהם אונ אברהם איז דאך געוועזען אגרויסער עניו ער האט דאך גיזאגט ואנכי עפר ואפר איך אברהם בין גלייך וויא דיא ערד. אונ ווען גאט זאגט צו איהם איך בעט דיר זאגט אברהם צוא גאט וואס דאס אזוי אגרויסע זאך וואס דוא בדארפסט דען איז דאס אזוי אגרויסע זאך וואס דוא בדארפסט האסטו מיר אזוי פיל צו בעטין איז דען דאס אזוי אגרויסע זאך. דא איין גאנץ דאס בייא מיר צו בעטין. ענטפערט גאט צו איהם עס איז בייא דיר. אונ דאס גרויסע זאך וואס איך בדארף דיר טאקע אויף דעם בעטין צו מיר צו געבען. אונ דאס איז דיין זון. אויף דעם ענטפערט אברהם צו גאט איז דען דאס אזוי אגרויסע זאך וואס דוא בדארפסט אויף דעם בעטין. איך האב דאך צוויי זון וועל איך יצחקן מקריב זיין אין ישמעאל וועט בייא מיר זיין. זאגט ווייטער גאט ער איז דאך אבער בייא דיר איין איינציגער זון איז ער דאך בייא דיר זייער טייער. זאגט ווייטער אברהם וואס איז דען. ישמעאל איז דאך אויך איין איינציג ביי זיין מוטער מיט וואס איז עס אזוי יצחק טייער. זאגט גאט צו איהם דוא האסט דאך איהם זייער ליב. זאגט אברהם איך האב זייא ביידע ליב. איז דאס גאר נישט אזוי אגרויסע זאך בדארפסטו מיר גאר נישט בעטין נאר איך וועל תיכף געהן אין נעמין. זאגט אבער גאט צו אברהם ביי דיר זענין זייא ביידע גלייך. אבער ביי מיר איז נישט אזוי. יצחק איז ביי מיר איין גרויסע טייערע זאך איבער דעם דארף איך דיר בעטין דוא זאלסט איהם נעמין. מיט דעם איז שוין דער מדרש ריכטיג: על פי רמז קען מען טייטשען דעם פסוק (ה) ויאמר אברהם דיא נשמה זאגט אל נעריו צו דיא ביידע יונגען פון מענטש כלומר צום יצר הרע אונ צום יצר טוב שבו לכם פה עם החמור האלט אייך ביידע אויף אין דעם גוף וואס ער ווערט גירופען חומר. דאס ווייזט אז ווען דער מענטש וויל אנהייבען צו טוהן מצות אונ צו לערנין תורה. אונ דער יצר הרע לאזט איהם אבער נישט. דארף ער זיך אזוי טראכטען אין זאגען מען קען דאך עסין אונ טרונקען אונ מען קען גאט אויך דינען. נאר דער נאך זאגט דיא נשמה צום גוף ואני והנער איך מיט דעם יצר טוב נלכה עד כה וועלין גיין ביז דעם היילגען ארט צו לערנין ונשתחוה אונ מיר וועלין זיך בוקען כלומר מיר וועלין מתפלל זיין ונשובה אליכם אונ דער נאך וועלין מיר זיך

צוריק

צוריק קערין צו עסין אונ צו טרינקען : (יז) כי ברך אברכך גאט זאגט צו אברהם וועגען דעם וואס דוא האסט גיוואלט מקריב זיין דיין איינציגען זון יצחק דרום וועל איך דיר בענטשין והרבה ארבה את זרעך אונ איך וועל מערין דיינע קינדער ככוכבי השמים אזוי פיל וויא דיא שטערינס פון הימעל וכחול אשר על שפת הים אונ אזוי פיל וויא דיא זאמד וואס עס איז ביי דעם ברעג פון טייך . דער כלי יקר שרייבט אז דער פסוק מיינט אזוי אז אמאל וועלין זייא זיין אזוי גרויס אונ הויך זייא וועלין זיין אין דער מעלה אזוי וויא דיא שטערינס אין הימעל דאס איז גיוועזן אין דיא צייטען פון שלמה המלך . אין אמאל וועלין זייא זיין אזוי נידעריג אין שפל אזוי וויא דיא זאמד • נאר זאלכט נישט מיינען אזוי וויא דיא זאמד וואס מען טרעט אויף זייא נאר זייא וועלין זיין אזוי וויא דיא זאמד פון ברעג פון טייך וואס דיא וואסער וויל זיך אלע מאל אויף הייבען איבער דיא זאמד אונ קען נישט . אזוי אין גלות זענין דיא ישראל אזוי שפל וויא דיא זאמד נאר פון דעסט וועגין זענין זייא נאר גלייך וויא דיא זאמד פון ברעג פון טייך כלומר ווען אויך דיא פיינד ווילען זייא דער טרינקען אונ פאר לירען פון דיא וועלט פון דעסט וועגען קענין זייא נישט ווארום דיא השגחת הבורא ווערט נים פון אונז אפ געטוהן אפילו אין גלות :

# פרשת חיי שרה

כג (א) ויהיו חיי שרה וגו׳ דער מדרש זאגט כתיב עס שטייט אין פסוק (תהלים לז יח) יודע ה׳ ימי תמימים גאט גיט אכטינג אונ ווייסט די טעג פון די מענטשין ווס גייען אין גאנצין וועג ונהלתם לעולם תהיה אונ זייער טייל וועט זיין אויף עולם הבא כשם שהם תמימים אזוי וויא די צדיקים זענען גאנץ כלומר זיי רעדין נישט מיט דעם טויל אנדערש אונ מיט דעם הארץ האבין אין זינען אנדערש . כך שנותיהם תמימים אזו זענין זייערע יאהרין גאנץ . זאגט דער קול שמחה דעם פשט פון מדרש אזו . ווארום דס איז ידוע אז די יארין אונ די טעג פון מענטש איז נישט אויף גיזאמילט באזאמען . ווארום די יארין ווס זענען שויז אוועק גיגאנגען איז שוין נישט דא . אונ די יארין מיט די טעג ווס וועלין אן קומען זענען נאך אצונד נישט דא . נמצא הט דר מענטש פר זיך נאר די רגע ווען דיא רגע איז . אונ ווען דען קען הייסין אז דעם מענטשס יארין מיט די טעג זענען אלע בזאמן ווען דר מענטש זיצט נישט ליידיג אין זיין לעבין נאר ער טוהט איז אין די ארבייט זיינע אנגיזעהן די יארין מיט די טעג אלע באזאמען ווארום דאס זעהט מען אז דיא ארבייט זיינע קען מען נישט אפ טוען אין איין רגע נאר אין די גאנצע צייט פון זיין לעבין . נאר ווען דר מענטש טוהט פראסטע ארבייט הייסט זיין לעבין איין פראסט לעבין אזוי וויא אבהמה ווס ארבייט אויך . איז אויך אנגיזעהן איהר לעבין אין איהרע ארבייט אבער דר מענטש דארף דאך נישט לעבין וויא אבהמה . ער דארף זעהן צו ארבייטין נאר אין תורה ומצות ומעשים טובים צו טוען דאמאלס ווערט זיין גאנצעס לעבין אויף גיזאמלט בזאמען אין די תורה אונ אין די מצות ומעשים טובים ווס ער טוהט אין די צייט פון זיין לעבין . אונ דאמאלס הייסט זיין לעבין חיי אמת אמתה לעבין דס מיינט דר פסוק ויהיו חיי שרה עס איז גיוועזן די לעבדיגי יארין פון שרה מאה שנה וגו׳ הונדערט אונ זיבן אונ צוואנציג יאר שני חיי שרה די יארין ווס שרה הט גילעבט איז אלע גיוועזן לעבדיגע יארין ווארום זיא הט אין אלע יארין געטוען נאר מעשים טובים . דאס זאגט דער מדרש יודע ה׳ ימי

תמימים

תמימים גָאט וַוייסְט דִי טֶעג פוּן דִי צַדִיקִים . וָוארוּם עֶר זֶעהְט דָאךְ זַייעֶרֶע תּוֹרָה אוּנ
מַעֲשִׂים טוֹבִים וָוס זַיי טוּעֶן וַוייסְט עֶר אַלֶע מָאל פוּן זַייעֶרֶע טֶעג . אוּנ דָם פִּירְט אוֹיס אוֹיךְ
דֶער מִדְרָשׁ שְׁנֵי חַיֵּי שָׂרָה חביבין שנותיהן של צדיקים בעולם הזה ובעולם הבא עֶס אִיז
גֶעלִיבְּט צוּ גָאט דִי יָארִין פוּן דִי צַדִיקִים סַיי אוֹיף דִי וֶועלְט אוּנ סַיי אוֹיף עוֹלָם הַבָּא .
וָוארוּם דִי צַדִיקִים זֶענֶען דָאךְ נִיט מְבַטֵל קֵיין רֶגַע אִין זַייעֶר לֶעבִּין זַיי זָאלִין נִישְׁט טוּעֶן
אִין עֲבוֹדוֹת הַבּוֹרֵא אִיז דָאךְ זַייעֶר לֶעבִּין אִין גַאנְצִין בְּעוֹלָם הַזֶה . אוּנ עֶס שְׁטֵייט אוֹיךְ אִין
גַאנְצִין פַר גָאט בְּעוֹלָם הַבָּא נִמְצָא וִוי פוּל דֶער מֶענְטְשׁ לֶעבְּט אוֹיף דִי וֶועלְט אֱמֶתִי לֶעבִּין
(נִישְׁט קֵיין גִישְׁטָארְבֶּענֶע וָוארוּם וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ טוּהְט נִיט קֵיין מַעֲשִׂים טוֹבִים אִיז
דָאךְ דִי צַייט גְלַייךְ וִוי עֶר אִיז גָאר אַגִישְׁטָארְבֶּענֶער) אַזוֹ פוּל לֶעבְּט עֶר בְּעוֹלָם הַבָּא
כְּלוֹמַר מֶען זֶעהְט אָן בְּעוֹלָם הַבָּא דִי גַאנְצֶע צַייט זַיינֶע וָוס עֶר הָט גִילֶעבְּט . אוּנ וֶוען
אִיז דָם נָאר וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ לֶערִינְט תָּמִיד תּוֹרָה אוּנ טוּהְט מִצְוֹת אוּנ וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ
הָט נִיט אַזוֹ קֵיין צַייט אַלֵיין תָּמִיד צוּ לֶערְנֶען זָאל עֶר מַחֲזִיק זַיין דִי לוֹמְדֵי תּוֹרָה אוּנ זָאל
גֶעבִּין צְדָקָה . אָבֶּער חָלִילָה וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ אִיז פַר נַארְט אוּנ לֶערִינְט אַלֵיין נִישְׁט אוּנ
אִיז נִיט מַחֲזִיק אַנְדֶרֶע וָוס לֶערְנֶען אוּנ גִיט נִיט קֵיין צְדָקָה קֶען דָאךְ חָלִילָה זַיין וֶועֶן אוֹיךְ
דֶער מֶענְטְשׁ לֶעבְּט אָפּ זַיינֶע זִיבְּצִיג יָאהְר אוּנ אֲפִילוּ הוּנְדֶערְט יָאר קֶען גָאר זַיין אַז עֶר
הָט נָאר אִין זַיי גִילֶעבְּט וַוייניג יָארִין . אוּנ דָם זָאגְט דָוִד הַמֶלֶךְ אִין (תהלים לד יג) מִי
הָאִישׁ וֶוער עֶס אִיז אַמֶענְטְשׁ (כְּלוֹמַר נִיט קֵיין בְּהֵמָה בצורת אדם אַזוֹ וִויא מִיר הָאבִּין
פְּרִיעֶר גֶעשְׁרִיבִּין וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ הָארֶועט אִין זַיין צַייט פוּן זַיין לֶעבִּין נָאר פוּן וֶועגִין
עוֹלָם הַזֶה זַאכִין אִיז עֶר דָאךְ גְלַייךְ וִויא אַבְּהֵמָה) החפץ חיים וָוס עֶר וִויל אַז זַיין לֶעבִּין
זָאל הַייסִין גִילֶעבְּט נִישְׁט גִישְׁטָארְבִּין אוהב ימים עֶר הָאט לִיב אַלֶע זַיינֶע טֶעג לראות טוב
עֶר זָאל זֶעהְן פַר זַיי גוּטְס בְּעוֹלָם הַבָּא . זָאגְט עֶר אִיהְם אָן נצור וגו׳ הִיט דִיךְ אָפּ פוּן צוּ
רֶעדִין שְׁלֶעכְץ אוּנ אַכֵל שְׁכֵן (סור מרע) פוּן צוּ טוּעֶן שְׁלֶעכְץ ועשה טוב וגו׳ אוּנ טוּה
מַעֲשִׂים טוֹבִים דַאמָאלְס וֶועסְט דוּ מֶענְטְשׁ הַייסִין גִילֶעבְּט וִוי אַמֶענְטְשׁ אוּנ דוּ וֶועסְט
הָאבִּין דַיינֶע יָארִין אִין גַאנְצִין בְּעוֹלָם הַבָּא : אוּנ דֶער אוֹר פְּנֵי משֶׁה טַייטְשְׁט דִי פְּסוּקִים
עַל פִּי רֶמֶז אַזוֹ ויהיו חיי שרה וגו׳ פְּרִיעֶר הָאבִּין מִיר שׁוֹין גִישְׁרִיבִּין אַז דִי נְשָׁמָה וֶוערְט
גִרוּפִין אַבְרָהָם אוּנ דֶער גוּף שָׂרָה אוּנ דִי גְמָרָא זָאגְט הרוצה לחיות ימית עצמ׳ אִיז טַייטְשׁ
דֶער מֶענְטְשׁ וָואס וִויל לֶעבִּין זָעלְבֶּעם לֶעבִּין וָוס עֶס הַייסְט גִילֶעבְּט כְּלוֹמַר אֱמֶתִי לֶעבִּין
אַזוֹ וִויא מִיר הָאבִּין פְּרִיעֶר גִישְׁרִיבִּין . זָאל עֶר מַאכִין זַיין חוֹמֶר גְלַייךְ וִוי גִישְׁטָארְבִּ׳ נִישְׁט
צוּ גְלוּסְטִין נָאךְ תַּאֲוֹות נָאר צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה אוּנ צוּ טוּעֶן מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים אוּנ אַזוֹ
וִויא דִי גְמָרָא זָאגְט צדיקים במיתתם קרוים חיים אִיז אוֹיךְ אַזוֹ דֶער טַייטְשׁ דִי צַדִיקִים מִיט
דֶעם וָוס זַיי מַאכִין אָפּ גִישְׁטָארְבֶּען בַּיי זִיךְ דֶעם חוֹמֶר וֶוערִין זַיי גִירוּפִין לֶעבֶּעדִיגֶע אָבֶּער
דִי רְשָׁעִים בחייהם קרוים מתים מִיט דֶעם וָואס זֵייא מַאכִין לֶעבִּידִיג דֶעם חוֹמֶר מִיט פוּל
תַּאֲוֹות זֶענֶען זַיי גְלַייךְ וִויא גִישְׁטָארְבִּין וֶוען אוֹיךְ זַיי לֶעבִּין פוּל יָאר . דָם זָאגְט דֶער פָּסוּק
ויהיו וֶוען אוֹיךְ עֶס וָואלְט גִיוֶועֶן חיי שרה דָם לֶעבִּין פוּן גוּף מאה וגו׳ הוּנְדֶערְט מִיט זִיבֶּן
אוּנ צְוַואנְצִיג יָאר . זִיבְּן יָאר נָאךְ מֶער וִוי אַמֶענְטְשׁ בַּדַארְף צוּ לֶעבִּין וֶוען עֶר טוּהְט נִיט
קֵיין מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים אִיז דָאם שני חיי שרה הַייסְט דָם נָאר דִי לֶעבֶּעדִיגֶע יָארִין
פוּן גוּף כְּלוֹמַר דֶער חוֹמֶר זַייעֶר לֶעבְּט אָן אַנְשָׁמָה וִויא אַבְּהֵמָה . דֶער מֶענְטְשׁ בַּדַארְף אָבֶּער
דֶעם גוּף מַאכִין גִישְׁטָארְבִּין אוּנ דִי נְשָׁמָה בֶּעסֶר צוּ מַאכִין לֶעבֶּעדִיג . דָם זָאגְט וַוייטֶער דֶער
פָּסוּק (ב) ותמת שרה מֶען בַּדַארְף הַאלְטִין דֶעם גוּף גְלַייךְ וִוי גִישְׁטָארְבִּין עֶר זָאל זִיךְ נִישְׁט
נָאךְ גֶעבִּין דִי תַּאֲוֹות . וָוארוּם דֶער חוֹמֶר אִיז דָאךְ נִישְׁט דֶער תַּכְלִית פוּן מֶענְטְשׁ . דֶער

עיקר

עיקר תכלית איז נאר די נשמה זיא בלייבט אויף אייביג . אבער דר גוף איז נאר בקרית ארבע היא חברון ווען די ארבע יסודות פון מענטש וואס דר גוף איז פון זייא מורכב דאס איז יסוד האש יסוד הרוח יסוד המים יסוד העפר ווען די זענען אלע באזאמען אין מענטש לעבט ער אונ ווען זיי ציהען זיך אפ איינס פון אנדערין יעדער יסוד גייט אין זיין ארט בלייבט אין גוף נאר דר יסוד העפר ענו ווערט פון איהם אין קבר אשטיק ערד . איבער דעם בארץ דארף דר מענטש זעהן אז זיין חומר וואס איז נאר אשטיק ערד כנען זאל זיין אונטער טעניג געגין די נשמה אונ לאזין די נשמה זיא זאל טוען מיט דעם חומר וואס זיא גלוסט וועגין דעם דס זיא זאל נישט בדארפען נאך אמאל מגולגל ווערין אויף דער וועלט אזוי וויא מיר האבין שוין פריער פול מאל געשריבן . ויבא אברהם אונ דר מענטש דארף זיך טראכטין אז זיין נשמה איז שוין איין מאל נקומן לספד לשרה צו בקלאגין דעם גוף פון זיין ערשטין גלגול פר וואס ער האט ניט מתקן גיוועזן וואס ער בדארף . ולבכתה אונ צו בוויינען דעם גוף ער זאל זעהן צו טוען אסך מצות : (ג) ויקם אברהם וגו׳ ווען דער מענטש שטארבט שטייט אויף די נשמה פון אפ דעם גוף וידבר אל בני חת לאמר (דס ווארט חת איז ר״ת די ת׳ מאכט תלמידי אונ די ח׳ מאכט חכמים . אויך מאכט דיא ח׳ היים אונ די ת׳ מאכט תמיד . דס זענען די צדיקים וואס לערנען תורה אונ דר פר לעבין זיי אייביג אין גן עדן) זאגט די נשמה צו די צדיקים פון גן עדן : (ד) גר איך בין איין גר פון יענע וועלט ותושב אנכי עמכם אונ איך בעט זיך צו ווערין מיט אייך אבזעציר אין גן עדן תנו לי אחזת קבר שענקט פון וועגין מיר צום גוף איין ארב פון אקבר עמכם פון וועגין איך זאל שוין קענען זיין מיט אייך ואקברה מתי מלפני איך זאל שוין באגראבין דעם גוף דעם חומר אויף תמיד . אונ איך זאל שוין נישט מער מגולגל ווערין . איז אזוי אויב דר מענטש האט אין זיין ערשטין גלגול פר ריכט אלץ וואס ער בארף ווערט עם מאקע אזוי . בלייבט שוין די נשמה אין גן עדן מיט די צדיקים . אבער ווען זיי זעהן אז דער מענטש האט נאך נישט אין גאנצין פאר ריכט דאמאלס : (ה) ויענו בני חת את אברהם ענטפערין די צדיקים פון גן עדן צו [illegible]א נשמה מגולגל ווערין מוזט די נאך אמאל צוא מתקן זיין וואס די האסט אין דעם ערשטין גלגול נישט מתקן גיוועזן . נאר אפשר האסט דו מורא אז דר יצר הרע וועט דיר נאך ערגער מאכין . ער וועט נאך דעם גוף אנרעדין צו טוען שלעכץ . זאגין מיר דיר רעד דו צו דעם מענטש לאמר לו אז דר מענטש זאל זאגין צו איהם צום יצר הרע : (ו) שמענו אדני דו יצר הרע מיין האר הער נאר אונז . מיר מיט די נשמה . נשיא אלהים אתה בתוכנו דו יצר הרע ביזט גיזעצט גיווארין פון גאט צו זיין איין האר אויף אונז דו זאלסט מיר אנרעדין צו טוען שלעכץ . אבער ווען איך וועל דיך נישט הערין וועסט דו יצה״ר דאך האבין דיין שכר (אזוי וויא מיר האבין שוין אויבין געשריבן פון זהר הקדוש אמשל פון איין גביר וואס האט גיגעבין צו אזונה געלד דס זיא זאל אנרעדין זיין זוהן ער זאל מיט איהר מזנה זיין . אונ ווען דער זוהן הערט איהר גיט גיט איהר דער גביר נאך מער שכר ווארום דורך איהר ווערט זיין זוהן ביי איהם נאך מער גליבט) אונ אז עס איז אזוי וואס דארפסט דו יצר הרע מיר פול אנרעדין צו טוען שלעכץ . טוה נישט אזוי נאר ווען דו רעדסט מיר אן אונ במבחר ווען איך האלט שוין ביי אויסוויילין צו טוען די תאוות וואס קברנו דס וועט בלייבין נאר אין קבר פון די ווערים ווענין . דאמאלס קבור את מתך לאז מיך דערמאנען אין דעם טויט וועל איך שוין ניש גלוסטין נאך די תאוות . אונ דו יצר הרע וועסט דאך האבין דיין שכר אזוי זאלסט דוא נשמה זאגין דעם גוף ער זאל אזוי זאגין צום יצר הרע . אונ ווען דער יצה״ר וועט נאך

נישט

נישט וועלין אוועק גיין געבין מיר דיר נאך אעצה אזוי ווי די גמרא זאגט ואם לאו וועין דר יצה״ר וויל נישט אוועק גיין פון מענטש יזכר לו יום המיתה זאל זיך דער מענטש דערמאנין דעם טאג פון טויט. זאגט דר מהרש״א דעם פשט אז מען זאל דערמאנען דעם יצר הרע פון זיין יום המיתה פון דעם טאג ווס דער יצה״ר וועט ווערין גיטייט אזוי וויא די גמרא זאגט אז לעתיד לבא וועט הקב״ה שעכטין דעם יצה״ר. דס מיינט דר פסוק קבור מתך דו וועסט דארפין דיין איינגעם טויטין בגראבין. ווארום איש דר השי״ת ווס ווערט גרופן אין פסוק ה׳ איש מלחמה. ממנו פון איהם פון דעם יצה״ר את קברו זיין בגרעבונג לא יכלה וועט גאט נישט פאר מיידן נאר השי״ת וועט דעם יצה״ר שעכטין אונ בגראבין אונ אז די מענטש וועסט דאס זאגין צו דעם יצה״ר וועט ער שוין גיוויס פון דיר אוועק גיין אונ דאמאלס מכך איז פון דיר זעלבסט וועסט דוא מענטש קענען זעהן מקבור מתך צו באגראבין דעם גוף אונ זאלסט שוין מער נישט דארפין מגולגל צו ווערין. אונ אז דיא נשמה הערט דס פון די צדיקים: (ז) ויקם אברהם וגו׳ שטייט אויף דיא נשמה צו גיין מגולגל צו ווערין. אין פסוק (ב) שטייט ויבא אברהם לספוד לשרה ולבכתה אברהם איז גקומן פון באר שבע צוא באקלאגין שרה אונ צו בוויינען זיא איז דר אות כ׳ פון דעם ווארט ולבכתה אקליינע כ׳ אונ כ׳ לייגט זיך אויס כף אונ כף איז דר טייטש האנד׳. אונ בייא שרה דרשינת דר מדרש שעיני׳ צרה באורחים אז איהרע אויגין איז גיוועז שלעכט אויף די אורחים. דס איז דר רמז פון די קליינע כ׳ צו ווייזין אז איהר האנד איז גיוועז אקליינע האנד אונ דס זאגט דר פסוק אברהם הט נאר איהר בוויינט וועגין דעם ווס איר האנד איז גיוועז קליין. אבער אויף דעם ווס זיא איז גישטארבין הט ער נישט גיווייינט ער הט דאך גיוואוסט אז זיא גייט גלייך אין גן עדן אריין אונ דער עיקר תכלית פון מענטש איז דאך נאר עולם הבא:

כד (א) ואברהם זקן אונ אברהם איז אלט גיוועזן בא בימים ער איז גיקומען מיט אלע טעג כלומר עס איז נישט גיוועזן ביי איהם קיין איין טאג וואס דער טאג זאל אוועק גיין מיט דברים בטלים נאר ער האט תמיד אין יעדערין טאג גיטוען מצות. ווארום וה׳ ברך את אברהם בכל גאט האט גיבענטשט צו אברהם מיט אלע גוטע מדות. אונ אויך זאגט דער פסוק מען זאל גיט זאגען אז אברהם איז אלט גיווארין פון צרות זאגט דער פסוק וה׳ ברך וגו׳ גאט האט גיבענטשט צו אברהם מיט אלץ עס האט איהם קיינמאל גאר נישט גיפעלט: (כט) ולרבקה וגו׳ דער אור פני משה טייטש דיא פסוקים על פי רמז אזוי. רבקה מיינט מען דעם גוף. זאגט דער פסוק ולרבקה צום גוף אח איז דא אברודער ושמו לבן אונ זיין נאמען איז לבן דאס איז דער יצר הרע. ווארום לבן איז טייטש וויים אונ דער יצר הרע אין אלע זאכען וואס ער רעדט צוא דעם מענטש. רעדט ער דאך איין דעם מענטש אז דיא זאך איז נאך גאר איין ווייסע אונ אקלארע זאך. וירץ לבן לויפט דער יצה״ר אל האיש צום מענטש אונ רופט איהם ארויס החוצה אויף דיא גאס אל העין לעבין קוואל. דער יצה״ר שטייט לעבין דעם בית המדרש וואס דארט איז דער קוואל פון תורה. אונ רופט דעם מענטש ער זאל ארויס גיין: (ל) ויהי כראות את הנזם ואת הצמדים. ווען אבער דער יצה״ר זעהט דיא צירונג דאס איז דיא תורה ומצות ומעשים טובים על ידי אחותו אויף דיא הענד פון זיין שוועסטער דאס איז דער גוף. וכשמעו את דברי רבקה אחותו לאמר אונ ווען דער יצה״ר הערט דיא רייד פון דעם גוף וואס ער זאגט כה דבר אלי האי״ש אזוי הט צו מיר גירעד גאט וואס ווערט גירופען איש. גאט האט מיר נאר גיהייסען צו זיין

אין בית המדרש אונ לערנין . זעהט דאך דער יצר הרע אז דער מענטש וויל צו איהם נישט ארויס קומען . פאר שטייט ער שוין אז ער וועט דעם מענטש נישט קענין אפ רעדין צו שלעכטס . אין אויבען האבען מיר גישריבען פון זוה״ק וועגען אז ווען דער מענטש הערט ניט צו דעם יצר הרע נעמט דער יצה״ר פאר דעם זיין שכר . איז דאך פאר דעם יצה״ר אויך בעסער ווען דער מענטש לערינט פיל תורה אונ טוט מצות ומעשים טובים . אונ אז עס איז אזוי ויבא אל האיש קומט דער יצה״ר אריין אין בית המדרש צום מענטש . והנה עמד אונ זעהט אז דער מענטש שטייט אונ איז מתפלל . על הגמלים אונ טוט אויך גמילות חסדים . על העין אונ שטייט ביי דעם קוואל פון תורה : (לא) ויאמר זאגט דער יצה״ר צום מענטש אפילו ווען דוא טוסט שוין אלץ זייא אבער האלט זיך ניט גרויס . נאר בוא ברוך קום בייג דיר אראפ האלט זיך נידעריג זייא אגרויסער עניו . לערין זיך אפ פון ה׳ גאט וואס במקום גדולתו שם ענותנותו אויף דעם ארט וואס ער באווייזט זיין גרויסקייט באווייזט ער אויך זיין עניוות . אונ אויך ווען דוא ווילסט זיך האלטין בגאוה פרעג איך דיר למה וואס נוצט דאס דיר . דאס וועט נאך דיר גורם זיין אז תעמד בחוץ דוא זאלסט שטיין אויס ווייניג פון גן עדן מען וועט דיך נישט אריין לאזען אין גן עדן . אונ באקלער נאר מיט דיין שכל וואס דיא גאוה קען גורם זיין . ואנכי אונ איך יצה״ר וואס איך גייא אונ פאר צייל אין הימעל וואס דיא מענטשין טוהן . פניתי הבית איך האב אויף גירוימט דעם בית המקדש אונ חרוב גימאכט דיא שטאט ירושלים וואס זיא איז גיוועזן ומקום לגמלים איין ארט צו דיא ישראל וואס האבען גיטוהן גמילות חסדים אונ האבען אויך גילערינט תורה נאר וועגין דעם וואס זייא האבען זיך גיהאלטין בגאוה איז אלץ חרוב גיווארין : (לב) ויבא האיש הביתה אונ ווען דער מענטש הערט דאס קומט ער תיכף אין בית המדרש אריין כלומר ער גייט אריין ווייטער אין בהמ״ד אריין אונ זעצט זיך אין אווינקעלע דאס ווייזט דאס ווארט הביתה . ויפתח הגמלים אונ עפינט אויף זיינע אברים זייא זאלין גומל חסד זיין מיט דעם אנדערין דאס הייסט גמילות חסד מיט דעם גוף ויתן תבן ומספוא אונ גיט אויך צו עסין לגמלים מיט גמילות חסד . ומים אין לערינט דיא תורה לרחץ רגליו ורגלי האנשים אשר אתו אונ נעמט זיך ארויס פון דיא תורה וויא אזוי נוהג צו זיין זיך אפ צו וואשען פון זיינע פריערדיגע גיוואונהייט זיך אויס ברעכען פון דיא שלעכטע מדות אונ אויף איהם קוקענדיג פירען זיך דיא איבעריגע מענטשין אויך אזוי : (לג) ויישם לפניו לאכל אונ ווען עס ווערט גיטוהן פאר דעם מענטש (וואס עס פירט זיך אזוי וויא פריער שטייט) צו עסין . האפט ער נישט גיך עסין . נאר ויאמר לא אכל עד אם דברתי דברי ער זאגט איך וויל ניט עסין ביז איך וועל פריער רעדין מיינע רייד צו גאט איך וועל מאכען אברכה על נטילת ידים אונ וועל מאכען המוציא . ויאמר זאגט צו איהם דער יצה״ר דבר רייד וויפיל דוא ווילסט נאר : (לד) ויאמר אונ ער זאגט דער יצה״ר זיי וויסען דוא מענטש עבד אברהם אנכי אז איך בין צו דיין נשמה אקנעכט . איך וועל צו איהר זיין אונטער טעניג . דאס איז דער מענטש וואס וויל אין אנהייב באלד נישט צו הערין דעם יצה״ר אבער ווען חלילה דער מענטש הייבט נאר אן צו הערין דעם יצה״ר ווערט שוין דער יצה״ר אויף איהם איין אדון אונ ער האט אויף דיא נשמה צו שאפען חלילה . גאט זאל אונז פון דעם אפ היטען : אונ דער ספר תוצאות חיים זאגט אויף דעם פסוק ל״ג אזוי . ויישם לפניו לאכל ווען אליעזר איז גיקומען צוא לבן שטאט נחור צו נעמין צו יצחק איין ווייב אונ ער האט גימאכט דעם סימן וועלכע

מידיל וואס ער וועט צו איהר זאגען בייג אויס דיין קריג מיט וואסער איך וויל טרינקען. און זיא וועט זאגען צו איהם טרינק דוא און אויך צו דיינע קעמלען וועל איך געבען צו טרינקען. איז דאס אסימן אז זיא האט אגוט הארץ איז זיא ראוי צו זיין יצחקס ווייב. און עס איז טאקע אזוי געווארען. רבקה איז דאמאלס גיגאנגען צום קוואל שעפען וואסער. איז אליעזר אנטקעגען איהר גילאפען און צו איהר גיזאגט לאז מיך טרונקען פון דיין קריג וואסער. האט זיא איהם גיגעבען צו טרינקען און איז גילאפען און האט נאך אנגעשעפט פון וועגען די קעמלען. האט ער גיזעהן אז דאס איז ריכטיג וויא ער האט זיך פריער געווינשען און גיבעטין פון גאט. האט ער דאך גיזעהן אז דער זיווג פון רבקה מיט יצחקן איז פון גאט. איבער דעם ווען ער איז אריין גיגאנגען אין שטוב פון רבקהס עלטערן און מען האט פאר איהם גיגרייט צום טיש ער זאל עסין ויאמר האט אליעזר גיזאגט לא אכל עד אם דברתי דברי וגו׳ איך וויל נישט עסין ביז איך וועל רעדין מיינע רייד. דארף מען פאר שטיין אין פשטות פאר וואס האט ער פריער גיט גיוואלט עסין קען מען זאגען אזוי. ווארום דאס איז ידוע אז דורך דעם וואס איינער עסט און טרינקט באזאמען מיט דעם אנדערין דאס ברענגט ביי זיי פיל ליבשאפט אזוי וויא אין די גמרא שטייט גדולה לגומא שמקרבת את הרחוקים. דאס וואס איינער איז מכבד דעם אנדערין און בעט איהם ער זאל ביי איהם עסין איז עס זעהר גרויס אז עס מאכט אוס פיינד צו פריינד. דאס האט אליעזר גיטראכט אויב ער וועט פריער מיט זיי עסין און באזאמען טרינקען און רעדין. פון דעם וועט זייערע הערצער ווערין צו גיצויגען איינער צום אנדערין. און איבער דעם וועלין זיי מסכים זיין צו דעם שידוך פון רבקה מיט יצחק. ער האט אבער דאס נישט גיוואלט. ער האט נאר גיוואלט טוהן פון גאטס וועגען און האט זיי גיוואלט ווייזען אז דער זיווג איז נאר פון גאט. איבער דעם האט ער נישט גיוואלט עסין ביז ער האט גירעדט זיינע רייד און דער ציילט זיין גאנצע מעשה מיט רבקה. ביז זיי האבען אליין גיזאגט אזוי וויא עס שטייט ווייטער אין פסוק (נ׳) ויען לבן ובתואל און לבן ובתואל האבען גיענטפערט ויאמרו און זיי האבען גיזאגט מה׳ יצא הדבר מיר זעהן אז די זאך איז פון גאט. דער נאך ווען אליעזר האט דאס גירעדט אז זיי דער קענין אויך אז דאס איז פון גאט דאמאלס האט אליעזר מיט זיי גיגעסען און גיטרונקען. פון דעם איז גידרינגען אז ווען דער מענטש איז עוסק צו טוהן זיין חבר אטובה און גאט העלפט איהם און ער איז גומר די זאך פון זיין חברס טובה וועגין זאל ער נישט זאגען אז ער מיט זיין קלוגשאפט האט דאס גיטוהן נאר ער זאל זאגען אז גאט האט איהם צו דעם גיהאלפען:

(מב) ואבוא היום אל העין. אליעזר דער ציילט צו די עלטערין פון רבקה איך בין היינט גיקומען צום קוואל ברענגט רש״י פון מדרש וועגין היום יצאתי והיום באתי דעם היינטיגען טאג בין איך ארויס גיגאנגען אין דעם היינטיגען טאג בין איך גיקומען מכאן שקפצה לו הארץ פון דעם איז נידרונגען אז די ערד איז איהם אקעגין גישפרונגען. זאגט דער ספר תורת חיים דעם רמז פון דעם אזוי. די גמרא זאגט אז דער מענטש ווען ער ווערט אבעל תשובה איז ער גלייך וויא ער איז אצונד אין דעם טאג גיבוירען גיווארין. און דער בעל תשובה דארף זיך אפ ציען פון צו פיל תענוגים זיך נאך געבען ווארום די תענוגים מאכען דאך דעם מענטש ער זאל נישט זיין צו גיצויגען צו עבדות הבורא. און די אלע תענוגים פון עולם הזה ווערט גירופען ערדליכע זאכען ווארום דער סוף פון דעם בלייבט דאך נאר אין די ערד. און דורך וואס קען דער מענטש

קומען

קומען צו דעם ער זאל ווערין אבעל תשובה. איז נאר דורך דעם וואס ער בריינגט זיין סוף ער וועט דאך דארפען שטארבען אונ אוועק געהן פון דיא וועלט. דאס איז דער רמז פון דעם פסוק מיט דעם מדרש ואבא אונ איך מענטש קום היום דורך דעם וואס איך בארעכין היום יצאתי אז איך קען נאך היינטיגען טאג אוועק גיין פון דיא וועלט דארף איך זעהן צו טוהן תשובה. אונ איך בדארף נישט מורא האבען אז דיא תשובה זאל מיר נישט העלפין. ווארום והיום באתי ווען איך וועל טוהן תשובה וועט דאס הייסען גלייך וויא איך בין היינטיגען טאג גיקומען אויף דיא וועלט. איבער דעם דארף איך טוהן תשובה אונ זיך אפ ציען פון דיא תענוגים דאס פירט אוים דער מדרש מכאן שקפצה לו דורך דעם שפרינגט אוועק פון דעם מענטשס הארץ דיא ערדליכע זאכען: (ג) ויען לבן ובתואל ויאמרו מה׳ יצא הדבר האבען לבן אונ בתואל גיזאגט פון גאט איז ארוים גיגאנגען דיא זאך לא נוכל דבר אליך רע או טוב מיר קענין ניט ריידען צו דיר נישט קיין שלעכטס אונ נישט קיין גוטס. איז דאך דיא קשיא פאר וואס זאלין זייא נישט רעדין קיין גוטס. איז דער פשט אזוי. מיר קענין נישט רעדין אויף אברהם קיין שלעכטס אונ מיר זענין גוט. אז איבער דעם זאלין מיר נישט וועלין טוען דעם שידוך. נאר מיר דארפען געווים טוען: (סב) ויצחק וגו׳ איז דער רמז אזוי. דיא נשמה ווערט גירופען יצחק. זאגט דער פסוק ויצחק בא ווען דיא נשמה קומט לעולם הבא. ...וא פון דעם אונטער גיין פון עולם הזה. נאך דעם ווען דער גוף שטארבט באר אונ דיא נש... קומט מיט אברונע פיל מיט תורה. דאמאלס איז זיא זוכה לחי ראי צו זעהן דיא שכינה. ווארום והוא יושב דיא נשמה זיצט דאך בארץ הנגב אין דעם טריקענעם גוף וואס ווערט גירופען ארץ. אונ דער גוף גלוסט דאך צו דברים בטלים. אונ ווען דיא נשמה איידילט אוים דעם גוף אז דער גוף לערינט פיל תורה איז זיא זוכה נהנה צו זיין מזיו השכינה: (סג) ויצא יצחק גייט דיא נשמה ארוים לשוח בשדה צו שפאצירען אין פעלד דאס איז אין גן עדן. לפנות ערב צו דיא צייט וואס דער גוף שטארבט. וישא עיניו וירא והנה גמלים באים אונ דיא נשמה הייבט אויף דיא אויגען אונ זעהט וויא מלאכים קומען אונ ברענגין פיל שכר. ווארום דאס ווארט גמלים איז גלייך וויא גומלים מיינט מען דאס דיא מלאכים וואס זייא טראגען דעם שכר:

כה (א) ויסף אברהם וגו׳ דער א״ פני משה שרייבט על פי רמז דעם פסוק אזוי. אויבען האבען מיר גישריב... אז דיא נשמה ווערט גירופען אברהם. אונ ...יך שטייט שוין אויבען פון ספרים אז דער מענטש ווערט דריי מאל מגולגל אוף דיא וועלט. דאס מיינט דער פסוק. נאך דעם וויא שרה דער ערשטער גוף איז גישטארבען ויסף אברהם ויקח אשה גייט דיא נשמה אונ ווערט נאך אמאל מגולגל אין אחומר ושמה קטורה דער חומר ווערט גירופען קטורה ווארום קטורה איז טייטש אנגעבונדען. כלומר דער אנדערער חומר קען זיין אז ער וועט שוין זיין אנגעבונדען אין גאט אונ וועט טוהן תורה אונ מצות ומעשים טובים. אונ: (ב) ותלד לו את זמרן. דער חומר מאכט טאקע גיווינען תורה ומצות. איז דאס צו איהם צו הילף ער זאל מיט דעם פאר שניידען ואת יקשן דיא וואס ווילען מאכען שטרויכלען דעם מענטש ואת מדן אונ ער טוט משפטן ואת מדין דעם יצר הרע וואס קריגט זיך תמיד מיט איהם ואת ישבק אונ ער לאזט גאר אוועק דעם יצה״ר אונ הערט איהם ניט. אונ מיט וואס איז ער מנצח דעם יצה״ר ואת שוח מיט דעם וואס דער מענטש איז אפ געבויגען ער איז אעניו. אונ עס קען אבער חלילה זיין אז דער גוף פון אנדערין גלגול ווערט גאר אנגעבונדען צום יצה״ר

און

אונ : (ג) ויקשן דער יצה״ר וואס מאכט שטרויכלין ילד את שבא פאנגט דעם מענטש . ואת דדן . אונ דער יצה״ר משפט שוין דעם מענטש אונ איז דעם מענטש מנצח . ובני דדן אונ מיט וואס קען דער יצה״ר מנצח זיין דעם מענטש היו אשורים מיט דעם וואס דער יצה״ר רעדט אן דעם מענטש אז ווען ער וועט איהם הערין וועט ער זיין פיל גליקליך ולטושים אונ וועט האבען גלאנציגע דומאנטין ולאומים ווען ער וועט זיך גלייכען צו דיא אומות : (ד) ובני מדין אונ מיט וואס נאך איז דער יצה״ר מנצח דעם מענטש עיפה ועפר ווען דער מענטש וויל אויף שטיין פאר טאג לערנין זאגט דער יצה״ר צוא איהם דוא ביסט מאט דוא האסט דאך גיט קיין כח צו רירען זיך אזוי וויא אשטיק ערד . ווען רעדט דאס דער יצה״ר צום מענטש וחנך ווען דער מענטש וויל זיך מחנך זיין ואבי־דע ואל־דעה אונ וויל וויסען גאט וואס ער איז דער פאטער פון דיא וועלט . דאמאלס רעדט צו איהם דער יצה״ר אז ער זאל נאך אביסעל שלאפען . כל אלה בני קטורה דאס אלץ קען זיין דיא גידאנקין פון דעם חומר . אבער צו גוטס . אבער צו שלעכטס חלילה . אונ דער מענטש וואס ער האט דעם אמתין שכל באקלערט ער בעסער צו ווערין גירופען מיט דעם נאמען קטורה צו זיין צו גיבונדען אין גאט צו לערנין תורה אונ צו טוהן פיל מצות פון וועגין ער זאל מתקן זיין וואס ער האט אין זיין ערשטין גלגול מקלקל גיוועזן . אונ וועגען דעם וועט שוין דיא נשמה אויך ווערין אנגעבונדען אין איהר ארט אין גן עדן : (יא) ויהי אחרי מות אברהם אונ עס איז גיוועזן נאך דעם טוט פון אברהם ויברך אלהים את יצחק בנו אונ גאט האט גיבענטשט זיין זון יצחק . דיא קשיא עס האט דאך גיקענט שטיין ויברך אלהים את יצחק גאט האט גיבענטשט צו יצחק . וואס דארף שטיין דאס ווארט בנו זיין זון . זאגט דער ספר תורת חיים אזוי . ווארום דער נאטור איז ווען עס שטארבט ביי א מענטש זיין פאטער איז ער זיך זייער פיל מצער וואס ער האט נישט אויף זיך קיין באשיצער . נאר אבער דער מענטש וואס איז אצדיק דער האט נישט דיא מורא אונ דיא זארג ווארום ער הט דאך אשטארקען שיצער איבער זיך דאס איז השי״ת ברוך הוא ער איז זיין פאטער אויף אייביג . דאס זאגט דער פסוק גאט האט צו יצחקן גיבענטשט אונ האט איהם גיזאגט דאס ער זאל זיך נישט מצער זיין אויף זיין פאטערס טויט ווארום ער השי״ת איז זיין פאטער אונ יצחק איז זיין זון דרום איז שוין רעכט דאס וואס עס שטייט ויברך אלהים את יצחק גאט האט גיבענטשט צו יצחקן בנו אונ ער האט איהם גיזאגט אז ער איז ביי איהם גילובט וויא איין זון אונ ער השי״ת איז זיין פאטער . וישב יצחק ווען יצחק הערט דאס פון גאט איז זיינע גידאנקין גיווארין באזעצט אונ רוהיג ווארום עס באר ער איז ביי דיא ברונע לחי פון דעם לעבעדיגען גאט ראי גאט איז מיין אויף זעהר ער קוקט תמיד אויף מיר עס זאל מיר גאר נישט פעלין גאר ער שיקט אויף מיר תמיד זיין השפעה . אזוי וויא למשל דער מענטש וואס זיצט ביי אברונע וואסער האט ער נישט קיין זארג פון וועגין דארשט אזוי האט יצחק שוין נישט גיזארגט : (יג) ואלה וגו׳ בכר ישמעאל על פי רמז איז אזוי דער טייטש דאס ערשטע פון דעם מענטש וואס ער וויל ישמ־אל הערין צו גאט דארף ער זעהן נביות ער זאל רעדין אין דיא תורה . וקדר אונ זאל זיך שווארצען כלומר ער זאל זיין אעניו . ואדבאל (דאס ווארט ואדבאל איז צוויי ווערטער . ואדב איז דער טייטש טרויעריג אל גאט .) כלומר ער זאל טרויערין אויף גלות השכינה דאמאלס ומבשם וועט זיין שם טוב גיהערט ווערין אזוי וויא בשמים . אין דאס בדארף אויך דער צדיק זעהן : (יד) ווען ער הערט עטוואס רעדין פון איהם ודומה

זאל

זאל ער שווייגען ומשא אונ זאל פאר טראגין . אונ זיך נישט קריגען מיט דעם מענטש : (טו) חדר אונ אויך זאל ער שארפען זיין שכל ותימא אונ זאל זאגען פשטים אין דיא תורה . דאמאלס יטור איז אפ געהיט נפיש אסאך שכר לעולם הבא פון זיינעט וועגען וקדמה אונ עס וועט פאר איהם פאר קומען ווען ער וועט שטארבען :

# פרשת תולדת

(יט) **ואלה** אונ די דאזיגע כלומר יעקב אונ עשו תולדת יצחק זענען די קינדער פון יצחק . פרעגט דער פסוק בן אברהם . יצחק איז דאך אזוהן פון אברהם הצדיק פר וואס האט ער גיהאט אזוהן עשו הרשע . ענטפערט דער פסוק אברהם אזו וויא רש״י שרייבט אז דער נאך ווען גאט האט איהם גערופן מיט איין ה׳ דאמאלס הוליד האט ער גימאכט גיווינען צו שרה דעם זוהן יצחק . אונ פריער ווען ער האט גיהייסן אברם אן איין ה׳ האט ער גיהאט פון הגר דעם זוהן ישמעאל . איז דאך אויך א קשיא אברהם הצדיק זאל האבין איין זוהן ישמעאל הרשע . מוז מען ענטפערין דס איז וייל הגר איז גיווען זיין ווייב . אונ ווען אויך הגר איז גיווארין אצדקת אבער איהרע עלטערין זענען דאך ניט גיוועזן קיין צדיקים וועגין דעם איז גיבארין גיווארין פון איהר צו אברהם דער זוהן ישמעאל אזו בייא יצחק איז אויך דער זעלביגער תירוץ וייל רבקה האט דאך גיהאט אברודער לבן איבר דעם איז גיווען איהר איין זוהן ארשע אונ דס מיינט רש״י הקדוש אויך . נאך קען מען זאגין אויף דעם אברהם הוליד את יצחק איז דער טייטש דער זכות פון אברהם האט גורם גיווען אז יצחק זאל האבין קינדער אזו וויא רש״י שרייבט ווייטער אין פסוק (כא) ווען יצחק איז גישטאנען אנטקעגין זיין ווייב רבקה אונ מתפלל גיווען אז זיא זאל ווערין טראגין אונ זיא האט אויך מתפלל גיווען שטייט אין פסוק ויעתר לו ה׳ אונ גאט איז גיווארין צוא יצחק איבר גיבעטין זאגט רש״י לו ולא לה גאט האט נאר זיין תפלה אנגינומען אבר נישט רבקהס תפלה שאין דומה תפלת צדיק בן רשע לתפלת צדיק בן צדיק וייל רבקה איז גיווען אצדקת בת רשע אטאכטער פון ארשע איז איהר תפלה נישט אן גענומען גיווארע אבער יצחק איז גיווען אצדיק בן צדיק אזוהן פון אצדיק . איבער דעם איז זיין תפלה אנגענומען גיווארין : (כ) ויהי יצחק בן ארבעים שנה אונ יצחק איז אלט גיווען פערציג יאר האט ער חתונה גיהאט . איז דאך די קשיא די גמרא זאגט בן שמונה עשרה לחופה ווען מען איז אלט אכצין יאר בדארף מען חתונה האבין פר וואס האט יצחק גיווארט ביז פערציג יאר . ענטפערט דער פסוק בקחתו את רבקה ער האט דאך גענומען דיא צדקת רבקה בת בתואל הארמי וגו׳ אונ ווען אויך איהר פאטער אונ איהר ברודער אונ איהרע שטאט מענטשין זענען גיווען רשעים פון דעסטוועגין איז זיא גיווען אצדקת האט יצחק אויף איהר דיא צייט גיווארט ביז זיא איז גיבארין געווארין . אונ נאך מיינט דער פסו״ק מיט די ווערטער בת בתואל הארמי וגו׳ צו פר ענטפערין די קשיא פאר וואס האט זי רבקה אצדקת גהאט אזוהן עשו איז דער תירוץ וייל איהר פאטער אונ איהר ברודער זענען גיווען רשעים איבער דעם איז איהר איין זוהן אויך גיווען ארשע : (כא) ויעתר יצחק לה׳ דער אור פני משה טייטשט די פסוקים על פי רמז אזוי יצחק מיינט מען די נשמה בעט זיא צו גאט לנכח אשתו פון וועגין זיין ווייב דס איז דער גוף כי עקרה הוא דס ער איז אן פרובט ער טוהט ניט קיין מצות ויעתר לו ה׳ אונ גאט ווערט איבער גיבעטין ותהר רבקה אשתו אונ גאט שיקט אבין אין דעם מענטש איין גוטין רצון אונ ווערט אנגיטראגין מיט תורה ומצות :

(כב) ויתרוצצו הבנים בקרבה דער יצה״ר מיט דעם יצ״ט וואס זענען ביידע אין גוף קריגין זיך דער יצה״ר רעדט אן דעם חומר אז ותאמר דער חומר זאל זאגין אם כן אז די נשמה וויל פון מיר תמיד אז איך זאל נאר פר ברענגען מיין צייט נאר מיט תורה למה זה אנכי וואס טויג מיר מיין לעבין ווען וועל איך מיר עפעס מאכין תענוגי עולם הזה. אונ אז די נשמה הערט דס פון גוף ותלך לדרוש את ה׳ גייט זיא פארשטין אונ בעטין פון גאט אויף דעם: (כג) ויאמר ה׳ זאגט גאט צו דעם גוף לה דורך דיא נשמה [אזו וויא רש״י שרייבט על ידי שליח לשם נאמר ברוח הקדש והוא אמר לה] שני גוים בבטנך דער יצה״ר מיט דעם יצ״ט זענען ביא דיר ושני לאמים אונ די צוויי קעניגין ממעיך יפרדו. מיינסט דו אפשר וועלין זיי זיך פון דיר אפ שיידין. ניין זיי זענען ביא דיר ביידע תמיד. נאר ולאם מלאם יאמץ איינער וויל זיך שטארקין אויף דעם אנדערין דארפסט דו גוף זעהן אז ורב דער יצה״ר וואס ער איז עלטער ער קומט תיכף ווען דער מענטש ווערט געבארין [אזוי וויא אין פסוק שטייט לפתח חטאת רובץ תיכף ווען דס קינד גייט ארויס פון די מוטערס בויך איז שוין גרייט דער יצה״ר] יעבד זאל ער זיין אקנעכט צו דעם צעיר צום יצ״ט וואס ער איז יונגער ער קומט צו דעם מענטש ווען דער מענטש איז שוין אלט דרייצעהן יאר: אונ על פי פשט הפשוט זאגט דער כלי יקר ויתרוצצו הבנים בקרבה אונ די קינדר האבין זיך געשטויסין אין בויך פון רבקה אונ אזו וויא דער מדרש דרשנת ויתרוצצו איז טייטש לייפין כלומר אז זיא איז פאר גיגאנגען פר די טויערין פון שם ועבר וואס זיי האבין דארטן גילערינט תורה איז יעקב גילאפין אונ האט גיצאפילט ארויס צוא גיין אונ אז זיא איז גיגאנגען פר די עבודת אלילים האט עשו גיצאפילט ארויס צו גיין האט רבקה גימיינט אז זיא איז נאר מעוברת מיט איין קינד. אונ ווען זיא האט גיזעהן אז אמאל וויל ער דינען גאט אונ אמאל וויל ער דינען עבודה זרה ווייזט דאך אויס אז עס איז עפעס דא אויף די וועלט צוויא אלהות ותאמר האט זיא גיזאגט אם כן אז עס איז אזו למה זה אנכי וואס זעה איך עפעס בנבואה אז גאט וועט געבין צו די ישראל די עשרת הדברות וואס זייא הייבן זיך אן מיט דעם ווארט אנכי ה׳ אלהיך גאט זאגט אז איך בין איין גאט ותלך לדרוש את ה׳ איז זיא גיגאנגען אין בית המדרש פון שם ועבר צו פארשטין גאט כלומר צו קלערין געטליכקייט: (כג) ויאמר ה׳ לה וגו׳ זאגט גאט צו איהר דורך שם ועבר עס איז טאקע מער נישט דא נאר איין גאט אויף די וועלט. נאר די האסט נאר ביי דיר אין בויך צוויי קינדר אונ זיי וועלין זיין צווייא פעלקער אונ איינער וועט דינען די עבודה זרה ממעיך יפרדו פון דיינע גידערים וועלין זייא ווערין אפ גישייד. רש״י שרייבט מן המעים הם נפרדים זה לרשעו וזה לתומו פון די גידערים וועלין זיי זיין אפ גישייד דער צו זיין רשעות אונ דער צו זיין גוטקייט זאגט דער אור פני משה די כוונה אין רש״י אזו. וויא די גמרא זאגט אין פסחים שנים שצלו את פסחיהם צווייא מענטשין וואס זייא בראטין זייערע קרבן פסחים אחד אכלו לשם מצוה איין מענטש עסט דעם קרבן פסח לשם מצוה וייל גאט האט גיהייסין על זה נאמר אויף דעם מענטש ווערט גיזאגט אין פסוק וצדיקים ילכו בם דיא מענטשין וואס ווען זייא עסין אונ טרינקען מיינען זייא נאר פון גאטס וועגין. איז ווען זייא זענען מקיים אמצוה וואס די מצוה בשטייט אין עסין דהיינו דס עסין פון קרבן פסח אבער עסין לכבוד שבת אונ לכבוד יום טוב. אונ אפילו ווען זייא עסין אין די טעג פון דיא וואך מיינען זייא נאר פון גאטס וועגין ווערין זיי מיט דעם גערופין צדיקים. ואחד אכלו לשם אכילה גסה אונ איין מענטש עסט דעם קרבן פסח פון וועגין דעם וואס ער וויל נאר אן לייגין דעם בויך מיט אסך פלייש על זה נאמר אויף דעם מענטש פירט אוים דער

פסוק ופושעים יכשלו בם די רשעים די שלעכטע מענטשן ווערין אין די מצות גישטראכלט
כלומר ווען זיי עסין נישט פון גאטס וועגין נאר פון תאוה וועגין ווערין זיי נאך פר דעם
עסין גישטראפט. אונ דס מיינט רשי הקדוש מי הטעיים פון דעם עסין וואס ביידע סינדר
וועלין אביין לייגין אין די גידעריים הם נפרדים וועלין זיי זיין אפ גישייד זה לרשעו עשו
ווען ער וועט עסין וועט ער נאר עסין פון וועגין זיין רשעות ער זאל דרפילין זיין תאוה
אונ אויך ער זאל האבין כח צו טוען זיין שלעכץ וזה לתוטו אונ יעקב ווען ער וועט עסין
וועט ער נאר מיינען פון זיין צדקות וועגין ער זאל האבין כח צו דינען גאט. נמצא איז
פון דעם גידרונגען אז ווער עס ווערט גירופין מיט דעם נאמען בית יעקב דארף ער אין
אלע זיינע טועכץ נאר מיינען פון גאטס וועגין אונ דס איז דר עיקר עבדות אז אפילו מיט
דעם עסין אונ טרינקען אונ אלע זאכין וואס דר מענטש טוהט צו שטארקין דעם גוף זאל
ער נאר מיינען צו האבין כח צו דינען גאט: (כו) ואחרי כן יצא אחיו אונ דר נאך וויא
עשו איז ארויס גיגאנגען פון בויך פון רבקה איז ארויס גיגאנגען זיין ברודער יעקב וידו
אחזת בעקב עשו וגו' אונ זיין האנד האט אן גיהאלטען אין דעם טריט פון עשו דס ווייזט
אז די מצות וואס עשו האט גיטרעטין מיט די פים. אונ היינט אויך איז דר יצר הרע זייא
מבזה. האט יעקב זייא פעסט גיהאלטען מיט זיינע הענד זיי מקיים צו זיין. דס ווייזט
אונז ישראל אז אמנהג אדער אמנהג פון דיא ישראל מוז מען פעסט האלטען אונ מקיים
זיין אונ נישט קוקין אויף די מענטשן וואס זייא לאכין פון איהם אונ זענען די מצוה אדער
דעם מנהג מבזה: (כז) ויגדלו הנערים אונ אז דיא יונגען יעקב מיט עשו זענען גרויס
געווארען ויהי עשו איש יודע ציד וגו' איז עשו גיוועזין איין מענטש וואס האט גיהאט אידיעה
צו פאנגען חיות אין פעלד. פרעגט דר ספר תוצאות חיים עס האט דאך גיקענט שטיין
אין פסוק איש ציד אמענטש אפאנגער. וואס דארף נאך שטיין דס ווארט יודע ער האט
גיהאט אידיעה. נאר דס ווייזט אז תיכף ווען עשו האט נאר אנגיהויבין צו גיין אין גאס
איז ער תיכף צו גיצויגן גיווארין צו שלעכטע זאכין צו רציחות. אונ ווען ער איז גיווארין
גרויס איז ער שוין גיוועזין איין איש יודע ציד אמענטש וואס ער האט שוין גיהאט פון פריער
אידיעה אין דעם פון דעם איז אפ צו לערנען אז די עלטערין דארפין גוט אכטונג געבין
אויף זייערע קינדר ווען זיי זענען נאך אין דיא יונגע יארין זייא צו פירין אין גוטין וועג.
איז מסילא ווען זיי וועלין גרויס ווערין וועלין זייא שוין האבין אידיעה אין גאטס דרכים
צו גיין. אבער חלילה ווען דר פאטער אונ מוטער גיבין נישט אכטונג אויף זייערע קינדר
אין די יוגענד אונ לאזין זיי טוען מעשים רעים ולמשל ווען דס קינד גיבט דעם אנדרן איין
קללה פרייען זיך נאך דיא עלטערין אז זייער קינד האט אחכמה גיזאגט. אונ דעסטגלייכן
ווען זייער קינד שלאגט דעם אנדערין איז דס גורם אז דאס קינד ווערט שוין מיט דעם
איינגיוואנט. אונ ווען ער ווערט גרויס איז ער אין דעם שלעכץ פול איינגיווארצילט איז
איהם שוין דאמאלס שווער פון דעם זיך אפ צו ציען. איבער דעם דארפין די עלטערין
איינגעווייען זייערע קינדר תיכף אין די יוגענד מיט גוטע מדות אזוי וויא עס שטייט אין
פסוק חנוך לנער גיוויין איין דס קינד אין גוטע מדות על פי דרכו תיכף וויא ער לערינט
זיך צו גיין אויף די ערד גם כי יזקין לא יסור ממנו דאמאלס ווען אויך ער וועט ווערין
עלטער וועט ער שוין פון די גוטע מדות נישט אפ טרעטין. ויעקב איש תם יושב
אוהלים אונ יעקב איז גיוועזין אגאנץ פרומר וואס ער האט גימיינט אין זיין הארץ האט ער
גירעט מיט זיין מויל יושב אוהלים ער איז גיזעסין אין דיא גיצעלטין פון שם ועבר אונ האט
גילערנט תורה: (כח) ויאהב יצחק את עשו אונ יצחק האט ליב גיהאט זיין זוהן עשו.

איז דאך די קשיא אויף אונזער פאטער יצחק הצדיק ער זאל ליב האבין זיין זוהן עשו
הרשע. זאגט דער אור פני משה אז דער פסוק פר ענטפערט דס אליין מיט די ווערטער
כי ציד בפיו ווארום ער הט גיפאנגען פון וועגין צו ברענגען צו יעקב אין מויל ער זאל
האבין צו עסין פון וועגין ער זאל האבין כח צו לערנען איבר דעם הט יצחק ליב גיהאט
צו עשו ווארום דער וואס ער איז מחזיק דיא לומדי תורה איז דאך גלייך וויא ער אליין
לערינט די תורה. זאגט אבער ווייטר דער פסוק ורבקה אוהבת את יעקב אין רבקה איז
אבער גיוועזן דיא נבואה גרעסער פון יצחק הט זיא גיזעהן אז עשו הוץ דעם וואס ער וועט
גישט געבין צו עסין צו יעקב וועט ער נאך טוען צו יעקב פול שלעכץ. אונ ווען וועט
דס זיין (כט) ויזד יעקב נזיד ווען יעקב בלומר זיינע קינדער וועלין דר נאך טוען עבירות
במזיד דאמאלס ויבא עשו מן השדה וועט קומען נבוכדנצר הרשע וואס ער קומט ארויס
פון עשו אונ וועט חרוב מאכין די שטאט ציון אונ זיא וועט ווערין גיאקערט אזוי וויא
א פעלד אזו וויא עס שטייט אין פסוק (מיכה) ציון לשדה התחרש אונ אויך והוא עיף ער
וועט זיין מיד פון רציחה וואס ער וועט הרגנן אין דיא ישראל. איבער דעם האט רבקה
ליב גיהאט צו יעקב אונ נישט צו עשו: (ל) ויאמר עשו אל יעקב מיר גיפונען אין דיא
גמרא פול מאל אז פון די יונגאי עשו האבין זיך מגייר גיוועזן דס איז דער רמז אין פסוק
עשו בלומר זיינע קינדר זאגין צו די קינדר פון יעקב הלעיטני נא [מיר גיפונען אין לשון
הקדש איין ווארט איז דער טייטש מעו זאל דס יוא טוען. אונ דם איינציגע ווארט איז אויך
דר טייטש כען זאל דאס נישט טוען למשל דאס ווארט ויסקלהו אין (ישעיה) איז דער
טייטש ארויס גענומען דיא שטיינר. אונ אויף אנדרע ערטר איז דאס ווארט ויסקלהו דער
טייטש פר שטיינן. אזו קען מען דא טייטשין דאס ווארט הלעיטני מאך מיך אויספיפין
מן האדום האדם הזה פון די עבירות וואס זייא ווערין גרופין מיט דעם נאמן אודם. כי
חאטשע עיף אנכי איך בין מיד מיט רציחה על כן קרא שמו אדום וואס איבר דעם ווערט
מיין נאמען גירופין אדום פון דעסטוועגין העלפט אבר תשובה וויל איך זיך מגייר זיין
אונ טוען תשובה: (לא) ויאמר יעקב וגו' יעקב מיינט מען דעם יצר טוב אונ עשו מיינט
מען דעם יצר הרע אונ דאס איז ידוע אז דער יצה"ר קומט צום מענטש תיכף וויא ער
ווערט נאר גיבארין אונ דר יצ"ט קומט צו דרייצין יאר ממילא איז דאך דער יצה"ר דער
בכור אונ הט טאפילט כח פון דעם יצ"ט. זאגט דער יצ"ט צום יצה"ר מכרה פרקויף כיום
היינט אויף די וועלט את בכרתך דיין כח פון דיא בכורה וואס וועגין דעם האסט דוא מער
כח צו שאפין אויף דעם מענטש לי דער כח זאל קערין צו מיר: (לב) ויאמר עשו זאגט
דער יצה"ר צום יצ"ט דו ביזט זעהר גירעכט. איך וועל דיר דעם כח פרקויפין. ווארום
הנה אנכי הולך למות לעתיד לבוא וועט מיר דאך השי"ת שעכטין אזו וויא מיר האבין
אויבין אין סדרה חיי שרה גישריבין פון די גמרא] ולמה זה לי בכרה וואס טויג מיר דער
כח פון די בכורה עס איז פר מיר אויך בעסער דס דער מענטש זאל לערנען תורה אונ
טוען מצות ומעשים טובים אונ ווען דר יצ"ט הערט דס פון יצה"ר: (לג) ויאמר יעקב
זאגט דר יצ"ט צום גוף השבעה לי שווער מיר אז דוא זאלסט נאר מיר הערין ווארום
כיום דיין לעבין איז נאר גלייך וויא איין טאג וישבע לו אונ דער גוף שווערט צוא דעם
יצ"ט אונ ווען דר יצה"ר זעהט אז דר גוף האט גישווארין אז ער זאל נאר הערין דעם
יצ"ט דאמאלס וימכור את בכורתו ליעקב פאר קויפט ער זיין כח פון די בכורה צום יצ"ט
אונ דר יצ"ט פירט שוין דעם מענטש. אונ פון דעסטוועגין: (לג) ויעקב דער יצ"ט נתן
לעשו גיט דעם יצה"ר אויך כח אויף דעם גוף פון וועגין לחם ונזיד עדשים דער מענטש

זאל עסן און טרינקען. אויך איז מרמז די ווערטער לחם ונזיד עדשים אז דר מענטש דארף זעהן ווען ער האט ברויט זאל ער זיין אזוי וויא די לונזין וואס זייא זענען קיילעכדיג און האבען נישט קיין מויל אזוי זאל זיין די מויל פון דעם מענטש צו גימאכט און זאל נישט זארגען און פרעגען וואס וועלין מיר מארגען עסין נאר דר יצ"ט זעהט ויאכל וישת אז דער דר מענטש זאל עסין און טרינקען בכדי ויקם וילך דר גוף זאל האבין כח אויף צו שטיין און גיין צו גאטס דינסט אזו ווי אין פסוק שטייט צדיק אוכל לשובע נפשו דר צדיק עסט נאר פון וועגין ער זאל האבין כח צו זעטיגין די נשמה מיט תורה ומצות. און דאמאלס איז ויבז עשו את הבכרה איז דר יצה"ר מבזה דעם כח הבכורה וואס ער האט אויף דעם מענטש און לאזט שוין דעם יצ"ט פירין דעם מענטש מיט זיין כח: נאך קען מען זאגין אין דעם פסוק (לב) ויאמר עשו און עשו זאגט צוא יעקב הנה אנכי הולך למות איך גיי דאך צו שטארבען ולמה זה לי בכרה און וועגין וואס טויג מיר די בכורה. דארף מען דאס פארשטיין וואס זאגט ער איך גייא דאך צוא שטארבין ער איז דאך דאמאלס גיוועזן פופציג יאר וויא אזוי גייט ער צוא שטארבין. און אויך יעקב וועט דען נישט שטארבין. יעקב וועט דאך שטארבין וועגין וואס טויג די בכורה צו יעקב מער וויא פר איהם. קען מען אזוי זאגין עס שטייט אין פסוק (ישעיה כו ד) כי ביה ה' צור עולמים טייטשט די גמרא אז כי ביה דס מיט די צוויי אותיות פון דעם נאמען יה' צור עולמים הט גאט בשאפין די ביידע וועלטין עולם הזה בה"א די וועלט הט גאט בשאפין מיט דעם אות ה' ועולם הבא ביוד און עולם הבא הט גאט בשאפין מיט דעם אות י' און דאס אות ה' באטרעפט פינף און דס אות י' באטרעפט צעהן צווייא מאל פינף. נמצא איז דאך עולם הבא צווייא מאל אזו פיל וויא עולם הזה. און דער מדרש זאגט אז יעקב מיט עשו האבין זיך איין גיטיילט מיט דיא צווייא עולמות. הט עשו גינומען עולם הזה און יעקב הט גנומן עולם הבא. וועגין דעם הט אלין יעקב גיוואלט נעמען די בכורה ווארום איין בכור נעמט דאך צווייא חלקים איבר דעם קומט איהם מיט דעם דין עולם הבא וואס זיא איז צווייא מאל וויא עולם הזה. און עשו הט זיך גינומען עולם הזה. נמצא האט ער דאך נישט קיין חלק אין עולם הבא. נמצא אז עשו וועט שטארבין פון עולם הזה וועט ער דאך טאקע הייסין באמת איין טויטער. און עס שטייט אין פסוק (קהלת יב) כי הולך האדם אל בית עולמו דר מענטש גייט צו די אייביגע שטוב דאס מיינט מען אין קבר [ווארום ווען אויך דר גוף שטייט אויף לתחית המתים אבר דר קבר בלייבט אויף אייביג] איז דאך די קשיא גייט דען דר מענטש אין קבר אריין. מען טראגט דאך איהם נאר דר פשט איז ווען דר מענטש גייט אפילו אויף די וועלט איז יעדערע רגע וואס עס גייט אוועק איז דאך דר מענטש נענטער צום טויט אזוי וויא עס שטייט אין פסוק (קהלת ז א) ויום המות מיום הולדו דר טויט הייבט זיך אן בייא דעם מענטש תיכף וויא ער ווערט גיבארין. ווארום די רגע וואס דר מענטש לעבט גייט דאך אוועק און דר מענטש גייט אלע מאל נענטער צום טויט. נאר דר צדיק אמת וואס ער לערינט תורה און טוהט מצות ומעשים טובים וועט ער דאך האבין עולם הבא וואס זיא איז דיא אייביגע וועלט. נמצא ווען דר מענטש דר צדיק שטארבט הייסט דאס נאר נישט גישטארבין ווארום דר עיקר תכלית פון מענטש איז דאך נאר דארט בעולם הבא. זיא איז דאך די עולם האמת עולם הנצחי ובכל שכן ווען דער מענטש לעבט הייסט דס בוודאי נישט אז ער גייט צום שטארבין. פר קערט דס הייסט נאר ער גייט צום אייביגן לעבין. מיט דעם איז שוין רעכט וואס עשו זאגט הנה אנכי הולך למות איך עשו אז איך האב פאר זיך גנומן דיא

עולם הזה אונ איך האב נישט קיין חלק בעולם הבא. וועגין וואס טויג מיר די בכורה:
די בכורה איז גאר פר דיר יעקב וואס די וועסט האבין עולם הבא וואס זיא איז צווייא
מאל פון עולם הזה נעם דיר די בכורה אונ נעם דיר עולם הבא:

כו (ו) וישב יצחק דער אור פני משה טייטשט דיא פסוקים על פי רמז אזוי. דיא
נשמה ווערט גירופען מיט דעם נאמען יצחק. זאגט דער פסוק וישב יצחק דיא
נשמה ווערט באזעצט אין איהר ארט בגרר דורך דיא מצות וואס דער גוף טוט. וואס
דיא טבע פון איין מצוה איז עס איז גורר כלומר עס צוהט דעם מענטש ער זאל נאך
טוהן מצות: (ז) וישאלו אנשי המקום. דער בית דין של מעלה פרעגין דעם מענטש
לאשתו אויף דיא תורה צוא ער האט איהר גילערינט. ויאמר אחתי היא דארף דער
מענטש זעהן ווען ער לעבט אז ער זאל לערנין פיל תורה דאס ער זאל זיין אין איהר
קלאר. אזוי וויא אויף זיין שוועסטער איז איהם קלאר אז זיא איז זיין שוועסטער. אונ
אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אמור לחכמה זאג צו דיא חכמה אחותי את דוא ביסט
מיין שוועסטער. אבער ווען דער מענטש לערינט נישט דיא תורה כי ירא לאמר אשתי
וועט ער דאך מורא האבען צו זאגען אפילו זיא איז זיין ווייב. אין אבל שכן צו זאגין
אז זיא איז זיין שוועסטער. דארף אבער דער מענטש טראכטין פן יהרגני אנשי המקום
טאמער וועלין מיך משפטין דיא בית דין של מעלה אז איך זאל ווערין גיהרגית אויף
אייביג על פון וועגין רבקה דעם גוף. כי טובת מראה היא וועגען דעם וואס דער גוף
איז זייער שיין אונ גוט אוים געפאשיט אונ דיא נשמה איז נעביך דאר אין מאגער וועט
מען איהם חלילה בן זיין הריגת עולמות. איבער דעם זאל דער מענטש זעהן וויא פיל
צייט ער קען גאר אפ רייסען צו לערנין תורה זאל ער לערנין: (יב) ויזרע יצחק וגו׳
יצחק מיינט מען דיא נשמה. אונ מיר האבען שוין אויבען פיל מאהל גישריבען אז דער
מענטש קען מגולגל ווערין צוויי אין דריי מאהל. איבער דעם דארף דער קלוגער
מענטש זיך טראכטין אז ער איז שוין איינמאהל גיוועזין אויף דיא וועלט אונ הט דאמאלם
נים מתקן גיוועזין אלץ וואס ער בדארף. אונ זאל זיך אצונד נעמין צו טוהן פיל מצות
ומעשים טובים. דאס איז דער טייטש פון דיא פסוקים ויזרע יצחק ווען דיא נשמה
פאר זייעט אסאך מצות בארץ ההוא אין דעם גוף וימצא אונ דאס קען ווערין גיפונען
בשנה ההוא אין דעם דאזיגען גלגול מאה שערים הונדערט מאס כלומר זעהר פיהל
מצות ויברכהו ה׳ טוט איהם דעם דאזיגען מענטש גאט בענטשין: (יג) ויגדל האיש וגו׳
איש ווערט גירופען דער יצר הרע. אונ דיא גמרא זאגט כל הגדול מחבירו יצרו גדול
אצלו ביי דעם צדיק וואס ער איז זייער גרוים אונ דיא מעלה איז דער יצה״ר אויף
איהם זייער גרוים ער וויל איהם אלע מאהל אפ רעדין פון זיין צדקות. אבער דער
צדיק האמת וואס האט דעם שכל האמת הערט איהם נישט. נאר דער מענטש וואס
וויל אצונד זיך איינפירען צו זיין אצדיק. הייבט זיך אן דער יצה״ר איבער איהם צו
גרויסען. וילך אין אנהייב גייט דער יצה״ר מיט דעם מענטש קליינע טריט ער רעדט
איהם אן צו טוהן קליינע עבירות. אונ ווען דער מענטש הייבט איהם גאר אן צו הערין
דאמאלם הלך וגדל עד כי גדל מאד גרעסערט זיך דער יצה״ר אויף דעם מענטש זייער
שטארק אלע מאהל גרעסער: (יד) ויהי לו מקנה צאן וגו׳ אונ מיט וואס שטארקט ער
זיך אויף דעם מענטש. מיט דעם וואס ער רעדט אן דעם מענטש ער זאל זעהן פיל
גישעפטין צו מאבען ער זאל האבען פיל פאר מעגין. ויקנאו אתו פלשתים די גיבאנקין
פון יצה״ר מאבין דעם מענטש אז ער זאל דעם אנדערין מקנא זיין אין מרבה נכסים

מרבה

מרבה דאגה ווען דער מענטש איז דעם אנדערין מקנא און וויל אויך האבען פיל פאר
מעגין. אזוי זארגט ער תמיד און האט ניט קיין צייט צו לערנין נמצא מאכט ער:
(טו) וכל הבארות אשר חפרו עבדי אביו בימי אברהם אביו אז דיא אלע ברונעס פון
תורה וואס דיא גידאנקין פון דעם יצ"ט האבען אויף גיגראבען אין דעם מענטש אין
זיין ערשטין גלגול סתמום פלשתים האבען דיא גידאנקין פון יצה"ר זייא אצונד פאר
שטאפט. און ווענין דעם וימלאום עפר ווערט וויטער דער מענטש גישטארבען:
(טז) ויאמר אבימלך גאט וואס ווערט גירופען אבי מלך ער איז דער פאטער און דער
קיניג זאגט ער צו דיא נשמה לך מעמנו גייא וויטער פון אונז אוועק און גייא אריין
אין גוף צום דריטען מאהל. און האב ניט קיין מורא פאר דעם יצה"ר כי עצמת ממנו
מאד ווארום דוא ביסט שטארקער פון איהם פון יצה"ר: (יז) וילך משם יצחק און דיא
נשמה גייט פון דארט אוועק אין גוף אריין ויחן בנחל און זיא הייסט דעם גוף ער זאל
רוען אין נחל אין דעם טאל פון דיא תורה. און דאמאלס וועט זיין גרר עס וועט איהם
שוין צוגען צו טוהן נאך מצות. אזוי וויא עס שטייט מצוה גוררת מצוה. און אז דער
מענטש הערט צו דיא נשמה וישב שם און באזעצט זיך אין דעם נחל: (יח) וישב יצחק
קערט זיך ווידער דיא נשמה ויחפר את בארות המים אין גראבט אויף דיא ברונעס פון
תורה ומצות אשר חפרו וואס דיא גידאנקין פון יצ"ט האבען גיגראבען בימי אברהם
אביו אין דיא צייטען פון ערשטין גלגול. נאר פריער ויסתמום פלשתים האבען דיא
גידאנקין פון יצה"ר זייא פאר שטאפט. אבער אצונד אחרי מות אברהם אז דער מענטש
באהרעכינט זיך דאס ער איז שוין אצונד נאך אמאהל אויף דיא וועלט נאך זיין צווייא
מאהל שטארבען. גראבט ער שוין אויף צוריק דיא ברונעס ויקרא להן שמות און רופט
חשובע נעמין כשמות אשר קרא להן אביו דיא זעלביגע נעמען וואס זיין פאטער דער
ערשטער גלגול האט זייא גירופען ווען מען האט איהם בשאפען און מען האט מיט איהם
גילערינט תורה כולה. נאר דער ערשטער גלגול האט זייא נישט אין גאנצען גיטוהן.
און דער אנדערער גלגול אויך נישט. אבער דער דריטער גלגול איז שוין מתקן אין
גאנצען: (יט) ויחפרו עבדי יצחק בנחל אין דיא גידאנקין פון דיא נשמה טרייבען דעם
גוף אז ער זאל נאר גראבען אין דיא תורה אלע מאהל טיפער און טיפער. וימצאו שם
געפונען זייא דורך דיא תורה באר מים חיים איין ברונע פון אייביג לעבעדיגע וואסער.
כלומר ווען דער גוף וועט שטארבען וועט זיין נשמה לעבען אייביג אין גן עדן. על כן
בדארף יעדער מענטש זיך באהרעכינען מיט שכל און טראכטין אפשר איז ער שוין דער
דריטער גלגול און ווען ער וועט אצונד אויך ניט מתקן זיין צו טוהן פיל מצות ומעשים
טובים קען דאך חלילה זיין אז דיא נשמה זיינע וועט ווערין אריין גיווארפען אין כף
הקלע. איבער דעם זאל ער זיך שטארקען און צו לערנין און צו טוהן פיל מצות
ומעשים טובים. צדקה און גמילות חסד וועט ער אלץ מתקן זיין. וועט זיין נשמה גיין
אין איהר ארט אין גן עדן: (כז) ויאמר אליהם יצחק. דיא נשמה זאגט צו דיא אברים
פון גוף מדוע באתם אלי באקלערט נאר ווענען וואס האט גאט אייך גימאכט איהר
זאלט קומען צוא מיר נשמה. גאט האט דאך נאר דאס גימאכט ווענין איהר זאלט
טוהן מצות פון מיין טובה ווענען ואתם שנאתם אותי און צום סוף האט איהר מיר גאר
פיינט און זארגט גאר נישט פאר מיר. ותשלחוני מאתכם און אויך האט איהר שוין
מיר אוועק געשיקט פון אייך מיט גאר נישט אין איירע ערשטע גלגולים. און אצונד
זעהט איהר אויך גאר נישט פון מיינעט ווענין: (כח) ויאמרו זאגען דיא אברים ראו

זעהן

זעהן אין ערשטען גלגול ראינו אונ מיר האבען געזעהן אין אנדערן גלגול כי היה ה'
עמך דאס גאט זאל האבען זיין מיט דיר כלומר מיר האבען תמיד געוואלט עוסק זיין
אין עבודות הבורא · ונאמר אונ מיר פלעגין פריער אלע מאהל זאגען תהי נא זאלען
מיר שוין זעהן אז אצונד זאל זיין דער אמתר תיקון אונזערער · גאר אלה דער פרפלוכטער
יצר הרע בינותינו האט זיך צווישען אונז אריין געמישט ער האט אונז ניט גילאזט
טוהן · אבער אצונד בינינו ובינך אז מיר רעדין אזוי באזאמען וועלין מיר מאכע זעהן
ונכרתה ברית עמך מיר וועלין זיך מיט דיר פאר בינדען גאר דיר צו הערין : (כט) אם
תעשה עמנו רעה כאשר לא נגענוך ווארום אז מיר וועלין זיך גישט צו רירען צו דיר
מיר זאלין דיר הערין · וועט דאך דיא שלעכטס מיט אונז אליין טוען וואס זיא וועט
וועלין · אבער וכאשר עשינו עמך ווען מיר וועלין גאר טוהן מיט דיר כלומר וואס דוא
הייסט אונז רק טוב וועט דאך אונז זיין גאר גוט מיר וועלין רוהען בשלום אין קבר
אויך שרייבען ספרים אז ווען דער מענטש איז אצדיק ווערין זיינע אברים אויס געאיידעלט
אונ ווערין רוחניים גלייך וויא דיא נשמה · ונשלחך בשלום אונ מיר וועלין דיר אוועק
שיקען פון אונז ווערסטו זיך אוועק גיין אין דיין ארט מיט פריד אתה עתה ברוך ה'
אצונד אין דיזעם גלגול ווערסטו שוין זיין גיבענטשט פון גאט אונ דוא וועסט שוין בלייבען
אין דיין ארט : (ל) ויעש להם משתה מאכט דיא נשמה צו דיא אברים איין מאל צייט
כלומר דיא נשמה רעדט זייא אן צו לערנין תורה אונ צו טוהן מצות מיט גרויס שמחה
אונ מיט פיל תענוג ויאכלו וישתו אונ דיא אברים לערנין מאכע מיט גרויס פאר גענינגען
גלייך וויא זייא וואלטין גיגעסין : (לא) וישכימו בבקר אונ דיא אברים פעדערין זיך אויף
צו שטיין אין דער פריא צו גיין אין בית המדרש לערנין ווארום וישבעו זייא זענין דאך
גיווארען באשווארין ווען זייא זענען בשאפען גיווארען איש אז זייא זאלין זיין אחשובער
מענטש אצדיק לאחיו פון וועגען זייער ברודער דיא נשמה · איז וויא באלד דער מענטש
פירט זיך מאכע אזוי וישלחם יצחק ווען דיא נשמה שיקט דיא אברים אוועק וילכו
מאתו בשלום גיין זייא פון איהם אוועק מיט שלום :

כז (כב) אולי ימשני אבי וגו' והבאתי עלי קללה ולא ברכה · ווען רבקה האט גיזאגט
צו יעקב ער זאל אפ נארין זיין פאטער יצחק פון וועגין ער זאל איהם בענטשין ·
זאגט יעקב צו רבקה · דער טאטע וועט אפשר מיר טאפען אונ וועט זעהן אז איך בין
ניט עשו אונ איך וויל איהם נארין וועט ער ווערין אויף מיר אין כעס אונ וועט מיר
נאך פלוכטען · נמצא וועל איך אויף מיר ברענגין איין קללה אונ ניט קיין ברכה · איז
דאך דיא קשיא אז ער זאגט שוין איך וועל ברענגין אויף מיר אקללה · וויים איך שוין
ממילא אז עס איז נישט קיין ברכה · נאך וואס זאגט ער דיא ווערטער ולא ברכה ·
גאר דיא גמרא ברענגט אז רבי אליעזר דער זון רבי שמעון איז גיגאנגען צו ר' שמעון
דער זון פון לקוניא · האט רבי שמעון גיזאגט צו רבי אלעזר תורע ולא תהצד וגו' דוא
זאלסט פאר זייען ולא תהצד אונ זאלסט נישט אפ שניידען איז ער גיקומען צו זיין פאטער
אונ האט איהם פאר ציילט אז ר' שמעון האט איהם גאר גישאלטין · האט איהם זיין
פאטער גיזאגט אז מיט דיא ווערטער האט ר' שמעון גאר גימיינט אברכה ניט אקללה ·
ער האט אזוי גימיינט · תורע דוא וועסט האבען קינדער ולא תחצד אונ זיי וועלין ניט
ווערין אפ געריסען פון דיר · נמצא אז מען קען זאגען אלשון קללה אונ עס זאל גאר
זיין אברכה · דאס זאגט יעקב צו זיין מוטער רבקה · דער טאטע יצחק וועט נאך
ווערין אויף מיר אזוי אין כעס אויף דעם וואס איך וועל איהם אפ נארין אונ איהם

זאגען אשקר אז איך בין עשו . אונ ער וועט מיר פון בעם אזוי שעלטין מיט אנעלבע
ווערטער וואס מען וועט גאר נישט קענין זאגען אז דיא ווערטער ווייזען אויף אברכה :
(כא) ויאמר יצחק אל יעקב . דער אור פני משה טייטשט דיא פסוקים עפ״י רמז אזוי .
יצחק מיינט מען דיא נשמה . אונ יעקב מיינט מען דעם גוף . זאגט דיא נשמה צום
גוף וואס ווערט גירופען יעקב וייל יעקב איז טייטש נארין . אונ תען דער מענטש פירט
זיך נאר מיט דעם וואס ער נארט דעם אנדערין . זאגט דיא נשמה צו איהם גשה נא
איך בעט דיר נעם דיר שוין צייט אונ גינעהנן צו גאטס דינסט . אונ האב ניט קיין
פורכט אז עס וועט שוין דיר חלילה נישט העלפין קיין תשובה . נעם דיר גאר צו טוהן
תשובה ואמשך בני אונ איך וועל פון דיר מיין זון אפ טוען דיא עבירות . אז מען
וועט נישט דער קענין האתה זה בני עשו אם לא צו דיא מיין זון ביסט גיוועזן אמאל
שלעכט צו נישט : (כב) ויגש יעקב גינעהנט דער גוף אל יצחק אביו צו דיא נשמה
אונ טוט וואס זיא הייסט איהם וימשהו אונ דיא נשמה טוט אפ פון איהם אלע עבירות .
ויאמר זאגט אבער דער יצה״ר צום גוף . וואס טוט זיך מיט דיר דוא ווילסט תמיד
נאר לערנין ווען וועסטו עפעס פאר דינען געלד . נישט אזוי טוה . הער צו מיר וואס
איך זאג דיר זאל טאקע זיין הקול קול יעקב לערין טאקע אונ זייא מתפלל . אבער
דאס אויך והידים ידי עשו מיט דיא הענד טוה וואס דוא קענסט גניבה . גזילה . פאלשע
מאס . פאלשע וואג . מסיג גבול זיין דעם אנדערין . אביא דיא זאלסט זיין רייך . אונ דר גוף
הערט איהם דאס צו אונ טוט אזוי ביז דער נאך ווערט : (כג) ולא הכירו אז דיא נשמה
דער קענט שוין נישט דעם גוף . כי היו ידיו כידי עשו אחיו שערת . ווארום זיינע הענד איז
גיווארין זייער איינגיריכט מיט עבירות . וויל ויברכהו דער יצה״ר האט איהם איינגירעדט
אז ער בענטשט איהם מיט פאר מעגין ער זאל נאר איהם צו הערין וועט ער איהם מאכין רייך :
(כד) ויאמר זאגט די נשמה צום גוף אתה זה בני דו ביזט דאך שוין גיווארין מיין זוהן
אונ צום סוף ביזט דו גאר עשו . טוסט גאר ווייטער שלעכט . ווען דר מענטש בקלערט
דאס בערעכינט ער זיך ווס הט ער עפעס גיטוען אונ שעמט זיך זעהר פר דיא נשמה .
ויאמר אונ ער זאגט אני איך בין עס טאקע . איך וויל אבר פון אצונד אן טוען תשובה
מיט דעם אמת : (כה) ויאמר זאגט די נשמה צום גוף הגישה לי מאך גינעהנען צו מיר
מצות ומעשים טובים אונ ווען עס איז דיר שווער נעגין דעם יצה״ר וועסטו דאך קיין
פול מצות נישט קענען טוען . נאר פון דעסטוועגין ואכלה וועל איך עסין אונ וועל זיך
זעטיגין מציד פון די מצות ווס די וועסט פאנגען פון דעם יצה״ר . אונ מיט דעם וועסט
דוא צוריק זיין בני מיין זוהן למען תברכך נפשי וועגין דעם וועל איך דיך בענטשין ויגש
לו אונ דר גוף דר לאנגט צו דיא נשמה תורה ומצות ויאכל וגו׳ אונ דיא נשמה זעטיגט
זיך מיט זייא . האט נאך די נשמה מורא דאס דר גוף וועט ווייטר צוריק קערין צו זיין
שלעכט (כו) ויאמר אליו יצחק אביו זאגט דיא נשמה צום גוף גשה נא ושקה לי בני
גינעהן מיין זוהן אונ בהעפט דיך מיט מיר : (כז) ויגש וישק לו אונ דער גוף גינעהנט צוא
דיא נשמה אונ בהעפט זיך מיט איהר אז דאמאלס וירח את ריח בגדיו שמעקט דיא
נשמה דעם ריח פון זיינע קליידר דאס איז דיא תורה ומצות ויברכהו אונ דיא נשמה
בענטשט איהם ויאמר וגו׳ אונ זאגט צום גוף עס שמעקט פון דיר מיין זוהן אין ריח
גן עדן : (כח) ויתן לך וגו׳ אונ גאט זאל דיר געבין אלעס גוטס אמן :
(לה) ויאמר בא אחיך במרמה ויקח ברכתך יצחק זאגט צו עשו דיין ברודער יעקב איז
גיקומען מיט קלוגשאפט אונ הט צו גנומן דיין ברכה . שרייבט דר מדרש אויף דעם ווארט

במרמה בחכמת תורתו מיט די קלוגשאפט פון זיין תורה קען מען זאגין דעם פשט פון מדרש אזו דעם מדרש איז קשה וואס איז דאס אהירוץ אויף דעם וואס עשו שרייט אוי איז קשה וועגין וואס דרמאנד אצונד עשו אונ זאגט אין דעם אנדערין פסוק (לו) את בכרתי לקח מיין בכורה הט יעקב ביא מיר צו גנומן והנה עתה לקח ברכתי אונ אצונד הט ער אויך נאך צו גנומן מיין ברכה. וואס דארף ער טענין אויף ביידע. ער דארף נאר צו טענין אצונד אויף די ברכות אבר נישט צו טענין אויף די בכורה. נאר דס איז ידוע ווען עשו מיט יעקב זענען נאך גיוועז ביא זייער מוטר רבקה אין בויך אונ האבין זיך גיקריגט וועגין די צווייא וועלטין ביז זיי האבין אפ גימאכט אז עשו זאל נעמען עולם הזה אונ יעקב זאל נעמן עולם הבא וועגין דעם ווען עשו הט פאר קויפט דיא בכורה צו יעקב הט עשו גיזאגט הנה אנכי הולך למות איך גיי דאך צו שטארבין אונ נישט מער צו לעבין בעולם הבא ולמה זה לי בכרה אונ וועגין וואס ניצט מיר דיא בכורה. דר שכר פון די בכורה איז דאך נאר בעולם הבא. איבר דעם הט ער פאר קויפט דיא בכורה צו יעקב. אונ דס וועהט מען אז די ברכות איז דאך וועגין די זאכין פון עולם הזה. דס שרייט עשו אונ זאגט את בכרתי לקח מיין בכורה הט ער צו גינומן ווייזט ער דאך אליין אז ער וויל בעסר עולם הבא והנה עתה לקח ברכתי אונ אצונד נעמט ער נאך צו פון מיר מיין ברכה וואס דס איז וועגין עולם הזה. טוהט ער דאך מטה נפשך נישט וויא דר דין. אויף דעם ענטפערט איהם יצחק בא אחיך במרמה דיין ברודר יעקב איז גיקומן מיט קלוגשאפט זאגט דר מדרש מיט קלוגשאפט פון תורה. אונ דאס איז ידוע פון די גמרא שכר מצוה בהאי עלמא ליכא אז דעם שכר פון די מצות וואס מען איז מקיים נעמט מען נישט בעולם הזה נאר בעולם הבא. אבר דעם שכר פר דעם וואס מען לערינט תורה נעמט מען בעולם הזה אויך דס זאגט יצחק. דיין ברודר יעקב מיט זיין תורה נעמט ער שכר בעולם הזה אויך. איבר דעם הט ער צו גינומען דיא ברכות ווען אויך ער האט ביא דיר גיקויפט דיא בכורה: (מא) וישטם עשו את יעקב הט עשו פיינד גיקריגן צו יעקב על הברכה אשר ברכו אביו וועגין דיא ברכות וואס זיין פאטר האט איהם גיבענטשט ויאמר עשו בלבו אונ עשו האט גיזאגט דאס וואס ער האט אין זינן אין זיין הארץ יקרבו ימי אבל זאל נאר אן קומן דיא טעג וואס מיין פאטר יצחק וועט שטארבין וועלין מיר זיין אבלים אונ איין אבל איז אסור צוא לערנען תורה. אונ מיין פאטר הט דאך צו מיר גיזאגט אין (פסוק מ) והיה כאשר תריד אונ ווען וועט זיין דיא צייט וואס דיא תורה וועט זיין אראפ גענידערט ביא יעקב כלומר ווען ער וועט נישט לערנען ופרקת עולו מעל צוארך דאמאלס קאנסט דוא אראפ נעמען זיין יאך פון דיין האלז. אונ אז ער וועט זיין אאבל וועט ער דאך ניט לערנען וועט ער נישט האבין וואס עס זאל אויף איהם מגין זיין ואהרגה את יעקב אחי דאמאלס וועל איך קענין הרגנן מיין ברודר יעקב. אונ אזוי וויא דיא גמרא (שבת דף ל) ברענגט אמר לו בשבת תמות דוד המלך האט גיזאגט צוא גאט הודיעני ה' קצי מאך מיך גאט וויסין דעם סוף פון מיין לעבין כלומר ווען וועל איך שטארבין. הט איהם גאט גיזאגט דוא וועסט שטארבין אום שבת כל יומא דשבתא הוה יתיב וגריס כולי יומא הט דוד אלע שבת גילערינט אגאנצע טאג ההוא יומא דבעי למינח נפשיה אונ ווען עס איז גיקומן דר שבת וואס דוד האט בדארפט צו שטארבין קם מלאך המות קמי' ולא יכיל ליה האט דער מלאך המות צוא איהם נישט גיקענט צו קומן דלא הוי פסוק פומיה מגירסא וגו' ווארום ער האט נישט אויף גיהערט צוא לערנען הוה ליה בוסתני וגו' דוד האט גיהאט געבין שטוב אויין

גארטין

גארטין אתא מלאך המות סליק ובחיש באילני איז גיגאנגען דר מלאך המות אונ האט גיקלאפט אין דיא ביימר נפיק למיחזי איז דוד גיגאנגען זעהן הוה סליק בדרגא איז ער ארויף גיגאנגען אויף אלייטער איפחית דרגא מתותיה איז צוא בראכין גיווארין אשמאפיל אונטער איהם אישתיק וגח נפשיה איז דוד גיפאלין אונ איז גישטארבין וייל ער האט אין דיא צייט נישט גילערינט. נמצא דארף מען זעהן וויא פול צייט מען קען נאר זיך אפ רייסין זאל מען נאר זעהן צו לערנען תורה וועט זיא מציל זיין פון אלעם שלעכין :

# פרשת ויצא

כח (י) ויצא יעקב מבאר שבע דר אור פני משה שרייבט דעם רמז פון די פסוקים אזו. דר גיהנם ווערט גירופין באר שבע ווארום דר גיהנם האט זיבין נעמען. איז דר פסוק מרמז ווען דר מענטש וויל זיך מציל זיין פון גיהנם דארף ער זעהן אין זיין לעבין וילך חרנה ער זאל נאר גיין לערנען תורה וואס אז מען לערינט איהר ווערט מען אבן הורין מען איז פרייא פון דעם יצה״ר: (יא) ויפגע במקום אונ זאל בעטין צו גאט. אויך זאל זיין עיקר תפלה נאר זיין פון וועגין גלות השכינה דס ווייזט דער ב׳ פון במקום איז טייטש פון וועגין גאט וילן שם אונ זאל זיך תמיד דארט אויפהאלטין אין גאטס הויז כי בא השמש אונ אפילו ווען די זין גייט שוין אונטער עס ווערט שוין נאכט ויקח מאבני המקום אונ זאל נעמען דיא מצות אונ תורה פון גאט וישם מראשתיו אונ זאל טוען זייא ארום זיין קאפ כלומר זיינע גידאנקין זאלין נאר זיין אין דיא תורה אונ מצות. וועגין דעם וועט ער זוכה זיין וישכב ווען ער וועט שטארבין וועט ער גלייך קומן במקום ההוא אין דעם ארט פון דיא שכינה. אונ ווען אויך ער האט נישט קיין פול פרמעגין זאל דאס איהם נישט הארין נאר (יב) ויחלום והנה סולם מוצב ארצה עס זאל זיין ביא איהם גלייך וויא אחלום דאס וואס דר גוף איז אויף דר וועלט נידריג שפל ועני אביא וראשו מגיע השמימה זיין קאפ זאל זיין פארטוען מיט געטליכקייט והנה מלאכי אלהים עולים ויורדים בו אונ געטליכע גידאנקין זאלין ארום לופין אין איהם. [נאך אטייטש טייטשט דר ספר עירין קדישין. ויחלום והנה סולם ווען דעם מענטש חלומת זיך אז ער איז איין לייטער כלומר ער שטייט אין דיא הייך זאגט דר פסוק מצב ארצה שטייט ער גאר אויף די ערד כלומר ער איז גאר נישט חשוב. אבער מצב ווען דר מענטש בארעכינט זיך אז אפילו ער שטייט כלומר ער איז בייך ער האט פרמעגין פון דעסטוועגין ארצה האלט ער זיך שפל אונ גידריג. דאמאלס וראשו מגיע השמימה גרייכט זיין קאפ צום הימל איז ער זעהר חשוב]:

(יג) והנה וגו׳ זאגט גאט צו דיא נשמה הארץ אשר אתה שכב עלי׳ דער גוף וואס דיא ליגסט אין איהם לך אתננה גיב איך איהם איבער צו דיר ער וועט נאר דיר הערין. ולזרעך אונ דיא וועסט מיט איהם האבען קינדער דאס איז דיא תורה ומצות: (יד) והי׳ זרעך כעפר הארץ גאט זאגט צו יעקב אונ דיינע קינדער וועלין זיין אזוי וויא דיא שטויב פון דיא ערד זאגט דער ילקוט מה עפר אינו מתברך אלא במים אזוי וויא דיא ערד ווערט נאר גיבענטשט אונ גימערט נאר דורך וואסער כך בניך אינם מתברכין אלא בזכות התורה שנמשלה למים אזוי דיינע קינדער ישראל וועלין נאר ווערין גיבענטשט פון וועגין זכות פון דיא תורה וואס זיא איז גיגלייכען צו וואסער אונ אויך אזוי וויא דיא ערד איז באזאמען גיקלעבט אזוי ווען דיינע קינדער וועלין זיין מיט אחדות ופרצת ימה וגו׳ דאמאלס וועסטו זיך שטארקען איין אלע [illegible] וועלט. וגברב

בך כל משפחת האדמה ובזרעך אונ דורך דיר אונ דורך דייגע קינדער וועט זיך אראפ ציען דיא השפעה צו אלע ברואים פון דיא ערד : (טו) והנה אנכי עמך וגו׳ והשבותיך וגו׳ אונ איך וועל דיך היטען ביז דוא וועסט ווידער קערין אהער אין גן עדן שלמעלה : (טז) ויקץ יעקב . ווען דער מענטש באקלערט דאס אונ טוט מצות אונ לערינט תורה באמאלם איז ער זוכה אז ווען ער שטארבט איז ער אויך וואכענדיג משנתו דורך זיין לערנין וואס ער האט גילערינט אזוי וויא דיא גמרא זאגט שפתותיו דובבות בקבר אז דער צדיק ווען ער שטארבט רעדין זיינע ליפען אין קבר אויך . ויאמר אכן יש ה׳ במקום הזה וגו׳ אונ אויף דער הנהגה זאגט מען אז מען דינט גאט נאר בעולם הזה אונ דעם שכר געסט מען בעולם הבא : (יז) וייראו ויאמר מה נורא המקום הזה אונ ווען יעקב האט זיך אויף געכאפט פון שלאף אונ האט זיך דער מאנט אין דעם חלום האט ער מורא געקריגען אונ האט גיזאגט דאס ארט איז זעהר פורכטיג אין זה כי אם בית אלהים וגו׳ עס איז געווים דער בית המקדש וזה שער השמים אונ דאס איז דער טויער פון הימעל דורך דעם טויער גייט ארויף דיא תפלות צו גאט אונ דורך דעם טויער גייט אראפ דיא השפעה פון גאט אליין נישט פון דיא שרי מעלה . אונ דאס איז דיא כוונה פון דעם סולם וואס עס האט איהם גיחלומת וואס עס שטייט אין פסוק (י״ב) דער בעל הטורים שרייבט אז דאס ווארט סלם באטרעפט הונדערט אונ דרייסיג . אונ דאס ווארט עני באטרעפט אויך הונדערט אונ דרייסיג . אונ דאס ווארט ממן באטרעפט אויך הונדערט אונ דרייסיג . איז דאס מרמז אזוי . והנה סלם ווען דער מענטש גיט צדקה צום ארומען מענטש מצב ארצה וואס דאס שטייט ביי איהם ווען ער שטארבט אין דאס גייט מיט מיט דעם מענטש אין קבר כלומר דער זכות פון דיא צדקה איז מיט איהם וראשו מגיע השמימה אבער זייגע גידאנקין זענין גרוים זייא גרייכען אין הימעל כלומר ער איז נאר דבוק אין גאט והנה מלאכי אלהים עולים אונ זייגע גידאנקין גייען ארויף וירדים בו איז ער זוכה אז דורך איהם גייט אראפ דיא השפעה פון גאט : (כא) ושבתי בשלום וגו׳ אונ יעקב זאגט אין ווען איך וועל צוריק קערין מיט פריד . זאגט רש״י שלום מן החטא איך זאל זיין גאנץ איך זאל נישט האבען קיין זינד שלא אלמד מדרכי לבן איך זאל מיר נישט אפ לערנין פון לבן צו טוהן שלעכטס . שרייבט דער מנחה בלולה . צו רש״י איז קשה אקשיא דיא גמרא זאגט ווען מען באלייט איין טויטען מענטש זאגט מען צו איהם לך בשלום גייא מיט פריד אונ ווען מען באלייט איין לעבעדיגען מענטש זאגט מען צו איהם לך לשלום גייא צו פריד . אין דעם טעם פון דעם איז אזוי . א מענטש נאך זיין טויט קען שוין נישט ווערין בעסער נאר וויא אזוי ער איז אין דיא לעצטע רגע ווען ער שטארבט אזוי גייט ער אוועק פון דיא וועלט . איבער דעם זאגט מען צו איהם לך בשלום גייא מיט דעם פריד וואס ביז אצונד . אונ אבער אלעבעדיגער מענטש בדארף אלע מאהל גיין גרעסער אונ גרעסער אין מעלות בדארף מען איהם זאגען לך לשלום גייא צו פריד אלע מאל מעהר . איז קשה צו רש״י פאר וואס האט יעקב גיזאגט ושבתי בשלום איך וועל צוריק קערין מיט פריד . ער האט דאך גידארפט צו זאגען ושבתי לשלום איך וועל צוריק קערין צו פריד . דס ענטפערט רש״י יעקב האט גיזאגט ושבתי בשלום איך וועל צוריק קערין מיט דעם אייגינעם פריד וויא איך בין אצונד כלומר ווען אויך חלילה איך וועל נישט קענין גיין העכער במעלה אבער לפחות זאל איך נישט ווערין ערגער וויא איך בין איך זאל מיך נישט אפ לערנין פון דיא מדות פון לבן : (כב) והאבן הזאת אשר שמתי מצבה דער רמז איז אזוי דער

יצה״ר ווערט גירופען אבן אזוי וויא דיא גמרא זאגט אם אבן הוא נמוח ווען דער יצה״ר איז ביי דעם מענטש שטארק אזוי וויא אשטיין פון דעסט וועגין ווען דער מענטש לערינט אבער תורה ווערט דער יצה״ר צו ריבען אונ ווערט בטל. דאס מיינט דער פסוק והאבן הזאת דער יצה״ר אשר שמתי מצבה וואס איך האב איהם גימאכט אז ער זאל שטיין ער זאל מיר נישט אנרעדין צו שלעכטס נאר אדרבה יהי׳ בית אלהים דער יצה״ר וועט מיר הייסען עסין אונ טרינקען פון וועגין מיין גוף זאל זיין איין געטליכעם הויז ער זאל האבען כח צו דינען גאט וכל אשר תתן לי עשר אעשרנו לך אונ אלס וואס דיא גאט וועסט מיר געבין וועל איך דאס דיר געבין מעשר. איז קשה גיט מען דען אוועק אין גאנצען אויף מעשר. מעשר איז דאך נאר איין צעהנטיל. וואס דען זאגט ער וכל אין אלס. נאר דער פשט איז אזוי ווארום עס שטייט אין פסוק (תהלים קי״ב ג׳) הון ועשר בביתו וצדקתו עמדת לעד זאגט דער אלשיך דעם פשט פון פסוק אזוי וויא דיא גמרא זאגט אויף דעם פסוק (ישעי׳ נ״ח ח׳) והלך לפניך צדקך עס וועט גיין פאר דיר דיין צדקה ווען דער מענטש שטארבט גייט פאר איהם דיא צדקה אונ איז אויף איהם מגין לעולם הבא ביים בית דין של מעלה. אונ דאס זאגט דער פסוק הון ועשר בביתו דאס רייכקייט פון מענטש בלייבט ביי איהם אין שטוב עס גייט נישט מיט איהם מיט אין קבר אבער וצדקתו עמדת לעד זיינע צדקות וואס ער טוט מיט דיא געלד שטייט איהם אויף אייביג דער זכות פון דעם. אונ דאס בלייבט זיין פאר מעג אויף אייביג. אונ דאס זאגט יעקב אויך וכל אשר תתן אונ אלס וואס דוא גאט טוסט געבין לי צו מיר. אונ וועלכעס איז דאס עס זאל הייסען מיין פאר מעג עשר אעשרנו לך דאס וואס איך גיב אוועק מעשר אונ צדקה דאס הייסט מיין פאר מעג:

**כט** (א) וישא יעקב רגליו דר באר משה שרייבט דעם רמז אזוי ווען דר מענש טראגט אוועק פון זיך זיינע שלעכטע גיוואנהייטין וילך ארצה אונ גייט מיט דעם פנים צו דיא ערד כלומר ער איז אענו. אונ נאך אטייטש איז דיא געלד ווערט גירופין רגל ווארום דאס שטעלט דעם מענטש אויף די פיס. איז דר רמז אזוי וישא יעקב רגליו ווען דר מענטש נעמט זיין געלד וילך ארצה אונ גייט מיט דעם געלד אונ גיט צדקה צו דיא ארימע לייט וואס זייער פנים איז גלייך צוא דיא ערד פון דחקות אונ אויך באמאלס איז דיא געלד ארצה כלומר דאס געלד פון דיא צדקה גייט מיט מיט דעם מענטש אין קבר. בני קדם די אבות אונ אויך דיא תלמידי חכמים וואס ער איז זייא מפרנס זענען זיינע מליצים אונ זייער זכות איז איהם מציל פון אלע עונשים: (ב) וירא אונ ער איז זוכה צו זעהן אין דיא סודות התורה והנה באר אונ דיא תורה קוועלט אין איהם אזוי וויא דיא וואסער אין אברונע בשדה אונ דאס פירט איהם נאך זיין טויט אין פעלד אריין פון גן עדן. אויך איז מרמז דאס ווארט בשדה אויף דעם גוף וואס דער מענטש דארף איהם אוים אקערין פון דיא שלעכטע מדות אונ איהם אוים ארבייטין ער זאל זיין ריין אונ עס זאל אין איהם וואקסין תבואה דאס איז מצות ומעשים טובים. אונ באמאלס איז ער זוכה צו זעהן אז זיין תורה מיט זיין גוף זענען אין גן עדן והנה שם שלשה עדרי צאן וגו׳ וואס דארט זענען אויך דיא דרייא אבות אברהם אונ יצחק אונ יעקב מיט אלע צדיקים כי מן הבאר ההוא ווארום פון דיא ברינע דאס מיינט מען דיא תורה הקדושה ישקו העדרים כלומר דורך דעם זכות פון דיא לומדי תורה טרונקין אלע ברואים די השפעה פון הימל והאבן גדולה על פי הבאר דר יצה״ר וואס ווערט גירופין אבן גדולה ער איז הארט אונ גרויס אזוי וויא אגרויסער שטיין אויף דעם מויל פון דעם מענטש וואס וויל לערנען תורה

(ג) ונאספו שמה כל העדרים אבר ווען עס זאמלין זיך אויף אלע מענטשין באזאמען עס איז ביא זייא שלום אונ זענען מיט אחדות אונ געמען זיך באזאמען צוא עבדות הבורא אונ צו לימוד התורה וגללו את האבן מעל פי הבאר דאמאלס קאלערין זייא אראפ דעם יצה״ר פון דעם מויל וואס וויל לערנען אונ זייא נעמען לערנען והשקו את הצאן אונ זייא ציהען מיט זייער כח דיא השפעה פון הימל אונ זענען מחיה אלע ברואים והשיבו את האבן על פי הבאר למקומה אונ זייא קערין נאך צוריק דעם יצה״ר דורך דיא תורה צו איהר ארט כלומר דער יצה״ר איז זייא נאך מסייע צוא לערנען ער הייסט זייא עסין אונ טרינקין צוא האבין כח צוא לערנען: (ז) ויאמר הן עוד היום גדול יעקב זאגט צוא דיא פאסטיכר דר טאג איז נאך גרויס לא עת האסף המקנה עס איז נאך ניט דיא צייט איין צו זאמלין די פיך השקו הצאן ולכו רעו טרינקט אן די שאף אונ גייט פאשין. איז דאך דיא קשיא יעקב איז אפרעמדר מענטש וואס הט ער זייא צו זאגין זיי זאלין נאך גיין פאשין דיא שאף. אונ אויך וואס זאגט ער צו זיי דר טאג איז נאך גרויס זייא אליין זעהן דען נישט דס זעלביגע וואס ער. אז דר טאג איז נאך גרויס. קען מען אזו ענטפערין פריער אין פרשה (כח פסוק א) שטייט ויפגע במקום אונ יעקב הט בגעגינט דס ארט וילן שם אונ הט דארט גינעכטיגט כי בא השמש ווארום די זין איז אונטר גיגאנגען. פרעגט רש״י עס וואלט גיקערט שטיין אין פסוק פריער ויבא השמש דיא זין איז אונטער גיגאנגען אונ דער נאך וילן שם הט ער דארט גינעכטיגט. נאר דר תירוץ איז כי בא השמש דס ווייזט אז די זין איז פלוצלונג אונטער גיגאנגען ניט אין דער צייט כדי יעקב זאל דארט נעכטיגין. מיט דעם איז שוין פאר ענטפערט וואס מיר האבין פריער גיפרעגט. ווארום דעם אנדערין טאג איז יעקב גיוועזן ביא דיא פאסטיכר. אונ אז דיא פאסטיכר האבין דעם נעכטיגין טאג גיזעהן אז דיא זין איז אונטר גיגאנגען פר די צייט האבין זייא גימיינט אז היינטיגין טאג וועט אויך די זין אונטער גיין פאר די צייט. איבר דעם האבין זיי זיך אויפגיזאמילט אן צו טרינקין די שאף אונ צו גיין אהיים איבר דעם זאגט צו זיי יעקב הן עוד היום גדול היינטיגער טאג וועט שוין זיין גרויס. היינט וועט שוין די זין ניט אונטר גיין פר די צייט. איבר דעם דארפט איהר נאך גיין פאשין: (לא) וירא ה׳ כי לאה וגו׳ אונ גאט זעהט אז לאה איז גיפיינט. איז דאך זעהר קשה צו זאגין אז יעקב זאל פיינד האבין זיין ווייב לאה. נאר דר צדיק וויא פול ער דינט צו גאט בארעכינט ער אז עס איז אלס ווייניג אונ הט זיך אליין פיינד פר וואס טוהט ער נישט מער אין עבדות השם. אונ לאה איז דאך גיוועזן אגרויסע צדקת איז זיא ביי זיך זעלבסט גיוועזן גיפיינד פר וואס זיא טוהט נישט מער אין צדקות:

ל (כג) ותהר ותלד בן אונ רחל איז גיווארין טראגין אונ הט גיוויגין אזין ותאמר אסף אלהים את חרפתי אונ זיא הט גיזאגט גאט הט אפ געטוען פון מיר מיין חרפה. פרעגט רש״י פון מדרש אגדה כל זמן שאין לאשה בן ווען דיא ווייב הט נאך נישט קיין קינד אין לה במי לתלות סרחונה הט זיא נישט אויף וועמען אן צו הענגען איהרע זינד משיש לה בן תולה בו אונ ווען זיא הט אקינד זאגט זיא אז דאס קינד האט דאס גיטאהן מי שבר כלי זה ווער הט צו בראכין די כלי בנך וגו׳ דיין זין. איז דאך נישט צו פרשטיין אז יעקב זאל מקפיד זיין אויף אכלי ווען עס ווערט צו בראכין. אז רחל זאל האבין פריער פון דעם חרפות אונ דר נאך זאל זיא זיך בדארפין אזו צו פרייען אונ דס צו זאגין. טייטשט דר ברכת אברהם אזו דר מענטש ווערט גירופין כלי. ווארום אזוי וויא אכלי געמט אריין אלס וואס מען לייגט אין איהר אריין אזוי אויך דער מענטש איז

מוכבר

מוכשר מקבל צו זיין אלס אין זיך אריין. אונ ווען דער מענטש איז נאך אין די יונגער איידר ער האט נאך חתונה האט ער צייט מקבל צו זיין אסאך תורה. אבער ווען ער הט שוין חתונה בארף ער עוסק זיין אין דיא פרנסה קען ער שוין נישט אזו פול עוסק זיין אין די תורה. אונ ווען עס גייט דעם מענטש אויף אין זיינע נידאנקען אונ הט חרטה וואי ער לערינט ניט פול תורה הט ער אתירוץ אז ווענין די ווייב הט ער נישט קיין צייט איז דאך דס צו די ווייב אחרפה. אבער ווען זיא הט קינדר קען זיא דאך זאגין צו איהר מאן צו דען נאר ווענין מיר ביסט דוא עוסק אין די פרנסה דו ביזט דאך עוסק ווענין ביינע קינדר. אונ דס הט רחל גימיינט: (כח) ויהי כאשר ילדה רחל את יוסף אונ ווען רחל הט גיבארין צו יוסף ויאמר יעקב אל לבן זאגט יעקב צו לבן שלחני ואלכה אל מקומי ולארצי שיק מיך אוועק אונ איך וועל גיין צו מיין ארט אונ צו מיין לאנד. שרייבט רשי משנולד שטנו של אחיו עשו וגו' ווען יוסף איז גיבארין גיווארין ווס ער איז דר געגינשטעהר פון זיין פאטערס ברודר עשו בטח יעקב בהקב"ה ורצה לשוב הט זיך יעקב פר זיכערט אין גאט אונ גיוואלט צוריק גיין צו זיין לאנד. זאגט דר מנחה בלולה פר ווס איז דוקא יוסף דר שטן פון עשו. פר ווס נישט איינר פון די איבריגע ברודר. נאר ווען מען האט גיפרעגט צו עשו פר ווס ווילסט דו טוען שלעכץ צו דיין איינגעם ברודר יעקב. הט ער גיענטפערט פר ווס האבין יעקבס קינדר שלעכטס גיטאן זייער איינגעם ברודר יוסף. איבר דעם האבין די איבריגע ברודר נישט גיקענט זיין דר שטן פון עשו. אבר יוסף הט דאך

נאך זיינע ברודר גוטס גיטאן. איבר דעם איז נאר ער גיוועזן דר שטן פון עשו:

לא (לו) ויחר ליעקב וירב בלבן ווען לבן הט נאך גיזאגט צו יעקב אונ הט איהם גיחאפט

אונ הט בייא יעקב גיזוכט אין אלע שטובין הט דס גיגרימט צו יעקב אונ הט זיך גיקריגט מיט לבן. זאגט דר פסוק זעהט נאר וויא די צדיקים זענען זיך נוהג. ווען איך יעקב איז גיווארין אין כעס פון דעסטוועגין ויען יעקב הט יעקב גיענטפערט ויאמר ללבן אונ הט גיזאגט צו לבן ווייבע רייד מה פשעי מה חטאתי כי דלקת אחרי ווס האב איך גיזינדיגט אזו ווס דו האסט נאך מיר גיאגט. דר אור פני משה טייטשט די פסוקים על פי רמז אזוי. דר יצר טוב ווערט גירופין יעקב ווארום יעקב איז טייטש דר סוף. אונ דר יצ"ט קומט צום מענטש ביי דעם סוף ווען דר יצה"ר איז שוין ביי דעם מענטשין דרייצין יאר. אונ דר יצה"ר הייסט לבן ווארום אלע שלעכטע זאכין ווס ער רעד אן דעם מענטש צו טוען. מאכט ער צום מענטש די זאכין גאנץ ווייס אונ ריין. ער איז איהם מורה היתר צו טוען די זאך אונ זאגט איהם נאך אז עס איז אמצוה צו טוען די זאך. אבער מיט דעם אמת נארט ער איהם דאך. ווענין דעם ווערט דר יצה"ר גירופין לבן הארמי דס איז דר פסוק מרמז ויחר ליעקב ווען דר מענטש ווערט אלט דרייצין יאר אונ דר יצ"ט קומט צום מענטש אונ זעהט אז דר מענטש איז שוין אין גאנצין מיט אלע זיינע אברים איבר גיענטפערט צום יצה"ר. גרימט דס זעהר צום יצ"ט וירב בלבן אונ קריגט זיך מיט דעם יצה"ר ויען יעקב ויאמר ללבן שרייט דער יצ"ט אונ זאגט צום יצה"ר ווענין דעם גוף מה פשעי וגו' ווס האסט דו יצה"ר פון מיינע זינד כי דלקת אחרי דס דו האסט נאך מיר גיאגט שוין דרייצין יאר אונ מיר אן גירער צו זינדיגין: (לז) כי מששת את כל כלי אונ האסט דורך גיטאפט אלע מיינע גלידער מה מצאת אונ וואס דו האסט גיפונען האסט דו גימאכט מכל כלי ביתך זיי זאלין נאר זיין דיינע, כלומר אלע כחות פון מענטש נעמסט דו צו טוען שלעכטע זאכין ווס וועסט דו שוין פון דעם האבין. נאר ווס עס איז שוין אווע גיגאנגען איז שוין פר פאלין. אבר פון אצונד אן אונ ווייטר בעט איך דיך

לאז

לאז שוין אפ פון אן צו רעדין דעם מענטש צו טוען שלעכץ. אדרבה שים כה טוה דא דיינע רייד נגד אחי ואחיך אנטקעגין סיינע גידאנקין מיט דיינע גידאנקין ווכיחו בין שנינו אונ זאלין בווערין צווישין אונז ביידע ווער עס האט רעכט. ווארום ווען דר מענטש גייט אין גוטין וועג איז דאך דעם מענטש זייער גוט ער נעמט פול שכר לעולם הבא. אונ די יצה״ר וועסט אויך האבין פאר דעם פול שכר אזו וויא דער משל פון בן הגביר מיט איין זונה וואס מיר האבין אין פרשה חיי שרה גישריבין פון זהר. אזו זאגט דער יצ״ט צום יצה״ר. אונ ווען דער מענטש הערט אז דער גידאנק פון יצ״ט זאגט דאס צום יצה״ר. רופט זיך אן דער מענטש אויך אונ זאגט צום יצה״ר:
(לח) זה דאס דאזיגע וואס דוא האסט מיר גיקענט אנרעדין איך זאל דיר הערין אין טוהן שלעכטס. דאס איז וועגען דעם וואס דיא האסט מיר גיזאגט עשרים שנה אנכי היום אז צוואנציג יאהר בין איך יצה״ר מיט דיר. איך וועל דיר גוט שטעהן אז מען וועט דיר פאר דיא צוואנציג יאהר נישט שטראפען אזוי וויא דיא גמרא זאגט אז בית דין של מעלה שטראפט נישט דעם מענטש ביז צוואנציג יאהר. אזוי האסטו יצה״ר מיר גיזאגט. אונ וועגען דעם רחליך ועזיך דיינע אנרעדינג וועלכע זענין זעהר פיל אזוי וויא דיא שאף אונ דיא ציגען לא שכלו האבען נישט פאר ווארפען נאר זייא האבען גימאכט גיבוירען אונ מיר שלעכטע גבירד. אונ צום יצ״ט זאגט דער מענטש ואילי צאנך לא אכלתי דער יצה״ר האט אין מיר אזוי פיל גיווערקט אז דיא מצות וואס זייא שטארקען. אונ זייא מאכען דעם מענטש רייך לעולם הבא האב איך נית גיטוען:
(לט) טרפה לא הבאתי עליך איך האב גאר קיין איינמאהל נישט גיוואלט עטוואס ראפען. אמצוה אבער אביסעל תורה אונ צו ברענגין צו דיר. אנבי אחטנה איך האב גאר גיטוען זינדיגען. אונ איך קען דאס נישט אפ לייקינען ווארום מידי פון מיין אונטער שריפט וואס מיין האנד שרייבט אונטער אלע נאכט אויף דיא עבירות וואס איך טוה באטאג תבקשנו קאנסטו זוכען אונ זעהן דיא עבירות. אונ הלואי גנבתי יום וגנבתי לילה וואלט איך גיוועזין זיך אוועק גיגאנבעט פון יצה״ר באטאג אונ בנאכט צו לערנין תורה: (מ) הייתי ביום אכלני חרב הלואי וואלט איך בעסער גיוועזען אין מיין לעבען דער היצט זיך מיט דעם לערנין דיא תורה וואלט גיוועזן וקרח בלילה אז איך וועל שטארבען וועט פאר מיר זיין קיהל אין גהינם. איבער דעם בעט איך דיר יצ״ט זייא מיר צו הילף ותדד שנתי מעיני אונ לאז מיר נית שלאפען נאר איך זאל טאג אונ נאכט לערנין תורה:

# פרשת וישלח

לב (ד) וישלח יעקב מלאכים וגו׳ שרייבט רש״י מלאכים ממש. יעקב האט געשיקט צו זיין ברודער עשו רעכטע מלאכים: (ה) ויצו אתם לאמר וגו׳ אונ האט זייא באפוילען זייא זאלין זאגען צו עשו כה אמר עבדך יעקב אזוי זאגט דיין קנעכט יעקב עם לבן גרתי וגו׳ שרייבט רש״י דאס ווארט גרתי באטרעפט זעקס הונדערט מיט דרייצען. זאלט איהר זאגען צו עשו אז איך האב גהיט דיא תריג מצות. איז דיא מיינונג פון רש״י אזוי. יעקב האט געשיקט רעכטע מלאכים איז דאך דיא קשיא וויא האט עם יעקב גינומען רעכטע מלאכים. אויף דעם פירט ער אוים איך האב געהיט דיא זעקס הונדערט מיט דרייצען מצות אונ פון יעדער מצוה ווערט דאך באשאפען

אמלאך

עס'אך און אז איך האב געהיט אלע תרי"ג מצות האב איך זעקס הונדערט מיט דרייצען מלאכים צו שיקען : דער אבק סופרים טייטשט . ויצו אתם לאמר און יעקב האט די מלאכים באפוילען צו זאגען וואס עם שטייט ווייטער . ווען יעקב האט גיזעהן אז פון הימעל דער וועקט זיך אויף איהם עשו מיט פיר הונדערט מאן האט ער געוויסט אז עס איז א גרויסער קטרוג אויף איהם בעולם העליון איבער דעם האט ער בדארפט שיקען שלוחים וואס זאלין אויף איהם מליץ זיין פאר דעם בית דין שלמעלה . און אויך זאלין זייא גיין צו עשו . איבער דעם האט ער געשיקט רעכטע מלאכים זאלין קענין גיין צום בית דין שלמעלה און זאלין זיך אנטוען מיט אלבוש גשמי צו גיין צו עשו . דאס זאגט יעקב צו זייא . כה תאמרון לאדני . אזוי זאלט איהר זאגען צו מיין גאט און לעשו דאס זעלביגע לשון זאלט איהר זאגען צו עשו . כה אמר עבדך יעקב אזוי זאגט דיין קנעכט יעקב עם לבן גרתי ואחר עד עתה . איז צו גאט די כוונה פון דעם ווען אויך איך האב זיך ביז אצונד פאר זאמט ביי לבן הרשע פון דעסט וועגען האב איך געהיט די תרי"ג מצות . און צו עשו איז די כוונה איך בין ניט גיווארען קיין שר וחשוב . און דאס מיינט אויך רש"י . און אזוי וויא די גמרא זאגט אויף דעם פסוק (נחמי' ב' ה') ואמר למלך אם על המלך טוב . אז נחמי' האט דאס גיזאגט צום מלך ארתחשסתא אויב ביים מלך איז גוט . און זיין כוונה איז גאר גיוועזען צוא גאט וואס ער איז דער מלך : (ח) ויירא יעקב מאד און יעקב האט זייער מורא גיקריגען ויצר לו איז איהם גיווארען זייער שלעכט אויף דעם וואס ער האט מורא . ווארום דער צדיק בדארף ניט פאר קיין מענטש מורא האבען נאר ער בדארף האבען בטחון אין גאט . און ווען איך האב מורא איז דאך מיין בטחון נישט אזוי שטארק וויא עס בדארף זיין . און איבער דעם בין איך ניט ראוי עס זאל צו מיר ווערין גיטוהן נסים . דרום ויחץ וגו' האט ער זיך מכין גיוועזען על פי הטבע צו שיקען צו עשו אמתנה . און ווען דאס וועט ניט העלפין זאל ער מיט איהם האלטען מלחמה : (י) ויאמר יעקב און יעקב זאגט אלהי אבי אברהם וגו' באמת בדארף איך פאר עשו נישט קיין מורא האבען איינמאהל . ווארום איך האב בדארפט צו האבען בטחון אויף דעם זכות פון מיינע אבות אברהם און יצחק . און צווייטענס ה' האמר אלי וגו' איך האב גידארפט האבען בטחון על ה' האמר אלי שוב לארצך גאט אליין האט צו מיר גיזאגט גייא צוריק צו דיין לאנד ולמולדתך און צו דיין פאמיליע ואיטיבה עמך איך וועל טוהן גוטס מיט דיר : (יא) קטנתי מכל החסדים ומכל האמת איך האב גאר מורא פאר איין זאך . ווארום ווען דער מענטש איז זוכה טוט מיט איהם גאט חסדים אויף גידעקטע אלע זאכען . און ווען דער מענטש איז ניט אזוי פיל זוכה טוט מיט איהם גאט די חסדים צו גידעקט קיינער דער קענט ניט . דאס זאגט יעקב קטנתי איך זעה אז איך בין קליין איך בין נאך נישט קיין גרויסער צדיק . פון וואס זעה איך דאס . מכל החסדים אשר עשית את עבדך פון די חסדים וואס די האסט גיטוהן מיט מיר כלומר און קיין אנדערער מענטש האט נישט דער קענט די חסדים . מן הסתם בין איך נאך צו דעם ניט ראוי . און אויך כי במקלי עברתי את הירדן הזה . ווען איך בין גיוועזען יונגער בין איך מיט מיין שטעקין איבער גינאנגען דעם ירדן און האב גאר קיין מורא ניהאט . ועתה און אצונד אז איך בין שוין אויף די עלטער דארף איך דאך האבען מעהר בטחון אין גאט צום סוף הייתי לשני מחנות האב איך מיר גאר אנגיגרייט צו א מלחמה און איך האב ניט קיין בטחון בין איך דאך עפים נישט ראוי צו נסים איבער דעם בעט איך

דיך

דיר : (יב) הצילני נא וגו׳ זייא מיר מציל פון עשו : דער אור פני משה טייטש דיא פסוקים עפ״י רמז אזוי (יא) קטנתי וגו׳ דער פסוק איז מתרה צום מענטשין ער זאל געבין צדקה. אונ ווען דער מענטש זאגט קטנתי מכל החסדים ומכל האמת איך בין קליין אין מיין פאר מעג צו טוהן גמילות חסדים אונ צדקה. וייל איך בדארף האבען צו שפייזען מיין ווייב אונ קינדער אשר עשית את עבדך וואס דוא גאט האסט מיר גיגעבען כי במקלי אז איך בין גיוועזען אליין נאר מיט מיין ווייב. דיא הוצאה איז נאך נישט גיוועזען אזוי גרויס עברתי את הירדן הזה האב איך גיגעבען אסאך צדקה. ועתה אבער אצונד הייתי לשני מחנות איך האב עטליכע קינדער קען איך שוין ניט געבען קיין צדקה. זאגט דער פסוק דוא נארישער מענטש. דוא מיינסט אז דיא געלד וואס דוא דארפסט געבען צדקה אונ דיא גיבסט נישט וועט דאס בלייבען ביי דיר. ניין. עס וועט קומען צו דיר אזעלכע מענטשין וואס וועלין ביי דיר מיט כח צו נעמין דאס געלד (אזוי וויא אין דיא גמרא שטייט בני אחתי׳ דרבן יוחנן בן זכאי וגו׳ דיא קינדער פון ר׳ יוחנן בן זכאים שוועסטער האט ר׳ יוחנן גיזעהן אין חלום אז זייא דארפען דאס יאהר היזק האבען זיבען הונדערט גילדען. האט ער ביי זייא אלע מאל מיט תקיפות גינומען צדקה. אונ ביים סוף יאהר איז ביי זייא איבער גיבליבען. זיבעצן גילדען וואס זייא האבען עס נאך ניט אוועק גיגעבען אויף צדקה. וויא עס איז גיקומען ערב יום כיפור האט דער מלך געשיקט אונ האט ביי זייא אוועק גינומען זיבעצן גילדען האט ר׳ יוחנן צו זייא גיזאגט. האט קיין מורא ניט מען וועט שוין מעהר ביי אייך ניט נעמען. דען איך האב אויף אייך גיזעהן אין חלום דאס איהר דארפט האבען דאס יאהר היזק זיבען הונדערט גילדען. האב איך ביי אייך אלע מאהל גינומען אויף צדקה בערך דיא געלד. נאר זיבעצן גילדען איז נאך איבער גיבליבען ביי אייך האט דאס דער מלך ביי אייך אוועק גינומען אזוי וויא אין פסוק שטייט ולב מלכים ביד ה׳ דאס הארץ פון דיא מלכים בלומר דיא גזירות וואס זייא זענין גוזר איז פון וועגען עס זאל ווערין געטוהן גאטס ווילען. האבען זייא גיזאגט צו ר׳ יוחנן ווארום האסטו דאס אונז ניט גיזאגט וואלטען מיר דיא זיבעצן גילדען אויך גיגעבען אויף צדקה האט ער צו זייא גיזאגט איך האב גיטראכט ווען איך וועל דאס אייך זאגען וועט איהר דיא מצוה ניט טוהן לשם שמים) אונ ווען דער מענטש גיבט ניט קיין צדקה. אונ דיא שלעכטע מענטשין קומען צו איהם אונ נעמין ביי איהם געלד מיט כח האט נאך דער מענטש מורא טאמער וועלין זייא נאך איהם הרגענין. וועט ער נאך מוזען בעטין צו גאט אונ זאגען : (יב) הצילני וגו׳ זייא מיך מציל פון דיא שלעכטע מענטשין פן יבא והכני וגו׳ טאמער וועט ער מיך מיט דיא מוטער פון דיא קינדער ערשלאגען. אין דער סוף איז : (יג) וילן שם בלילה ההוא עס ווערט איהם פינסטער אין דיא אויגען ויקח אונ מוז נעמין מן הבא בידו דעם זעלביגען צאל געלד וואס ער האט בדארפט צו געבין אין האנד פון עני אונ מוז דאס געבין מנחה לעשו אחיו צו דיא שלעכטע מענטשין. נמצא איז דאך גלייבער אז יען מען קומט צו אמענטש ביי איהם נעמין צדקה זאל ער תיכף געבען וועט ער ניצל ווערין פון אלעם שלעכטס אמן : נאך אטייטש קען מען זאגען אין פסוק (י״ב י״ג) הצילני וגו׳ דער מענטש בדארף תמיד בעטין צו גאט אין זאגען הצילני נא איך בעט דיך גאט זייא מיך מציל מיד אחי פון דיא האנד פון יצר הרע וואס רעדט מיר איין אז ער איז מיר גיטרייא אזוי וויא אברודער. אבער אין אמת מיד עשו ער מיינט נאר מיר שלעכטס צו טוהן. כי ירא אנכי אתו איך האב פאר איהם מורא פן

יבא והכני ער וועט קומען אונ וועט מיר צו שלאגען אם על בנים דיא תורה מיט דיא
מצות. ער וועט מיך אפ רעדין פון צו לערנין תורה אונ טוהן מצות: (יד) ואתה
אמרת אונ דיא גאט האסט גיזאגט היטב ווען דוא מענטש וועסט זעהן צו ווערין גיט
איטיב עמך וועל איך גאט דיר זיין צו הילף אונ דיר מסייע זיין צו ווערין גוט ושמתי
את זרעך וגו׳ אונ וועל מאכען דיא זאלסט טוהן מצות זייער אסאך. איבער דעם
בעט איך דיך גאט זייא מיך פון איהם מציל אונ זייא מיר צו הילף איך זאל איהם
מנצח זיין אמן: (יח) ויצו וגו׳ עקביא דער זון פון מהללאל זאגט (אין פרק אבות)
הסתכל בשלשה דברים ואין אתה בא לידי עבירה דיא מענטש זעה אונ באקקער תמיד
דיא דריי זאכען וועסטו ניט טוהן קיין עבירה. דיא ערשטע זאך איז מאין באת. פון
וואנעט קומסטו. מטפה סרוחה פון דיא פאר שטינקענע טראפען זרע. דיא אנדערע
זאך איז ולאן אתה הולך אונ וויא אהין גייסטו. למקום עפר רמה ותולעה אין אזוי
איין ארט וואס עס וועט ווערין פון דיר ווערים. אונ דיא דריטע זאך איז ולפני מי
אתה עתיד ליתן אונ פאר וועמין וועסטו דארפען אפ געבען דין וחשבון. לפני פאר
דעם מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא. אונ אובען האבען מיר שוין פיל מאהל
געשריבען פון ספרי מקובלים אז דער מענטש ווערט דריי מאהל מגולגל אויף דיא
וועלט. דאס איז דער פסוק מרמז ויצו אונ יעקב דאס איז דער יצר טוב באפעלט את
הראשון דעם ערשטין גלגול לאמר אונ זאגט איהם כי יפגשך עשו אחי אז עס וועט
דיר באגעגינען דער יצר הרע ושאלך אונ וועט דיר עפים פרעגין פון זיינע שאלות.
לאמר זאלסטו תיכף זאגין צו דיר אליין למי אתה צו וועמען גיהערסטו כלומר פון וועמין
אונ פון וואס קומסטו ארוים. (פון אטיפה סרוחה.) ואנה תלך אונ וויא אהין גייסטו ווען
דוא וועסט שטארבען (למקום עפר רמה ותולעה. צו איין ארט פון ווערים) ולמי אלה לפניך
אונ צו וועמין וועסטו דארפען אפ געבין דין וחשבון אויף דיא אלע זאכען וואס פאר דיר
איז. אונ אז דוא מענטש וועסט דאס אלס בקלערין וועסטו שוין געוויס ניט הערין דעם יצה״ר:
(יט) ואמרת אונ אויך זאלסט דוא זאגין צום יצה״ר לעבדך אז ער אליין בדארף זעהן דיר
צו מאכין ווארום אין די תורה שטייט ניט קיין נקודות קען דס מאכין לעבדך דר ע׳ מיט
אקמץ ליעקב אז די מענטש זאלסט נאר הערין צום יצ״ט ווארום דאמאלס וועט זיין מנחה
הוא שלוחה לאדוני לעשו צו דיר יצה״ר גישיקט גישאנקין דו יצה״ר וועסט אויך האבין
פול שבר אזו וויא אויבין ווערט גיברענגט פון זהר דר משל פון בן הגביר מיט אזונה.
זאגט דר יצ״ט והנה אז דו מענטש וועסט זיך אזו ברעכינען גם הוא אחרינו איז דער
השי״ת אויך דא צו הילף אזו ווי די גמרא זאגט הבא לטהר מסייעין אותו ווען דר מענטש
קומט צו טוען תשובה אונ צו גיין אין גוטין וועג העלפט איהם גאט: (כ) ויצו גם את השני
אונ דר יצ״ט בפעלט דם אויך דעם אנדרן גלגול גם את השלישי אונ אויך דעם דריטין
גלגול אונ ניט דווקא צו די גרויסע צדיקים זאגט דס דר יצ״ט נאר גם את כל ההולכים
אחרי העדרים אפילו צו די פראסטע מענטשין לאמר זאגט דער יצ״ט צו זייא כדבר הזה
תדברון אל עשו במוצאכם אותו ווען דר יצה״ר וועט אייך אנטרעפין זאלט איהר איהם
זאגין דס וום פריער שטייט וועט ער פון אייך אוועק גיין: (כב) ותעבר המנחה וגו׳ אין
(תהלים פה יד) שטייט צדק לפניו יהלך דער מענטש איידר ער גייט אין וועג פון עולם
האמת. ווען ער לעבט נאך זאל ער טוען צדקה וישם לדרך פעמיו וועט ער אריין טרעטין
גלייך אין וועג פון גן עדן ווען ער וועט שטארבין. דס איז דא דר פסוק אויך מרמז ותעבר
המנחה על פניו ווען דר מענטש גיבט צדקה ווען ער לעבט. דאמאלס והוא לן נעכטיגט

דער

דר מענטש בלילה ההוא אין די בקאנטע נאכט דס מיינט מע ווען ער שטארבט במחנה
אין די מחנה פון די צדיקים אין גן עדן: נאך וועגן די פסוקים מרמז (כב) ותעבור
המנחה על פניו אז די מענטשן זעלין טוען צדקה אונ והוא דר השי"ת לן בלילה ההוא
האלט זיך אויף אין גלות וואס עס הייסט לילה פינסטער וויא נאכט במחנה מיט די ישראל
אבר אין זכות פון צדקה וועט זיין: (כג) ויקם בלילה וועט אויף שטיין אין גלות הוא
דר השי"ת ויקח את שתי נשיו וגו' אונ וועט ארויס נעמען פון גלות זייגע צוויי ווייבער הן
די עשרת השבטים הן שבט יהודה ובנימין: (כד) ויקחם אונ וועט זיי נעמען ויעברם את
הנחל אונ וועט זיי אריבער פירין איבר דעם טייך דס מיינט מען דעם פינצטערין גלות
וואס פון די טרערין ווערט פולע טייכין ויעבר וועמען וועט ער אריבער פירין את אשר לו
די דאזיגע וואס האבין איהם גיהערט אונ האבין גטוען תשובה: (כה) ויותר יעקב לבדו אונ
דאמאלס ווען מען וועט ווערין אויס גילייזט וועט בלייבין דר יצ"ט אליין. אונ דס וואס
ויאבק איש עמו דר יצה"ר הט מיט דעם מענטש מלחמה גיהאלטין איז נאר עד עלות
השחר איידר עס וועט אויף גיין דר מארגין פון די גאולה. אבר דר נאך וועט דר יצה"ר
גישאכטין ווערין נמצא דארף מען זעהן צו טוען פול צדקה אונ צו טוען מעשים טובים
וועט זיך השי"ת מרחם זיין אונ וועט שיקין די גאולה שלימה במהרה בימינו אמן. אונ
על פי פשט טייטשט דר כנפי נשרים אזו ויותר יעקב לבדו אונ יעקב נאך
דעם ווען ער הט שוין אריבער גיפירט איבר דעם טייך אלץ וואס עס איז צו איהם. איז
ער צוריק גיגאנגען אויף דר זייט טייך אליין. זאגט די גמרא (חולין צא) ער האט פאר
געסין קליינע קריגליך איז ער פון וועגין זיי צוריק גיגאנגען זיי נעמען. אונ וויל ער הט
זיך גימאכט אזו שפל אז אין אמקום סכנה אונ בייא נאכט זאל ער צוריק גיין פון וועגין
אזו אקליניקייט. אונ איבר דעם איז איהם גיבליבין נאר דר נאמן יעקב וואס דס ווייזט
אויף אנידריגע מדרגה איבר דעם ויאבק איש עמו וגו' האט זיך מיט איהם גירא(נ)גילט
דר שר פון עשו: (כו) וירא כי לא יכול לו הט דער שר פון עשו גיזעהן אז זיין זכות
איז נאך אבער גרויס אונ קען איהם אליין ניט בייא קומען ויגע בכף ירכו האט ער אן
גערירט אין באל פון זיין זייט כלומר ער הט באקלערט אויף יעקבס קינדס קינדר וואס
זייא וועלין זינדיגין. זיי וועט ער קענען בייא קומען אונ דיא דורות פון חורבן אונ היינט
אין גלות: (כח) ויאמר אליו מה שמך זאגט דר מלאך צו יעקב מיט וואס פר א נאמען כלומר
מיט וואס פר א זכות האסט דו מיך מנצח גיוועזן ויאמר הט יעקב גיענטפערט איך פיל ניט
אין מיר קיין שום מעלה נאר וואס איך הייס יעקב. וואורום די גרויסע צדיקים האלטין זיך
תמיד מיט פול ענוות: (כט) ויאמר לא יעקב יאמר עוד שמך זאגט אבר דר שר צוא
יעקב איך האב אין אנהייב גימיינט אז דו האסט מיין ניט נאר דעם נאמען יעקב וואס
דאס איז ניט קיין גרויסע מדרגה. דרום האב איך גיוואלט מיט דיר טשעפין. [אזוי וויא
עס שטייט אין פסוק כה] אבער אצונד אז דוא האסט מיך מנצח גיוועזן זעה איך אז דוא
ביזט אין א גרויסע מדרגה דרום לא יעקב וגו' זאל דיין נאמען נישט ווערין גירופין יעקב
אקליינע מדרגה כי אם ישראל נאר דו וועסט גירופין ווערין ישראל כי שרית עם אלהים
וגו' וואורום דו האסט מיך מנצח גיוועזן ביזט דו אויף מיר מלאך גיווארין אשר איבר דעם
וועט זיין דיין נאמען ישראל דס ווארט ישראל מאכט ישר הערשען אל איבר א מלאך.
אונ נאך קען מען זאגין ויאמר דר מלאך זאגט צו יעקב לא יעקב יאמר עוד שמך דיין
נאמען זאל ניט ווערין גרופין יעקב כי אם ישראל וגו' נייערט ישראל. איז דאך די קשיא
עס שטייט נאך פיל מאל אין פסוק דר נאך אויך יעקב. נאר דר מדרש זאגט אויף דעם

אתירוץ אזו תנו רבנן די רבנן האבין גילערינט לא שיעקר שם יעקב נישט עס זאל גאר
ווערין דער מאנט דר נאמן יעקב אלא ישראל יהיה עיקר ויעקב טפלה דר עיקר נאמען
זאל זיין ישראל אונ דר נאמן יעקב איז נאר אטפל. ר׳ זכריה אומר וגו׳ ר׳ זכריא זאגט
יעקב עיקר וישראל מוסיף עליו דר נאמן יעקב איז דר עיקר אונ צו דעם נאמען יעקב
קומט צו דר נאמען ישראל אויך. אזוי שטייט אין מדרש קען מען זאגין אז די צוויי דיעות
איז אלם איינם. וואורום עס שטייט אין פסוק (תולדת כז לו) ווען יעקב האט צו גנומען
די ברכות פון זיין פאטער יצחק ויאמר האט עשו גיזאגט הכי קרא שמו יעקב אויב וועגין
דעם האט מען גירופין זיין נאמען יעקב ויעקבני זה פעמים וגו׳ דם ער האט מיר שוין צוויי
מאל גינארט איין מאל מיט די בכורה אונ אצונד מיט דיא ברכות. גפונען מיר דא אז
יעקב איז טייטש נארען אונ שווינדלען. אונ דאס וארט ישראל איז צוייא ווערטער ישר
רעכט פארטיגקייט אל גאט. נמצא ווען דר מענטש פירט זיך אויף די וועלט מיט פאלשקייט
מיט שווינדיל ווערט ער גירופין מיט דעם נאמען יעקב. אונ ווען ער טוהט אבער אלס
רעכטיגקייטין ווערט ער גירופין מיט דעם נאמען ישראל. דם זאגט די ערשטע דעה אין
מדרש אז ישראל איז דער עיקר. כלומר דר עיקר פון מענטש איז נאר ער זאל זעהן
קיינעם נישט צו נארין אונ נישט צו שווינדלין מיט אפאלשע מאם מיט אפאלשע וואג.
נאר מיט אלע מענטשין זיך צו פירין מיט רעכטיגקייט דם ער זאל ווערין גירופין מיט
דעם נאמען ישראל ויעקב טפלה לו אונ דאס וום דער יצה״ר רעד איהם אן אז ער זאל
ווערין גירופין יעקב דם איז ער זאל דעם אנדרן נארין אונ שווינדלין דם זאל זיין ביי דעם
מענטש אטפל איין נישטיקייט ער זאל זיך אויף דעם גאר נישט אומקוקין. ער זאל דעם
יצה״ר גאר נישט אן הייבין צו הערין. אונ די אנדערע דעה זאגט יעקב עיקר דר עיקר
פון מענטש דם מיינט מען דר אנהייב פון מענטש איז טאקע יעקב. דר יצה״ר רעד איהם
טאקע אן צו שווינדלען. אבער וישראל מוסיף עליו דער מענטש דארף זיך נישט לאזין.
נאר ער דארף זעהן צו טוען גירעכטיגקייט אונ צו טוען פול מצות דאס ער זאל ווערין
גירופין מיט דעם נאמען ישראל. אונ דם קען מען זאגין די כוונה אין די גמרא (תענית ה)
יעקב אבינו לא מת יעקב איז נישט נישטארבין. אונ דאס וואס עס שטייט אין פסוק
(ויחי נ ב) ויחנטו הרופאים דיא דאקטורים האבין גיבאלזימירט שטייט נאר את ישראל
אונ עס שטייט נית יעקב. איז די כוונה אזו יעקב דר נאמען יעקב וום דאס ווייזט דיא
מענטשין נארען אונ שווינדלין איינר דעם אנדערין. דם איז נישט אפ גישטארבין נאר עם
לעבט נאך ביי אלע מענטשין. אבער דר נאמען ישראל וום דם ווייזט אויף דיא גוטע
פיהרונג אין גאטס וועגין דאס איז היינטיגע צייטין בעונותינו הרבים אין גאנצין אפ
גישטארבין: (ל) וישאל יעקב ויאמר פרעגט יעקב צום מלאך אונ זאגט הגידה נא שמך
זאג מיר דיין נאמען. שרייבט דער שפתי דעת וואורום דיא מלאכים האבין נישט קיין
שטענדיגע נעמען נאר אויף וום פר אזאך זיי ווערין גישיקט אזוי אנאמען האבין זייא.
האט יעקב גיוואלט וויסין צו דר מלאך איז נאר וועגין איהם גישיקט גיווארין. צו דער
מלאך איז גיקומן במקרה. אונ דם קען ער וויסין פון דעם נאמען פון מלאך ויאמר זאגט
דר מלאך למה זה תשאל לשמי וועגין וואס פרעגסט דוא אויף מיין נאמען אז איך וואלט
גקומן צו טוען אנייע זאך וואלט מען מיר גירופין אנייעם נאמען איך בין נאר גאר גקומן
צו שטארקין די ברכות האב איך גיט קיין נייעם נאמען ויברך אותו שם אונ דר מלאך האט
מסכים גיוועין אויף דיא ברכות: (לא) ויקרא יעקב דער אור פני משה שרייבט דעם רמז
אזו דער עיקר כוונה פון די תפלה פון מענטש דארף נאר זיין פון וועגין גלות השכינה.
דם

דם זאגט דר פסוק ויקרא יעקב דר צדיק רופט נאר צו גאט אין זיין תפלה שם המקום פון וועגן דעם אז אין דעם ארט פון בית המקדש זאל זיין פני אל די השגחה פון גאט. אונ ווען קען דער מענטש צוא קומן צו דיא מעלה כי ראיתי אלהים פנים אל פנים דער מענטש זאל זיך תמיד באקלערן אז גאט שטייט איהם אנטקעגן זיין פנים אזו וויא עם שטייט אין פסוק שויתי ה' לנגדי תמיד איך מאך ביי מיר אין די גידאנקן אז גאט שטייט מיר אנטקעגן כי מימיני דאמאלס איז גאט ביי מיר אין די רעכטע זייט בל אמוט דם איך זאל ניט אפ נייגן פון רעכטן וועג ותנצל נפשי אונ איך בארעכן דם ווערט ניצול מיין נשמה פון דעם יצה״ר. נאך איז ארמו יעקב מיינט מען דעם יצ״ט. איז די כוונה אזו ויקרא יעקב דר יצ״ט רופט דעם מענטש ער זאל נאר גיין שם המקום פני־אל אין בית המדרש אריין וואס דארט איז גאט כי ראיתי אלהים פנים אל פנים ווארום דר מענטש איז שוין איין מאל גיוועזן אויף די וועלט אונ איז שוין גישטארבן ותנצל נפשי אונ דוא ביזט נאך אמאל מגולגל גיווארן אויף די וועלט צו מתקן זיין וואס דו האסט פריער מקלקל גיוועזן איבר דעם דארפסטו אצונד זעהן צו לערנען פיל תורה אונ צו טוען פיל מצות זאלסט מציל זיין די נשמה: (לב) ויזרח לו השמש וגו' דר כנפי נשרים שרייבט דיא כוונה אזו פון זיינעט וועגן הט נאך די זון גישיינט כלומר ער זאל בלייבן אצדיק בשלמות. אבר והוא צולע על ירכו אונ ער הט גיהונקן אויף זיין זייט כלומר ער הט קאליע גימאכט אויף זיינע קינדר. אויף זיינע קינדר וועט דער שר פון עשו יוא האבן שליטה אונ כח. אונ וועט חרוב מאכן דעם בית המקדש: (לג) על כן וגו' דער מנחה בלולה טייטשט דריבר ווייל דר שר הט גורם גיוועזן אז די קינדר פון יעקב זאלין זינדיגן אונ איבר דעם הט ער דער נאך גיהאט שליטה אויף זיי אונ הט חרוב גימאכט דעם בית המקדש לא יאכלו בני ישראל דריבר זאלין די ישראל פאסטין די פיר תעניתים. את [די תיו מאכט תשעה אונ די א מאכט אב] דם מיינט מען תשעה באב. גיד [די ג מיינט מען אויף ג תשרי אונ די י מיינט מען י בטבת אונ באזאמען די דרייא אותיות ג י ד בטרעפט זיבצין מיינט מען י״ז בתמוז] דם מיינט מען צום גדליה אונ עשרה בטבת אונ שבעה עשר בתמוז. הנשה וגו' [איז די אותיות פון השנה] כלומר אין די טעג פון יאר דארף מען נישט עסן:

לג (א) וישא יעקב עיניו אונ יעקב הייבט אויף זיינע אויגין וירא אונ קוקט מיט שכל

והנה עשו בא וגו' אז דר שר פון עשו קומט אויף איהם. אונ פריער הט יעקב גיזעהן אז דר שר וועט האבן שליטה אויף זיינע קינדר ויחץ את הילדים על לאה ועל רחל ועל שתי השפחות דרום הט ער זיינע קינדר צו טיילט אונ גישטעלט זיי גענבן זייער מוטער. דם זיי זאלין נישט אפ טרעטין פון זייערע גוטע מדות. אונ אזו וויא עם שטייט אין משלי ואל תטוש תורת אמך זאלסט נישט אפ לאזין דם לערנונג פון דיין מוטער: (ח) ויאמר וגו' דער מלבי״ם זאגט דר סדר איז אז מען שיקט אמתנה צו אשר איז אזו ווען דר מענטש הט עפעם גיזינדיגט אקעגין דעם שר קומט נישט דר מענטש זעלבסט מיט די מתנה נאר ער שיקט דם דורך א שליח. אונ ווען דער שר איז איהם מוחל דאמאלס ווערט צו איהם גיגעבין רשות ער זאל זיך ווייזין צום שר. אונ אויף דעם אופן בדארף זיין די מתנה אגרויסע מתנה. אבר ביי דעם שר זאל דם זיין גרוים עם זאל ווערט זיין פול געלד. היינו ווען דר זינדיגר איז אעושר בדארף ער שיקן אריכע מתנה דעם שר איבר צו בעטן. אבר ביי דעם מענטש וואס ער שיקט די מתנה זאל זיא זיין גרוים. היינו ווען ער איז אעני אונ גיט אוועק זיין גאנץ פרמעג. הגם בייא דעם שר איז דאס גיט חשוב וועט אבער דער שר אויף איהם זיך מרחם זיין ווייל ער זעהט אז ער גיט איהם

אוועק

אוועק זיין גאנץ פרמעג. דס זאגט עשו צו יעקב מי לך כל המחנה וגו' וואס איז דיין כוונה פון דעם שיקן די מתנה. ויאמר זאגט יעקב למצא חן בעיני אדוני איך האב דם גישיקט צו דיר צו גיפונען ביי דיר חן דו זאלסט מיר מוחל זיין אויף דעם חטא וס איך האב חוטא גיוועזן צו דיר: (ט) ויאמר עשו זאגט עשו אויב דו מיינסט אז די מתנה איז ביי מיר גרוים אונ חשוב האסט דוא אטעות כי יש לי רב ווארום איך האב זעהר פיל פרמעג איז די מתנה בייא מיר זעהר קליין. אונ אויב עס איז ביי דיר חשוב וויל דוא האסט אוועק גיגעבין דיין גאנץ פארמעג. אחי דוא ביזט דאך מיין ברודר ווי אזו וועל איך קענין צו זעהן אז דו זאלסט ווערין אעני יהי לך אשר לך זאל זיין ביי דיר וס עס איז צו דיר: (י) ויאמר יעקב זאגט יעקב צו עשו עס איז דא נאך אאופן מתנה אז מען וויל זיך זעהן מיט אגרויסין מאן איז פאר צייטין גיוועזן דר מנהג מיט צו ברענגן אמתנה אונ דס איז אכבוד פר דעם וס ער גיבט די מתנה. ווען דער השובר מאן נעמט צוא ביי איהם די מתנה. ער ווייזט איהם מיט דעם אז ער איז ביי איהם אויך חשוב אונ שעמט זיך נישט מיט איהם. אונ אזו א אופן מתנה ברענגט דר מענטש אליין ניט דורך א שליח. ווארום דר עיקר כבוד איז נאר ווען דר חשובר מאן נעמט די מתנה פון זיין האנד דאס זאגט יעקב אם נא מצאתי חן בעיניך אויב איך האב בייא דיר חן ולקחת מנחתי מידי זאלסט דו צו נעמען די מתנה פון מיין האנד וס איך אליין גיב דם דיר ניט דורך די שלוחים כי על כן ראיתי פניך כראות פני אלהים ווארום דורך דעם וואס איך וועל גיפונען בייא דיר חן. זעה איך דיין פנים מיט אזעלכין חשיבות גליך וויא איך זעה איין געטליכעם וועזען איבער דעם ותרצני בעט איך דיך דוא זאלסט מיר באוויליגען אונ זאלסט מיר טוען דעם כבוד בייא מיר דיא מתנה צוא נעמען: (יא) קח נא וגו' אונ עס איז דא נאך א אופן מתנה. וועלכע איהר נעמט מען אפילו ווען זיא איז קליין אונ ווען אויך דורך אשליח. היינו ווען דיא מתנה איז אזאך פון אנם אונ אויף דעם איז שולט דיא ברכה פון גאט איז דאך דאס זייער אטייערע זאך. איבער דעם בעט איך דיר קח נא את ברכתי נעם דיא מתנה וואס אויף איהר ליגט דיא ברכה פון גאט אשר הבאת לך ווען אויך זיא איז גיווארען גיברענגט צו דיר דורך דיא שלוחים. כי חנני אלהים וכי יש לי כל ווארום איך האב ביי גאט חן האב איך תמיד דורך זיין ברכה אלץ וואס איך בדארף ויפצר בו ויקח אונ ווען יעקב האט פיל גיבעטין צו איהם מיט דיא טענות האט שוין עשו ביי איהם גינומען. אין פסוק ח' שרייבט רש"י פון מדרש אז יעקב האט געשיקט כתות מלאכים אונ זייא האבען גישלאגען צו עשו אונ צו זיינע מענטשין דאס איז דער פשט פון פסוק (ח') ויאמר זאגט עשו צו יעקב מי לך כל המחנה הזה אשר פגשתי ווער האט דאס דיר גילערינט דיא זאך צו קענין פאר שאפען זיך אמחנה פון כתות מלאכים. לערין מיר אויך דאס אוים. ויאמר זאגט יעקב צו עשו. דאס האב איך וועגין דעם וואס איך זייא תמיד למצא חן בעיני אדני צו גיפונען חן ביי גאט דורך דעם וואס איך לערין פיל תורה אונ טוה מצות אונ פון דעם ווערט דיא מלאכים (ט) ויאמר עשו יש לי רב. איך האב אבער פיל פאר מעגין האב איך קיין צייט נישט צו נעמין זיך צו תורה. וועגען דעם אחי יהי לך אשר לך האלט דיר מיט דעם וואס מען האט דיר גיגעבען דאס איז דיא תורה ומצות: (יב) ויאמר אונ עשו זאגט צו יעקב נסעה ונלכה זאלען מיר באזאמען ציען אונ גיין ביידע אין עולם הזה נאר ואלכה לנגדך איך זאל אביסעל אריבער גיין אין עולם הבא אקיגען דיר איך זאל האבען אביסעל שררה איבער דיר אונ איבער

דיינע

דיינע קינדער בעולם הזה : (יג) ויאמר אליו זאגט יעקב צו איהם אדני יודע דוא מיין
האר זאלסט אבער וויסען כי הילדים רכים וגו' דיא קינדער מיינע זענען זייער איידיל
עלות עלי זייא געהן אויף מיר כלומר זייא העננגין אן זייער זכות אין מיר . אבער זייא
אליין וועלין זיין שוואך אין זייער זכות . ודפקום יום אחד אונ ווען דוא וועסט מיט
ביין שררה אקלאפ טוהן זייא מיט אמאהל ומתו כל הצאן קענין זייא דאך חלילה מיט
אמאהל אלע אוים שטארבען : (יד) יעבר נא אדני לפני עבדו איך גיב דיר טאקע דאס
דיא זאלסט זיין דער האר נאר איך בעט דיר ואני אתנהלה לאיטי דוא זאלסט מיר
לאזען פירען זיך פאמעליך דוא זאלסט זייא מיינע קינדער נישט מיט אמאהל צו דריקען
מיט גזירות נאר ביהליך ווייס לרגל המלאכה אשר לפני דאס מיינט מען דעם בית
המקדש ווען ער וועט זיין ביים סוף אזוי וויא דיא פים איז ביים סוף פון גוף . כלומר
וואס ער וועט חרוב ווערין דורך דיינע שרים ולרגל הילדים אונ דאס וואס דורך זייא
וועלין דיא קינדער זיין שפל . אונ ביז וואנעט וועט דאס אבער זיין עד אשר אבא אל
אדני שעירה ביז איך וועל קומען צו דיר קיין שעיר דאס איז בימות המשיח שטייט
אין פסוק (עובדיא א') ועלו מושיעים בהר ציון לשפוט את הר עשו דיא געהאלפינע
ישראל ווען דיא גאולה וועט זיין אונ וועלין זיין ביי דעם בארג וואס ארום ציון זייא
וועלין ווערין באזעצט אין זייער לאנד וועלין זייא גיין קיין שעיר צו משפטן צו דיא
קינדער פון עשו מיט זייא כלחמה צו האלטען : (יז) ויעקב נסע סכתה אונ יעקב ציהט
קיין סכות ויבן לו בית אונ בויעט פאר זיך איין הויז ולמקנהו עשה סכות וגו' אונ פון
וועגען זיינע פוהע האט ער גימאכט ביידליך . דארף מען פאר שטיין דאס וואס עס
שטייט ויבן לו בית ער בויעט פאר זיך איין הויז . איז דען דאס הויז נאר פאר איהם
אליין . דיא ווייבער מיט דיא קינדער האבען זיך אויך דארט געוואהנט . זאגט דער
תוצאות חיים אזוי . דאס איז ידוע אז ביי דיא צדיקים איז דיא גאנצע עולם הזה מיט
איהרע תענוגים גלייך וויא גאר נישט . דיא וועלט ווערט נאר אנגירופען אעולם עוברת
אוועלט וואס עס לויפט אוועק אונ עס בלייבט גאר נישט . פון דיא אלע תענוגים וואס
דער מענטש וויל האבען בעולם הזה וועט ער פון זייא גאר נישט מיט נעמין לעולם
הבא . אונ דער עיקר פון עולם הזה איז נאר דאס מען זאל זיך אין איהר אנבריטען
תורה ומצות ומעשים טובים מען זאל דאס האבען מיט צו נעמין לעולם הבא . ווארום
בעולם הבא . איז דיא עיקר דירה פון מענטש אונ אהין מיט צו נעמין פון עולם הזה
איז מעהר נישט נאר תורה ומצות אונ אבער דאס געלד אונ עשירות פון מענטש
בלייבט איבער בעולם הזה . אונ דאס נוצט נאר דעם מענטש ער זאל האבען כח מיט
וואס צו ארבייטען אין דיא תורה אונ צו טוהן מצות . אונ דאס איז ידוע אז אסוכה
איז דאך נאר אויף איינציגע טעג . אונ דער נאך וואהנט מען נאר אין שטוב . נמצא
ווערט עולם הזה גירופען סוכה ווארום עולם הזה איז דאך נאר אויף איינציגע יארען .
אונ עולם הבא ווערט גירופען בית . דאס מיינט דער פסוק ויעקב דער צדיק יעקב נסע
סכתה האט באמערקט מיט זיין שכל אז ער [illegible] בעולם הזה וואס זיא איז נאר גלייך
וויא אסוכה . זיא איז נישט קיין איביגע זאך איבער דעם ויבן לו בית האט ער פאר
זיך גיבויעט איין הויז דאס מיינט מען ער האט נאר גילערינט תורה אונ גיטוהן מצות
ומעשים טובים וואס דאס איז דיא מאטריאלען וואס פון זייא ווערט גיבויעט דיא עיקר
דירה פון וועגען מענטש בעולם הנצחיי . ולמקנהו אונ צו זיינע פאר מעגין עשה סכת
האט ער זייא גימאכט אין זיין גידאנק נאר וויא אסוכה נישט צו פאר זאמען זיך אין זייא

קיין

סין לאנגע צייט נאר גלייך וויא מען זיצט אין אכובה נישט לאנג נאר איינציגע טעג אזוי ווען ער האט גיגעסין אונ גיטרינקען האט ער נישט לאנג פאר ברענגט דיא צייט מיט דעם נאר וואס אויסגעקכטין גינאנגען אין הויז אריין דאס מיינט מען צו לערנין :
(יח) ויבא יעקב שלם אונ ווען דער צדיק פירט זיך וויא פריער שטייט קומט ער גאנץ מיט אלע אברים עיר שכם צו דיא שטאט שכם דאס מיינט מען לעולם הבא (ווארום דאס ווארט שכם מאכט כאן מקום שכר דארט איז דאס ארט פון צו געבין שכר) אשר בארץ פאר דעם וואס ווען ער האט גילעבט אויף דיא וועלט איז כנען ער איז ביי זיך זעהר אונטער טעניג ער איז אעניו ער האלט זיך ניט בגאוה . בבאו מפדן ארם ווארום ער האט זיך באקלערט דאס ער קומט נאר ארויס פון אפאר מענטשין פון פאטער מיט דיא מוטער . איבער דעם ויחן את פני העיר וועט ער דארט בעולם הבא רוהען מיט דיא חשיבע לייט מיט דיא צדיקים : (יט) ויקן את חלקת השדה אונ מיט זיין תורה ומצות קויפט ער זיך אחלק אין גן עדן אשר נטה שם אהלו ווארום ער האט דארט גינייגט פאר זיך זיין גיצעלט מיד בני חמר דורך דיא אברים פון תוכר אבי שכם וואס זייא ווינשען זיך צו זיין אין גן עדן צו נעמין שכר במאה קשיטה פון וועגען דיא געלד וואס זייא האבען מיט דיא געלד נישט אוים גיגעבען אויף עולם הזה זאכען . נאר אויף עולם הבא זאכען : אין פשטות דער ציילט אונז דער פסוק ההקדמה צו דיא אנדערע פרשה וואס עם שטייט דיא מעשה מיט דינה . דער ציילט דא דער פסוק פאר וואס האט דאס גיטראפען צו יעקב . ווייל ער האט נישט מקיים גיוועז דעם נדר וואס ער האט זיך מנדר גיוועז ביי דעם חלום פון סולם אונ האט גיזאגט והאבן הזאת אשר שמתי מצבה יהי' בית אלהים דעם שטיין וואס איך האב איהם גימאכט פאר אמצבה זאל זיין אפ געזונדערט פון וועגען צו מאכען גאטס הויז . אונ ווען יעקב איז געקומען פון לבן צוריק גאנץ מיט זיין געלד אונ מיט זיין תורה אונ מיט זיין גוף . איז יעקב מחויב גיווארען צו גיין קיין בית אל אונ אויף שטעלין אמזבח . אונ ער האט אבער ניט אזוי גיטוען . נאר ויחן את פני העיר ער איז גיווארען באזעצט אין דיא שטאט שכם אונ איז גיווארען אוים געמישט מיט דיא מענטשין פון שטאט . גלייך וויא ער וויל שוין דארט וואהנען תמיד . אונ ויקן את חלקת השדה ער האט אפ געקויפט אטייל פעלד אשר נטה שם אהלו וגו' אונ האט גימאכט פאר זיך אגיצעלט אונ : (כ) ויצב שם מזבח אונ האט דארט גישטעלט אמזבח ער האט גימיינט אז מיט דעם האט ער שוין מקיים גיוועז דעם נדר . ער האט זיך גיטראכט וואס איז דיא נפקא מינה דא צו אין בית אל גאט איז אין דיא גאנצע וועלט . דרום האט איהם תיכף גיטראפען דיא מעשה פון דינה . כדי ער זאל מוזען פון דארט ארויס גיין אונ מקיים זיין דעם נדר אויף ריכטיג . איז פון דעם גידרינגען אז מען בדארף זיך זייער היטען אין אנדר אונ מען זאל נישט מאכען זיך קיין שום הוראת היתר :

לד (א) ותצא דינה אונ דינה איז ארויס גינאנגען . זאגט דער פסוק אז דינה איז אין דיא מעשה גאר נים שולדיג . בת לאה זיא איז אטאכטער פון לאה אצדקת וכאמה כן בתה אזוי וויא דיא מוטער אזוי איז דיא טאכטער איז דאך דינה אויך גיוועז אצדקת . אונ אשר ילדה ליעקב זיא איז גיבוירען גיווארען צו יעקב הצדיק . לראות בבנות הארץ זיא איז נאר גינאנגען זיך צו זעהן מיט דיא טעכטער פון לאנד אבער ניט מיט דיא זכרים : (ב) וירא אותה שכם וגו' ויקח וגו' אונ תיכף ווען ער האט נאר איר דער זעהן האט ער איהר גינומען מיט רציחה . אונ זיא האט מיט איהם פריער גאר

מישט גירעדט. איז זיא דאך אין דעם גאר ניט שולדיג: דער אור פני משה מייטשט
דיא פסוקים על פי רמז אזוי. ותצא עס גייט ארויס דינה דער דין פון דיא נשמה פון
דעם מענטש וואס אין זיין לעבען איז ער געוועזן בת אטאכטער כלומר שוואך פון צוא
לערנין תורה. לאה ער איז געוועזן פאר מאטערט אשר ילדה ליעקב אונ אבער צום
נארין אונ צום שווינדלען איז ער געוועזן גאר זיי גיבוירען מיט פרישען כח. לראות
בבנות הארץ ווען ער שטארבט ווערט נגמר זיין דין ער זאל נאך אמאהל ארויס געהן
לעולם הזה ער זאל נאך אמאהל מגולגל ווערין פון וועגין צו מתקן זיין וואס ער האט אין
ערשטין גלגול מקלקל געוועזן. (ב) וירא אתה אונ ווען דער מענטש נעמט זיך נישט מיט
שכל מתקן צו זיין. נאר ער נעמט זיך נאר צו תאוות עולם הזה נמצא מאכט ער וויזען איר
דיא נשמה שכם בן חמור אז דער גוף איז גאר אפראסטער חומר. אונ דורך וועמין איז
דאס החוי דורך דעם שלאנג דאס איז דער יצר הרע נשיא הארץ וואס ער איז דער
האר איבער זעלכע מענטשין ויקח אתה אונ דער נאך גייט ער דער יצה״ר וואס ער
איז אויך דער שטן אונ אויך דער מלאך המות אונ נעמט איהר נאך אמאהל
צוא פון דעם מענטש. וישכב אתה ויענה אונ זיא לייט פיל עינוים קשים:
(ג) ותדבק נפשו זאגט דר פסוק אז אצונד נאך דעם אנדערען מאל שטארבין ווען עס
ווערט ווייטער אן גיקלעבט זיין לעבין בדינה בת יעקב אין דיא גימשפטע נשמה. באדארף
שוין דער מענטש אויף איהר אונ אויף זיך רחמנות האבין ויאהב את הנערה [לעהנען
לייענט מען הנערה מיט איין ה׳ צום סוף אונ אין פסוק שטייט הנער אן איין ה׳. אונ הנער
איז אלשון זכר אונ הנערה איז אלשון נקבה] דאס וויזט אז ער באדארף שוין ליב האבין
מיט דיא נשמה דעם נער דאס איז דער יצר טוב וידבר על לב הנערה [הנער] אונ זאל
תמיד רעדען בייא זיך אין הארץ אז מען באדארף נאר הערין דעם יצר טוב: (יג) ויענו
בני יעקב את שכם ואת חמור אביו ווען שכם מיט זיין פאטער חמור זענען געקומען צוא
יעקב פאר לאנגען פון איהם ער זאל געבין זיין טאכטער דינה צוא שכם פאר א ווייב.
האבין דיא קינדר פון יעקב גיענטפערט צו שכם אונ צו זיין פאטר חמור. איז דאך די
קשיא אויף די קינדר פון יעקב. פר וואס האבין זייא גיענטפערט פר זייער פאטר יעקב?
פאר ענטפערט דאס דר פסוק במרמה זייער ענטפער איז דאך געוועזן א שווינדיל צוא
נארין שכם מיט זיין פאטר חמור דם זיי זאלין מיינען אז יעקב איז גאר נישט אויף זייא
צארינדיג פון וועגין זייא זאלין זיך ווערין מל זיין אונ דר נאך זאלין דיא קינדר פון יעקב
קענען זיי הרגנן. איבר דעם האבין דיא קינדר פריער גיענטפערט פר זייער פאטר יעקב
זיי האבין אים מיט דעם מבהל געוועזן דאס ער זאל נישט דארפין זאגין דעם שווינדיל:
(כג) מקניהם וקנינם וכל בהמתם הלא לנו הם וגו׳ ווען שכם מיט חמור זענען געקומען אין
שטאט אריין אונ צו זאגין די שטאט מענטשין זייא זאלין זיך מל זיין. רעדין זיי צו זייא
איין די פוך מיט די פארמעגין פון יעקב מיט זיינע קינדר וועט דם אלץ זיין אונזערס:
(כד) וישמעו וגו׳ אונ די שטאט מענטשין האבין גיהערט אז זיי ווילין האבין אזוי פיל
פארמעגין האבין זיי זיך מל גיוועזן. אבר זיי האבין נישט גימיינט לשם שמים זייא האבין
נאר גימיינט פון וועגין אוועק צו רצחנן ביי יעקב זיין פארמעג: (כה) ויהי ביום השלישי אונ
עס איז געוועזן אין דריטין טאג בהיותם כואבים ווען עס האט זיי זייער ווייא גיטוען האבען
זייא חרטה גיהאט אויף דעם וואס זיי האבין זיך מל גיוועזן אונ האבין גידענקט זיך נוקם
צו זיין אין יעקב מיט זיינע קינדר. אונ די גמרא זאגט הבא להורגך ווען איינר קומט
דיך צו הרגנן השכם להרגו מעגסט דו איהם פריער הרגנן. איבר דעם ויקחו שני בני

יעקב

יעקב האבין גנומען צוויא קינדר פון יעקב שמעון ולוי וגו׳ איש חרבו יעדער זיין שווערד ויבאו וגו׳ ויהרגו כל זכר אונ זענען גיקומן אין שטאט אונ האבין אויס גיהרגת אלע זכרים:

לה (א) ויאמר אלהים אל יעקב נאך די מעשה פון דינה זאגט גאט צו יעקב אצונד אז דו האסט גיהאט אזו אעונש ווייל דו האסט נים מקיים גיוועז דעם נדר פון חלום מיט דעם סולם (אזוי ויא פריער שטייט) קום עלה בית אל שטיי אויף אונ גיי קיין בית אל ועשה שם מזבח וגו׳ אונ מאך דארט אמזבח: (ב) ויאמר יעקב אל ביתו וגו׳ זאגט יעקב צו זיינע הויז גיזינד הסירו את אלהי הנכר טוהט אפ די פרעמדע געטער אשר בתוככם אונ אויך די שלעכטע מחשבות וואס איהר האט ביי זיך טיף אין הארץ והטהרו אונ ריינגט אייך פון די שלעכטע מחשבות והחליפו שמלתיכם אונ בייטט איבר אייערע קליידר כלומר אייערע שלעכטע מדות לאזט אוועק אונ טוהט גוטע מדות: (ג) ונקומה ונעלה בית אל וגו׳ דאמאלס וועלין מיר אויף שטיין אונ מיר וועלין קענען אויף גיין צו גאטס הויז:

לו (א) ואלה וגו׳ די גמרא זאגט ווען משה רבינו איז גיוועזן אויף דעם הימיל האט דער שטן גימאכט וואלקינדיג אונ האט זייא גיוויזין אגישטאלט פון דיא בעט פון משה רבינו· האבין די ישראל גימיינט אז משה איז גישטארבין· איבר דעם האט דאס המון העם גימאכט דם עגל אונ האבין גיזאגט אלה אלהיך וגו׳ דאס איז דיין גאט דיא ישראל מיט דעם טייטשט דר אור פני משה דעם פסוק אזו ואלה אונ דס וואס זיי האבין גיזאגט אויף דעם עגל דס ווארט אלה תולדות עשו דס איז גקומן פון דעם שטן וואס ער איז דער שר פון עשו הוא אדום ער האט זיי צו דעם גיקענט אן רעדין דורך די פול רויטע גאלד וואס זייא האבין גיהאט אונ אזו ווי עס שטייט אין פסוק וזהב עשו לבעל אונ ווייל זייא האבין גיהאט געלד האבין זיי פון דעם גימאכט די עבודה זרה בעל: (ב) עשו דער יצר הרע לקח את נשיו נעמט דיינע ווייבר דס איז די מענטשין וואס ווערין צו איהם צו גיצוגין מיט דעם גאנצין לעבין מבנות כנען אפילו פון דיא מענטשין וואס זענען אונטער טעניג כלומר זיי האלטין זיך נים בגאוה פון דעסטוועגין ווען זיי זענען שוואך אין דעם לערנען די תורה אזו וויא נקבות האט דער יצהר אויף זייא שליטה את עדה אונ זאגט צו דיא מענטשין וואס טויג אייך צו גיין לערנען· זייט בעסער אוים געמישט מיט אעדה מענטשין אין גאס· ווארים בת דו וועסט ווערין דייער אפ גישוואכט אילון ווען דו וועסט וועלין זיך האלטין אין דעם בוים פון די תורה החתי אונ אויך וועסט דו זיין אצובראכענער מענטש אין אלע זאכין הן אין געלד הן אין גוף· אונ ווען דער מענטש הערט איהם נאר· איז דר נאך ואת אהלי בסה גייט דר מענטש אין די גיצעלטין פון משקאות וואס דורך דעם איז ער גלייך ווי ער מאכט אבמה צו די עבודה זרה· בת ענה אונ ווען ער טרינקט זיך אן זינגט ער מיט גרוים גישרייא· אונ נאך זאגט איהם דר יצר הרע בת צבעון דו קענסט זיין אצבוע אפ נארין מענטשין זיי זאלין מיינען אז דו ביזט גאר אפרומער מענטש החוי דס קומט אלץ פון דעם שטן: (ג) ואת בשמת אונ אבר וועלכר מענטש איז דס וואס עס שמעקט זיינע מעשים אזו וויא גוטע בשמים· בת ווען אויך ער האט נישט קיין פול כח פון דעסטוועגין ישמע אל הערט ער צו גאט אונ צו אחות צו די תורה וואס אויף איהר שטייט אין פסוק אמור לחכמה אחותי את רוף אן דיא תורה גלייך וויא זיא איז דיין שוועסטער אונ ליב איהר תמיד נביות וועט דאס זיין גלייך וויא ער וואלט מקריב גיוועז קרבנות פון די אילי נביות פון די ווידערס פון שטאט נביות: (ד) ותלד עדה לעשו זאגט ווייטר דר פסוק ווען דער מענטש לאזט זיך אנרעדין פון דעם יצר הרע אונ איז נאר

תמיד

פסיד מיט פאררואסלונג פון מענטשין פון וועגין ער זאל האבין פארמעגין איז דאס נורט אילי פז אז דס געלד ווערט ביי איהם גלייך וויא זיין גאט. אבער ובשמת דר וואס טוהט גוטע מעשים ילדה את איז ער זוכה רעו־אל אז גאט איז זיין גיזעלין: (יב) ותמנע היתה פילגש לאליפז בן עשו אונ תמנע איז גיוועזין די קייפס ווייב צו אליפז דר זוהן פון עשו ותלד לאליפז את עמלק וגו׳ אונ זיא האט גיווינען צו אליפז דעם זוהן עמלק. דר פסוק דערציילט דס עס זאל ניט זיין קשה דר פסוק (דברים כג ח) זאגט לא תתעב אדומי כי אחיך הוא דו זאלסט ניט מבזה זיין די מענטשין פון אדום ווארום זיי זענען דיינע ברודער זייא שטאמן דאך ארויס פון עשו אין (דברים כה יט) זאגט דר פסוק תמחה את זכר עמלק זאלסט אפ מעקין דס אנדענקונג פון עמלק כלומר דו זאלסט זיי הרגנן. איז דאך די קשיא עמלק איז דאך דאס אייניקיל פון עשו. זענען דאך די ביידע פסוקים סותר. קומט דא דר דריטער פסוק אונ פר ענטפערט די קשיא אונ זאגט אז תמנע איז גיוועזן נאר אפילגש אקייפס ווייב צו אליפז ניט איין רעכט ווייב אונ די נפקא מינה איז. ארעכט ווייב הט אכתובה אונ אפילגש האט ניט אכתובה אונ די גמרא זאגט אז אחיך ווערט מער ניט אן גערופן נאר ווען ער ווערט גיבארין פון ארעכט ווייב ווס זיא הט אכתובה. אונ ווען עמלק איז גיבארין גיווארין פון תמנע וואס זיא הט ניט גיהאט קיין כתובה הייסט ער ניט אחיך. איבר דעם מעג מען איהם פיינט האבין: (מ) ואלה שמות אלופי עשו דר אור פני משה זאגט דעם רמז פון די פסוקים אזו דס זענען דיא לערנונג פון דעם יצר הרע למשפחותם אונ דורך דעם ווען דר מענטש לאזט זיך לערנען פון דעם יצה״ר ווערט ער צו די משפחה פון דעם שטן למקומותם אונ גייט דער נאך אין זייער ארט אין גיהנם אריין בשמותם דורך זיי. צום אנהייב אלוף לערינט ער איהם תמנע ער זאגט צום מענטש פאר מייד דיך פון צו לערנען די תורה. אונ דר נאך אלוף עלוה זאגט ער איהם לערין דיך צו טוען עולות צו טוען אונרעכט אלוף יתת לערין דיך דו זאלסט ארויף קומן אויף דעם אנדערען איהם צוא טוען אונרעכט צו נעמען ביי איהם זיין פרנסה: (מא) אלוף אהליבמה אונ לערין דיך צו גיין אין די גיצעלטין פון עבודה זרה אלוף אלה לערין דיך צו שווערין פאלש אלוף פינן לערין דיך אפ צו קערין פון דעם רעכטין וועג. איבר דעם בבארך דר מענטש זעהן תיכף ביים אנהייב נישט צו הערין דעם יצה״ר מיט זיינע אנרערונג:

# פרשת וישב

לז (א) וישב יעקב אונ יעקב האט זיך באזעצט בארץ מגורי אביו וגו׳ אין דעם לאנד וואס זיין פאטער וואהנט בכדי ער זאל קענין מקיים זיין דיא מצוה כיבוד אב ווארום ער האט שוין צוויי אונ צוואנציג יאהר נישט מקיים גיוועזן: (ב) אלה תולדות יעקב אין סדרה וישלח רעכינט דער פסוק דיא שלעכטע מידות פון דיא קינדער פון עשו. היינו צבעון איז גיקומען צו זיין מוטער אונ זיא האט גיהאט פון איהם אממזר ענה. אונ דיא סדרה קומט דער ציילען אבער דיא קינדער פון יעקב זענין ניט אזוי. יוסף בן שבע עשרה שנה. יוסף ווען אויך ער איז נאר אלט גיוועזן זיבעצן יאהר היה רעה את אחיו בצאן האט ער געפירט אונ גילערינט זיינע ברודער אין גאטס לערינונג זייא זאלין זיך גוט אויף פירען ווען אויך זייא זענין ביי דיא שאף. אונ מען זאל נישט זאגען אז ער האט דאס גיטוהן מיט גאוה זאגט דער פסוק והוא נער את בני בלהה וגו׳ ער איז גיוועזן אגרויסער עניו. אונ ער האט באדינט דיא בני השפחות. איז דאך

פון דעם גידריינגעניש אז דאס וואס ער האט זייא גילערינט האט ער דאס גימיינט מיט דעם אמת לשם שמים. ויבא יוסף את דבתם רעה אל אביהם דיא בני האמהות האבין גיהאלטען צו דיא בני השפחות אזוי וויא דיא עבדים. אונ דיא בני השפחות האבען זיך מיט זייא גיקריגט. האט יוסף גיברענגט דיא שלעכטע רייד פון דיא ביידע צדדים אל אביהם צו זייער פאטער כדי ער זאל זייא שטראפען זייא זאלין זיך מעהר נישט קריגען אונ ער זאל מאכען שלום צווישען זייא. איז דיא גאנצע כוונה פון יוסף נאר גיוועזען לשם שמים. אבער דיא שבטים האבען איהם דן גיוועזען לכף חובה. אז דאס וואס ער לערינט זייא איז דאס נאר מצד ווייל ער איז אבעל גאוה אין דאס וואס ער באדינט דיא בני השפחות איז ווייל ער האט נישט קיין שכל. אונ דאס וואס ער דער ציילט זייערע רייד צום פאטער וויל ער מאכען אשנאה אויף זייא ביים פאטער. איז דורך דעם ארויס גיקומען דעם גלות. קען מען פון דעם זעהן וויא פיל מען דארף דעם אנדערין דן זיין לכף זכות: דער אור פני משה טייטשט על פי רמז אזוי. וישב יעקב אז דער יצר טוב וואס ווערט גירופען יעקב באזעצט זיך בארץ אין דעם גוף מגורי אביו אונ גייט אין דיא גוטע וועגין פון דיא עלטערין. אונ אויך כנען ער האלט זיך אונטער טעניג ער איז אעניו. אונ נאך אפשט. וישב יעקב אזוי וויא פריער. מגורי אביו ער האט מורא פאר זיינעם ערשטין גלגול אפשר האט ער דאמאלס מקלקל גיוועזען. איז דאס גורם בארץ כנען אריין צו ברענגען אין גוף אריין הכנעה. אונ (ב) אלה תולדות יעקב דער יצר טוב מאכט דעם גוף געוויינען יוסף ער גיט דעם מענטש אריין אהייליגען גידאנק צו מערין אין תורה ומצות. איז בן שבע עשרה ווען דער מענטש לעבט אפ זיינע זיבעציג יאהר וואס דאס איז זיבען מאהל צעהן. איז דאס גלייך וויא שנה וויא אקינד פון איאהר וואס ער האט נאך קיין זינד נישט. אונ חוץ דעם היה רעה האט ער געפירט את אחיו זיינע ברודער בצאן זייא זאלין זיך פירען אזוי וויא דיא שאף זייא זאלין זיין בהכנעה אונ מיט אחדות. אונ והוא נער דער יצר טוב וואס ער איז ביים מענטש גלייך וויא אקינד ווארום ער קומט דאך צום מענטש אין דרייצען יאהר שפעטער נאך דעם יצר הרע את בני בלהה ער רעדט צו דעם מענטש ער זאל זיין תמיד מיט דיא צדיקים וואס זייא זענין נאר עוסק אין עבודות ה׳ אונ קוקען נאר נישט אויף דעם וואס דער גוף ווערט דורך דעם גילייטערט. ואת בני זלפה אונ וואס זייא מאכען תמיד ריינען פון זיך טרערין. נשי אביו אונ זייא ווערין גירופען דיא ווייבער פון פאטער אין הימעל. ויבא יוסף ברענגט דער צדיק זיינע מצות אונ מעשים טובים וו..ם ער מערט אלע מאהל את דבתם רעה מיט זייערע שלעכטע רייד אל אביהם צו גאט. דורך זיין תורה אונ תפלה מיט כוונה איז ער גורם מעלה צו זיין דיא רייד פון דיא יודען וואס זייא רעדין אין דיא תורה אונ ווען זייא טוהן תפלה נישט מיט כוונה: רש״י שרייבט פון מדרש אויף דעם פסוק וישב יעקב. ביקש יעקב לישב בשלוה וגו׳ איז דער רמז אזוי. דער מענטש וואס הערט נאר צו דעם יצ״ט ער לערינט תורה אונ טוהט מצות ווערט ער גירופען יעקב. אונ אז ער וויל זיך אפ רוען פון דעם לערנין ער זאגט עס איז שוין גענוג קפץ עליו רוגזו של יוסף שפרינגט אויף איהם דער צארען פון מערין. ער זאל זיך נישט אפ רוען. דיא תורה האט נישט קיין שיעור. דארף מען טאג אונ נאכט נאר איהר לערנין: (יב) וילכו אחיו אונ דיא ברודער פון יוסף זענין גיגאנגען לרעות את צאן אביהם בשכם פאשען דיא שאף פון זייער פאטער אין שכם. שרייבט רש״י פון מדרש. נקוד על את. אויף דעם ווארט את שטייט פינטעליך אין

דיא תורה. שלא הלכו אלא לרעות את עצמם זייא זענין נאר גיגאנגען זיך אליין צו
פאשען. איז דאס זייער קשה צו זאגען אויף דיא בני יעקב. קען מען זאגען אזוי דיא
כוונה. ווארום ווען יוסף האט זיך באקאנט גימאכט צו זיינע ברודער אין מצרים. זאגט
יוסף צו זייא אין סדרה ויגש (מ"א ה') ועתה אונ אצונד אל תעצבו וגו' טרויערט ניט
אונ עס זאל אייך ניט פאר דריסען וואס איהר האט מיר אהער פאר קויפט. כי
למחיה שלחני אלהים לפניכם ווארום גאט האט מיך געשיקט אהער איך זאל זיין פאר
אייך אשפייזער. דאס זאגט דער מדרש הלכו מיט דעם וואס זייא זענין אצונד גיגאנגען
איז ארויס גיקומען לרעות את עצמם זייא זאלין האבען זיך צו שפייזען אין דיא צייט
פון הונגער וואס וועט שפעטער זיין: (טו) וימצאהו דער אור פני משה זאגט דעם רמז
אזוי. ווען דער יצר הרע געפינט איש דעם מענטש ווען ער וויל זיך שטארקען אין דיא
תורה אונ מצות ער וויל זיין אצדיק והנה זאגט איהם דער יצר הרע תעה וואס טוהסט
דיך עפיס מיט דיר דוא ביסט גאר אשוטה דוא בלאנשזעסט גאר. איז דען דאס דיר
כדאי אזוי פיל צו ארבייטען בשדה פון וועגין דעם וואס דוא רעדסט זיך איין אז דער
נאך וועסטו זיין אין גן עדן. דאס פון גן עדן איז דאך נאר שפעטער אונ דוא פייניגסט
דיך שוין אצונד. זאגט דער פסוק צום מענטש. וישאלהו האיש דער דאזיגער מענטש
בארף דעם יצה"ר פרעגין לאמר אונ איהם זאגען מה תבקש וואס ווילסטו יצה"ר פון
מיר. וואס הארט דאס דיר פאר מיר דוא זארג נישט וועגען מיר: (טז) ויאמר אונ
בדארף אויך זאגען צו גאט את אחי אנכי מבקש איך בעט עס זאל שוין קומען דיא
גאולה זייא זאלין שוין זיין באזאמען אלע ברודער אין ארץ ישראל. הגידה נא לי זאג
נאר מיר גאט זעה אליין איפה הם רעים וויא אזוי זייא ווערין מיט ביטערע אופנים
געשפייזט: (יז) ויאמר האיש זאגט גאט נסעו מזה זייא ציען זיך פון מיר אפ וואס אויף
מיר שטייט אין פסוק זה אלי דאס איז מיין גאט. ציען זייא פון מיר אוועק. אונ אויך
אזוי וויא דער מדרש זאגט הסיעו עצמן מן האחוה זייא ציען אפ פון ברודער שאפט
עס איז ביי זייא נישטא קיין אחדות. כי שמעתי אמרים נלכה דתינה איך הער אז זייא
זאגען לאזין מיר גיין צו אנדערע דתים. וילך יוסף אחר אחיו גייט דער צדיק נאך
זיינע ברידער מאכען ביי זייא שלום ואחדות וימצאם בדתן אונ געפינט זייא אבער זייא
זענען שוין אריין געטוהן טיף אין אנדערע דתים: (יח) ויראו אתו דער פסוק ווייזט
אונז וויא וייט דער מענטש בארף זיך דער ווייטערין פון שנאת חנם. ווארום דיא
ברידער פון יוסף ווען זייא האבען זייער ברודער יוסף גיזעהן קומען צו זייא. האבין
זייא איהם נאר ניט גירעכינט פאר זייערס אברודער נאר מרחק גלייך וויא ער איז גאר
ווייט פון זייא כלומר ער איז גאר אפרעמדער. אונ דאס איז נאר גיוועזן ובטרם יקרב
אליהם איידער ער האט זיך צו זייא צו גינעהנט. ויתנכלו אתו שרייבט רש"י דאס
ווארט אתו איז גלייך וויא אתו. איז דער פשט ווען זייא זענין גיוועזן שוין מיט איהם
כלומר ווען ער איז שוין צו זייא צו גיגאנגען זענין זייא גיווארין פול מיט שלעכטע
גידאנקען להמיתו איהם צו טייטען אפילו ווען ער איז זייערס אברודער. ווארום אזוי
איז דער דרך פון יצר הרע פריער רעדט ער אן צו טוהן אקליינע עבירה דעם אנדערין
מקנא צו זיין אונ אויך הושד צו זיין אויף שלעכטס. אונ ווערין איהם אשונא. אונ
נער נאך ווערט שוין מסירא רעכט איהם צו הרגינען אויך: (כא) וישמע ראובן דער
אור פני משה טייטשט על פי רמז. דיא גמרא זאגט קשה המחטיא את האדם יותר
מהורגו. דער מענטש וואס מאכט דעם אנדערין זינדיגען איז דאס ערגער וויא ער

האַרגעת איהם . ווארום אז מען הארגעת איז דאס נאר פון דיא וועלט . אונ ווען ער
איז גורם דעם אנדערין ער זאל זינדיגען איז ער איהם גורם צו פאר לוירען ווערין פון
ביידע וועלטין . דאס זאגט דער פסוק . ראובן האט געהערט וויא דיא ברידער ווילען
הארגענין יוספן ויצילהו מידם האט ער איהם פון זייערע הענד מציל געוועזן זייא זאלען
איהם נישט תיכף הארגענין . ויאמר אונ האט געזאגט לא נכנו נפש פאר וואס ווילט
איהר דען איהם הארגינען . ווייל איהר האט מורא ער וועט זיין איבער אייך אמלך
אבער דעם נפש פון איהם וועלין מיר דאך נישט הארגענין . אונ ווען עס איז ארויס
גיגאנגען אז ער בארף זיין מלך . וועט דאס מוזען זיין . אונ ווען אויך מיר וועלין איהם
הארגענין וועט דער אנדערער גלגול זיינער זיין איבער אונז אמלך : (כא) ויאמר אליהם
ראובן זאגט צו זייא ראובן אל תשפכו דם פאר גיסט ניט קיין בלוט . הארגית ניט זיין
נוף . נאר השליכו אתו אל הבור הזה אשר במדבר זייט איהם גורם ער זאל זינדיגע
אונ דורך דעם וועט זיין זיין פסק דין אז ער זאל שטערין אריין געווארפען אין גריב
וואס איז אין דיא מדבר דאס מיינט מען דעם גיהנם וועט שוין פון איהם אוועק
זיין דער זכות פון צוא זיין אמלך . ויד אל תשלחו בו וועט איהר שוין נישט
דארפען שטרעקין דיא האנד אונ איהם צוא הארגענין . זאגט אבער דער פסוק למען
הציל אתו מידם ראובן האט דאס באמת גימיינט נאר פון זייערע הענד איהם צו מציל
זיין להשיבו אל אביו ער זאל איהם צוריק קערין צוא זיין פאטער אין הימעל :
(כד) ויקחהו אונ ווען יוסף איז צו זיי גיקומען האבין זיי איהם גנומען וישליכו אותו הבורה
אונ ווארפין איהם אריין אין גרוב והבור ריק אונ די גרוב איז געוועזן לעהר אין בו מים
עס איז אין איהם נישט געוועזן קיין וואסער זאגט די גמרא (שבת כב) מים אין בו אבל
נחשים ועקרבים יש בו קיין וואסר איז נישט געוועזן אין די גרוב אבער שלאנגען אונ
ענדיסין איז יוא געוועזן אין איהם . האבין די ברידער איהם אהין אריין געווארפין ווארום זיי
האבין דאך איהם דן געוועזן לכף חוב מיט דעם ווס ער האט גירעדט צו זייער פאטער יעקב
אויף זיי . איז ער דאך אבעל לשון הרע . אונ אבעל לשון הרע איז זיין עונש דורך
שלאנגען . האבין זייא איהם אהין אריין געווארפין איהם מעניש צו זיין : (כו) ויאמר יהודה
אל אחיו זאגט יהודה צו זיינע ברודער מה בצע כי נהרוג את אחינו וואס וועט אונז
ארויס קומען פון דעם וואס מיר וועלין הרגען אונזערן ברודער ווען אויך ער איז מחויב
על פי דין תורה צו ווערין גיהרגעת . נאר די תורה הט גיהייסין דן זיין פון ווענין דיא
איבריגע מענטשין זאלין זיך אפ נעמען אמוסר זייא זאלין מעהר נישט זינדיגין . אבר דא
וס וועט פון דעם ארויס קומען . אז וכסינו את דמו מיר מוזען צו דעקין זיין בלוט קיינר
זאל פון דעם ניט וויסין וועט מען דאך קיין מוסר ניט ארויס נעמען : (לה) ויקומו כל בניו
וכל בנותיו ווען יעקב הט גיזעהן דאס העמד פון יוסף אונ הט זעהר גיטרויערט זענען
אויף גישטאנען אלע זיינע קינדר אונ זיינע טעכטר אנטקעגין איהם לנחמו מיט דעם אים
צו טרייסטין כלומר זעה אונ קוק אויף אונז עס איז דאך נאך ביי דיר דא אסך קינדער
וס טרוערסט דוא אזו ויאמר זאגט ער כי ארד אל בני איך האב מורא אז איך וועל חלילה
דארפין נידערין פון וועגין מיין זוהן אבל שאולה טרויערדיגערהייט אין גיהנם אריין ווארום
איך האב דאך גורם געוועזן צו דעם דאס ער זאל ווערין פאר לוירין . איך האב נישט
גידארפט צו שיקין אין אמקום סכנה . ויבך אותו ער הט זיך אליין בוויינט אביו זיין פאטער
יעקב כלומר ער הט אויף זיך אליין גיוויינט טאמער הט ער עפעס אין דעם אוימר :
לח (א) ויהי בעת ההוא וירד יהודה וגו' אונ עס איז געווען אין דיא צייט איז יהודה גיגאנגען

צוא דעם מאן חירה אונ דער סוף איז פון דעם גיוועז אז פון יהודה איז גיבארין גיווארין דר מלך המשיח. דר מדרש זאגט עס שטייט אין פסוק בטרם תחיל ילדה איידר דיא הט די שוארצע ווייטיגין האט זיא שוין גיוווינען איז די כוונה פון מדרש אזו גאט ב"ה איידר ער מאכט די מכה גרייט ער פריער אן די רפואה. אונ אזו וויא דס פר קויפונג פון יוסף איז גיוועז דר אנהייב פון גלות מצרים אונ אויך פון די איבריגע גליתן. איז תיכף גיווארין דיא רפואה עס איז אנגיברייט גיווארין דער אנהייב פון מלך המשיח וואס ער קומט ארויס פון יהודה. דס מיינט דר מדרש וירד יהודה יהודה איז גיגאנגען אונ פון דעם איז גיבארין גיווארין דר מלך המשיח נמצא בטרם תחיל איידער די ישראל האבין גיהאט די ווייטיגין דס איז דס גלות ילדה איז שוין גיבארין גיווארין דר אנהייב פון דעם מלך המשיח: (טו) ויט אליה וגו' אונ יהודה ווען ער הט גימיינט אויף זיין שניר תמר אז זיא איז אזונה הט ער צו איהר אפ גינייגט פון וועג האט ער צו איהר גיזאגט הבה נא ברייטעט זיך אן אבוא אליך וגו' איך וויל צו דיר קומען הט ער מיט דעם ווארט הבה ברייטעט זיך אן גימיינט זיא זאל נישט מכוין זיין צו זנות חלילה נאר אן צו ברייטין זיך צו טוען אמצוה ותאמר מה תתן לי וגו' זאגט זיא צו איהם וס פאר אגוטע זאך קענסט דוא מיר דורך די מעשה געבין: (יז) ויאמר אנכי אשלח איך וועל מיט דעם גורם זיין עס זאל גיבארין ווערין אזוי אמושל אצדיק וס ער וועט מיט זיין זכות אוועק שיקן גדי עזים דעם ציגין באק דס איז דר יצר הרע מן הצאן פון די ישראל. אונ אויך וועט דר מלך המשיח מבטל זיין דעם כח פון דעם גדי עזים דס איז עשו וס ער ווערט גירופין שעיר ותאמר זאגט זיא אם תתן ערבון קענסט דו דען געבין אערבות עד שלחך ביז די צייט וס מען וועט איהם אוועק שיקן. כלומר מען דארף דאך צו דעם האבין פול זכיות: (יח) ויאמר זאגט יהודה מה הערבון וגו' וואס פאר אזכיות מיינסט דו אוף אערבות ותאמר זאגט תמר חותמך דס איז די מצוה פון מילה [אזוי וויא מיר זאגין אין דיא ברכה וצאצאיו חתם באות ברית קודש] ופתילך די מצות ציצית וס זיא איז גלייך קיא אלע מצות אונ דורך די מצוה פון ציצית גידענקט מען צו מקיים זיין אלע מצות אזו וויא עס שטייט אין פסוק למען תזכרו ועשיתם את כל מצותי. ומטך וגו' אונ דיין אונטער לענונג דס מיינט מען די אמונה אין גאט אזו וויא עס שטייט אין פסוק ומטה האלהים איבר די דריי זאכין וועלין זיין איז דס אבטוחות אז זייא וועלין מנצח זיין דעם כח פון עשו. ויתן לה אונ ער הט דס איהר מבטיח גיוועזן ויבא אליה אונ ער איז צו איהר גיקומן ותהר לו אונ זיא איז גיווארין טראגין צו איהם שרייבט רש"י גבורים כיוצא בו זייא האבין אין זיך שטארקייט מנצח צו זיין דעם יצה"ר גלייך אזוי וויא יהודה צדיקים כיוצא בו אזעלכע צדיקים וויא יהודה. ווארום איהר כוונה איז גאר גיוועזן לשם מצוה: (כ) וישלח יהודה את גדי העזים וגו' ווען יהודה איז גיקומן צו תמר אונ הט איהר פר דעם צו גיזאגט צו שיקן אציגעלי אונ דר וייל הט ער איהר גיגעבין אמשכון. אונ דר נאך הט יהודה אפ געשיקט צוא איהר דס ציגעלע. די גמרא זאגט הוי זהיר במצוה קלה כבחמורה זייא געהיט צו טוען אפילו אקליינע מצוה אזוי וויא אגרויסע מצוה שאין אתה יודע מתן שכרה של מצות ווארום דו ווייסט גאר נישט אז דורך די קליינע מצוה וועסט דוא נעמען שכר פר פול מצות ששכר מצוה ווארום פר דעם וס דו טוהסט די קליינע מצוה. מצוה איז מען דיר מזמין נאך אמצוה צו טוען ומצוה גוררת מצוה אונ איין מצוה ציהט שוין דעם מענטש צוא נאך אמצוה נמצא טוהט ער אסאך מצות. דס זעהט מען בייא יהודה אויך וויל ער האט גיוואלט מקיים זיין אקליינע מצוה צו האלטין זיין ווארט וס ער הט צו גיזאגט צוא

שיקן

שיקן אצינגלע איז פון דעם ארויס גיקומען איז ניצול גיווארין דריי נפשות פון שרפה תמר מיט איהרע צוויא קינדר גם זענע גיוועזן אין איהר בויך זענען נישט פאר ברענט גיווארין ווען מען הט גיטיינט אז זיא הט מזנה גיוועזן. אבער ווייל יהודה איז גיוועזן דר גרויסער צדיק אונ הט גיהאלטין זיין ווארט. איבר דעם הט ער איהר גיגעבין אמשכון דארום ער הט זיך גיווייסט אז ער וועט גיווים דער נאך מקיים זיין. איז דר נאך ארויס גיקומן אז זיא הט גיוויזין דעם משכון אונ יהודה הט מודה גיוועזן איז ניצול גיווארין דיא אלע נפשות. אונ אויך הט דס גאט אויך אן גיברייט די רפואה פר די מכה פון וועגין עס זאל פון דעם גיבארין ווערין דר מלך המשיח. אזו ווי מיר האבין שוין פריער גישריבין:

(כז) ויהי ונו' דר אור פני משה שרייבט דעם רמז אזו די גמרא זאגט אז דר יצה"ר קומט צום מענטש תיכף ווי ער ווערט גיבארין אונ דר יצר טוב קומט צום מענטש צו דרייצן יאר איז דר טייטש פון די פסוקים אזו ויהי בעת לדתה אונ דיא צייט פון גיבארין והנה תאומים בבטנה ווען דאס קינד איז נאך אין בויך איז ער גאנץ: (כח) ויהי בלדתה אונ אבער ווען דאס קינד ווערט גיבארין ויתן יד גיט דר יצה"ר אכט אין דעם קינד אריין ותקח המילדת אונ דר יצה"ר נעמט ותקשר על ידו אונ קניפט אן אין דעם קינדס כח שני ער זאל טוען עבירות לאמר זה יצא ראשונה דר יצר הרע זאגט תיכף ווי דס קינד גייט ארויס פון בויך בדארף איך צום ערשטין זיין ביי איהם. אונ ווען דר מענטש לאזט זיך פון איהם איז ער זיך אויף איהם גובר: (כט) ויהי כמשיב ידו אבער ווען דר מענטש קערט אוועק פון זיך דעם כח פון יצר הרע. אונ דורך דעם איז דס והנה יצא אחיו עס גייט ארויס זיין ברודר דס איז דר יצר טוב. אונ רעדט אן דעם מענטש ער זאל לערנען תורה אונ טוען מצות. אונ ווען דר יצר הרע וויל דעם מענטש פון דעם אפ רעדין זאגט דר פסוק והאמר דו מענטש זאלסט זאגין צום יצר הרע מה פרצת וואס טויג דיר דאס דו זאלסט מיר אפ ברעכין פון גאטס דינסט עליך פרץ אמער דאס וועט זיין אויף דיר אברך דו וועסט דאך בטל ווערין לימות המשיח. אונ ויקרא שמו פרץ דר מענטש זאל זיך רופין מיט דעם נאמען פרץ אשטארקער אונ זאל זיך אויף איהם שטארקין: (ל) ואחר אונ דר נאך יצא אחיו אשר על ידו השני ווען דער מענטש וועט נאר הערין דעם יצ"ט וועט שוין ממילא אוועק גיין זיין ברודר דר יצר הרע וואס דורך איהם הט דר מענטש גטוען עבירות ויקרא שמו זרח אונ גאט וועט רופין דעם מענטשינס נאמען דאמאלס זרח עס וועט פון איהם שיינען דר אור פון די תורה אונ מצות:

לט (ב) ויהי ה' את יוסף אונ גאט איז גיוועז מיט יוסף שרייבט דר אבק סופרים אזוי יוסף הט תמיד גיהאט אין זיינע גידאנקין גאט. ער הט קיין מאל אין איהם ניט פאר געסין. ווארום די גמרא זאגט עניות מעבירין את האדם על דעת קונו דס ארומקייט איז גורם דעם מענטש אז ער זאל פאר געסין אין גאט. אונ אויך שטייט אין פסוק וישמן ישרון ויבעט ווען די ישראל זענען פעט גיווארין מיט פול פארמעגן האבין זייא אין גאט בועט גיוועזן. אבר אויף יוסף הצדיק איז דר פסוק מעיד אז ויהי איש מצליח סיי ווען ער איז גיוועזן אגליקליכר מאן ויהי בבית אדוניו המצרי אונ סיי ווען ער איז גיוועזן אקנעכט ביי זיין האר הט ער אלץ גידענקט נאר אין גאט: (ג) וירא אדניו כי ה' אתו אונ זיין האר זעהט אז גאט איז מיט איהם וכל אשר הוא עשה אונ אלץ וואס ער יוסף טוהט ה' מצליח בידו מאכט דאס גאט דורך איהם גליקליך. דער פסוק דערציילט דאס אז דאס וואס אמענטש וויל דעם אנדערען שלעכץ טוען. אונ ווען גאט וויל מאכט ער פון די אייגענע זאך ווערט נאך דעם אנדערען מענטש בעסער ווי פריער:

ויהי

(ז) ויהי וגו' דער אור פני משה טייטשט על פי רמז אזוי . ויהי וויא איז צום מענטש אחר הדברים ווענען דעם וואס ער איז מרבה צו רעדין דברים בטלים וואס דאס איז האלה גלייך וויא דיא דינסט פון עגל וואס עס שטייט דארט דאסווארט אלה . ותשא אשת אדניו את עיניה הייבט אויף דיא ווייב פון דעם האר דעם יצר הרע איהרע אויגען אל יוסף צו דעם צדיק וואס ער וויל פערין צו טוהן אסאך מצות ותאמר שכבה עמי אונ רעדט איהם אן צו טוהן שלעכטס : (ח) וימאן זאגט איהם דער פסוק אז ער בדארף דייער צו זעהן נישט צו וועלין · ויאמר אל אשת אדוניו אונ דארף זאגען צו דיא כוחות פון דעם יצר הרע . הן דיא אותיות פון אלף בית איז פון אלף ביז טית ווערין גירופען יחידות . אותיות וואס יעדער אות באזונדער טרעפט נישט אן קיין צעהן אין פון יוד ביז צדיק ווערין גירופען עשירות זייא טרעפען אן דעם מספר צעהן אונ עס טרעפט אבער נישט אן יעדער אות קיין הונדערט . נאר ווען מעט באזאמען רעכינען צוויי אותיות אין איינעם למשל אל"ף מיט ט' (א' איז איינס אונ ט' איז ניין) טרעפען זייא אן צעהן . אונ ב' מיט ח' איז אויך צעהן אונ ג' מיט ז' . אונ ד' מיט ו' . זענין אלץ צוויי אותיות בזאמען טרעפט אן צעהן . נאר דאס אות ה' בלייבט איבער אליין זיא האט נישט זיך מיט וועמען צו מזווג זיין צו ווערין צעהן . אונ אויך דיא אותיות פון יוד ביז צדיק . איז דאס אות י' מיט דעם צ' טרעפען אן הונדערט . (י' איז צעהן אונ צ' איז ניינציג) כ' מיט פ' . ל' מיט ע' . מ' מיט ס' איז אלץ צוויי אותיות באזאמען טרעפען אן הונדערט . נאר דער אות ן' בלייבט איבער אליין אונ האט ניט מיט וועמען זיך צוא מזווג זיין צו ווערין הונדערט . נמצא ווייזען דיא אותיות ה' אונ ן' אויף גאט וואס ער האט אויך ניט קיין זיווג צו זיך . נאר ער איז אליין איינער אונ אזוי וויא עס שטייט אין פסוק (דברים י' י"ד) הן לה' אלהיך כלומר דאס ווארט הן באווייזט אויף גאט . בארף דער מענטש זאגען צו דיא שלעכטע כוחות פון יצר הרע הן אדני גאט איז דאך מיין איבערשטער האר אונ נאר איהם בדארף איך דינען ווארום לא ידע אתי מה בבית . ווייסט ער דען נישט אלץ וואס ביי מיר איז אפילו אין דיא מחשבה . וויא אזוי קען איך גאר אן הייבען צו טראכטען צו טוהן אעבירה . אונ וכל אשר יש לו אלץ וואס ער האט בשאפען אויף דיא וועלט נתן בידי האט ער איבער גיגעבען צו מיר אין האנד אז איך זאל מיט מיינע גוטע מעשים גורם זיין צו ציען השפעה אונ היות אויף דיא אלע ברואים : (ט) איננו גדול בבית הזה ממני עס איז נישט דא קיין גרעסערע זאך אויף דיא וועלט פאר מיר מענטש ווארום גאר וועגען דעם מענטש איז דאך אלע ברואים בשאפען גיווארען . אונ איך בין זייא מחיה מיט דיא מצות וואס איך טוה . אונ דיא יצר הרע זאלסט מיך נישט אפ רעדין פון דיא מצות מיט דיינע פוסטע ווערטער וואס דוא זאגסט מיר . וועגען וואס זאל איך מיר פיינינען זאג איך דיר . ולא חשך ממני מאומה גאט האט פון מיר קיין זאך נישט פאר מיטען . וויל איך רעדין קען איך רעדין אין דברי תורה . וויל איך עסין אונ טרינקען קען איך עסין אונ טרינקען פון וועגען כח צו האבען צו לערנין . כי אם אתך גאט האט נאר מיר פאר מיטען . דיך צו הערין איך זאל ניט רעדין קיין דברים בטלים אונ זאל ניט עסין טריפות אונ ניט מיט דיא כוונה צו האבען כח צו טוען שלעכטס באשר את אשתו ווארום דיא ביזט דיא כח פון יצר הרע · אונ ווען עס איז אזוי ואיך אעשה הרעה הגדולה הזאת וויא אזוי קען איך גאר האבען אין דיא מחשבה צו טוהן שלעכטס . אונ אויך וחטאתי לאלהים ווען איך וועל נאר דיר אנהייבען צו הערין וועל איך שוין בלייבען אזינדיגער

מענטש צו גאט אויף תמיד. איבער דעם וויל איך דיך נישט אנהייבען צו הערין:
(י) ויהי כדברה אל יוסף יום יום אונ ווען אויך זיא רעדט אן צו דעם צדיק אלע טאג. ולא שמע אלי' פון רעסט וועגען הערט ער איהר נישט. ווארום לשכב אצלה עס וועט איהם גורם זיין צו ליגען אין גהינם להיות עמה ווען ער וועט נאר אנהייבען איהר צו הערין: (יא) ויהי אונ ווען דער מענטש פירט זיך אזוי ווערט ער כהיום הזה האט ער קיין עבירה נישט גליייך וויא ער וואלט דעם טאג געבוירען געווארען. ויבא הביתה אונ דער מענטש נעמט זיך מיט אלע זיינע אברים לעשות מלאכתו צו טוהן דיא ארבייט פון די תורה ואין איש מאנשי הבית אונ קיין אבר איז נישט שם דארט אויף איין אנדער ארט בבית נאר זייא זענין אלע דא אין בית המדרש צוא לערנין תורה:
(יב) ותתפשהו בבגדו אונ ווען דיא כוחות פון יצר הרע זעהן אז זייא קענין נישט דעם מענטש אנרעדין. נעמט זיא איהם אן אין זיינע קליידער כלומר זיא הייבט איהם אן צריי׳ ברענגין אין מדת הגאוה לאמר דארף אבער דער מענטש צו זיך אליין זאגען שכבה עמי דאס וועט מיר ברענגין אז איך זאל ליגען אין מקום הטומאה. ויעזב בגדו בידה בדארף ער איהר אנרעדינג פון מדת הגאוה אפ לאזען ביי איהר. וינס אונ בדארף פון דיא כדה זייער אנטלויפען ויצא החוצה אונ בדארף גיין אין בית המדרש אונ לערנין דיא תורה (וואס עס שטייט ביי איהר הכמות בחוץ תרונה): (כ) ויקח אדני יוסף אתו עס שטייט אין פסוק (תהלים י״א ה) ה׳ צדיק יבחן גאט פרובט דעם צדיק מיט יסורים אויף דיא וועלט. ער שטראפט איהם ווען אויך ער האט גאר קיין זינד נישט. אונ אויך שטייט אין פסוק (קהלת ז׳ כ׳) אין צדיק בארץ אשר יעשה טוב ולא יחטא עס איז נישט דא אפילו קיין צדיק וואס ער זאל נאר טוהן גוטס אונ זאל נישט טוען קיין עבירה דאס איז דער רמז פון דיא פסוקים. גאט נעמט דעם צדיק ויתנהו אל בית הסהר אונ שטראפט איהם אויף דיא וועלט מיט יסורים מקום אויף דעם ארט אשר אסורי המלך אסורים פון גהינם. ער זאל נישט דארפען זיין אין גהינם אויף דיא עבירה אונ ויהי שם בבית הסהר ווען אויך דער צדיק ווערט געשטראפט מיט יסורים איז ער פון דעסט וועגין דער זעלביגער צדיק: (כא) ויהי ה׳ את יוסף אונ גאט איז מיט דעם צדיק ויט אליו חסד אונ טוט מיט דעם צדיק חסדים אונ טוט שוין אפ פון איהם דיא יסורים ויתן חנו בעיני שר בית הסהר אונ גאט מאכט נאך אז ער זאל האבען חן ביים יצר הרע (וואס ער ווערט גירופען דער שר פון דיא יסורים ווארום דורך איהם קומען דיא יסורים. אונ אויך דער שר פון גהינם) אונ ער הערט שוין אויף איהם אן צו רעדין צו טוהן שלעכטס: (כב) ויתן שר בית הסהר ביד יוסף אונ דער יצר הרע גיט איבער צו דעם צדיק את כל האסורים אשר בבית הסהר אלע רשעים וואס זייא בדארפען זיין אין גהינם. דער צדיק זאל זייא אויס שטראפען. ואת כל אשר עשים אונ אלע מצות וואס זייא טוהן דער נאך הוא הי׳ עשה הייסט ער דער טוער נעמט ער באזונדער שכר פאר דעם: (כג) אין שר בית הסהר ראה את כל מאומה בידו אונ דער יצר הרע וואס ער איז דער שטן זעהט שוין נישט אויף דעם צדיק קיין איין עבירה וואס ער זאל זיך אויף דעם תחמינען מיט דיא האנד באשר ה׳ אתו ווארום ביי דעם צדיק איז תמיד גאט מיט איהם. אונ ער זארגט גאר נישט אויך אויף פרנסה ואשר הוא עשה אפילו ער טוט גאר אביסעל אין געשעפט ה׳ מצליח שיקט גאט אריין אין זיין געשעפט ברכה אונ הצלחה: נאך קען מען טייטשען דעם פסוק אין שר בית הסהר ראה דער שר פון דיא תפיסה וואס יוסף איז געווען דארט

תפוס

תְּפוּס הָאט נִישְׁט גִיזֶעהְן את כל מאומה בידו . קיין שום עֲבֵרוֹת אוּנ יוֹסֵף זָאל טוּהְן עָפִּים
מִצְוֹת באשר ה' אתו , וואס דורך דֶעם אִיז גָאט מִיט אִיהם ואשר וגו' אוּנ גָאט אִיז אִיהם
מַצְלִיחַ אִין אַלֶע זַאכֶען . וָוארוּם יוֹסֵף הָאט גִיטוּהְן זַיינֶע צְדָקוֹת זַייעֶר בַּהַאלְטֶען . אַזוֹי
וִויא דִיא אֶמֶתֶע צַדִיקִים טוּהְן :

ם (א) ויהי אחר הדברים האלה וגו' אוּנ עֶס אִיז גִיוֶועֶן נָאךְ דִיא דָאזִיגֶע רֵייד . הָאט
גָאט בָּרוּךְ הוּא סְבֵּב גִיוֶועֶן אַ סִיבָּה אַז יוֹסֵף זָאל וֶוערִין נִתְגַדֵל . הָאבֶּען דִיא
צְווֵיי שָׂרִים גִיזִינְדִיגְט : (ב) ויקצף וגו' אוּנ פַּרְעֹה אִיז גִיוָוארֶען אוֹיף זֵייא צָארֶענְדִיג :
(ג) ויתן וגו' אוּנ פרעה הָאט זֵייא גִיגֶעבֶּען אִין דִיא זֶעלְבִּיגֶע תְּפִיסָה וָואס יוֹסֵף אִיז גִיוֶועֶן
תָּפוּס : (ד) ויפקד וגו' אוּנ יוֹסֵף הָאט זֵייא בַּאדִינְט אוּנ זֵייא זֶענִין אַזוֹי גִיוֶועֶן אַיאָהְר
אִין תְּפִיסָה בַּאזַאמֶען מִיט יוֹסְפִין כְּדֵי עֶר זָאל הָאבֶּען בַּיי זִיךְ שְׁטָאלְץ זֵייא צוּ פְרֶעגִין
וֶוען עֶס הָאט זֵייא נִיחָלוֹמְתְּ . דֶער צֵיילְט אוּנְז דֶער פָּסוּק וִויא גְרוֹיס עֶס אִיז דִיא
הַשְׁגָחָה פוּן גָאט אַז עֶר אִיז מְסַבֵּב דִיא סִיבּוֹת פוּן הֵיכְף מִיט אַסַאךְ צַייט פְרִיעֶר :
(ט) ויספר שר המשקים . דֶער אור פני משה טַייטְשְׁט דִיא פְּסוּקִים עפ"י רֶמֶז אַזוֹ . דֶער
יֵצֶר טוֹב וֶוערְט גִירוּפֶען שַׂר הַמַשְׁקִים . וָוארוּם עֶר רֶעדְט אַן דֶעם מֶענְטְשׁ עֶר זָאל
לֶערְנִין דִיא תּוֹרָה וָואס זִיא אִיז גִיגְלִיכֶען צוּ מַשְׁקֶה אַסַאךְ מָאהְל אִין דִיא פְּסוּקִים . אִין
מִשְׁלֵי שְׁטֵייט דִיא חָכְמָה זָאגְט ושתו ביין מסכתי טְרִינְקְט דֶעם וויין וָואס אִיךְ הָאבּ
גִיגָאסֶען . אוּנ אוֹיךְ נָאךְ פְּסוּקִים . אוּנ אוֹיךְ אִין דְרָשׁוֹת חז"ל וֶוערְט דִיא תּוֹרָה גִיגְלִיכֶען
צוּ מַשְׁקֶה . וֶוערְט דָאךְ דֶער יֵצֶר טוֹב גִירוּפֶען דֶער שַׂר הַמַשְׁקֶה . אוּנ דֶער יֵצֶר הָרָע
וֶוערְט גִירוּפֶען אִין דִיא מִדְרָשִׁים שַׂר הָאוֹפִים . אוּנ אַזוֹי וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק
(הושע ז') כלם מנאפים זֵייא זֶענִין אַלֶע מְזַנֶה אוּנ וֶוערִין דֶער הִיצְט מִיט דִיא עֲבֵירָה
כמו תנור אַזוֹי וִויא דֶער אוֹיבֶען בוערה דָאס טוּט בְּרֶענִין מאופה דוּרךְ דֶעם בֶּעקִיר
דָאס אִיז דֶער יֵצֶר הָרָע . זָאגְט דָא דֶער פָּסוּק אַז דֶער יֵצֶר טוֹב דֶער צֵיילְט את חלמו
(אִין (איוב) שְׁטֵייט יחלמו בניהם וגו' זֵייעֶרֶע קִינְדֶער זֶענִין שְׁטַארְק אִיז דָא אוֹיךְ דֶער
טַייטְשׁ חלמו) זַיין שְׁטַארְקַייט לְיוֹסֵף צוּם צַדִיק אוּנ זָאגְט אִיהם וִויא גוּט אוּנ שְׁטַארְק
עֶס אִיז צוּ דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס עֶר הֶערְט נָאר אִיהם אוּנ לֶערִינְט תּוֹרָה אוּנ טוּט מִצְוֹת
וּמַעֲשִׂים טוֹבִים ויאמר לו אוּנ זָאגְט צוּ אִיהם בְּחֶלְמִי דוּרךְ מַיין שְׁטַארְקַייט וָואס אִיךְ
גִיבּ אַרֵיין אַ כֹּחַ צוּ טוּעֶן מַעֲשִׂים טובים והנה גפן לפני שְׁטֵייעֶן דִיא יִשְׂרָאֵל פַאר מִיר
זֵייא הֶערִין נָאר מִיר : ( ) ובגפן שלשה שריגם אִין דִיא יִשְׂרָאֵל אִיז דָא דְרַייא אַלֶערְלַייא
צְווֵייגֶען כֹּהֲנִים . לוים . ישראלים . וָואס זֵייא הָאבֶּען זְכוּתִים פוּן דְרַייא אָבוֹת אברהם .
יצחק . ויעקב . וָואס זֵייא הָאבֶּען מְקַבֵּל גִיוֶועֶן דִיא תּוֹרָה אִין דְרִיטֶען חודש . והוא אוּנ
זִיא דִיא תּוֹרָה כפרחת וֶוען זִיא הֵייבְּט אָן צוּ בְּלִיהֶען אִין מֶענְטְשׁ וֶוען עֶר הֵייבְּט נָאר
אִיהְר אָן צוּ לֶערְנִין עלתה נצה בְּרֶענְגְט זִיא אוֹיף אִיהְר שְׁפְּרָאצִינְג אִין מֶענְטְשׁ אַרֵיין
זִיא עֶנְדֶעקְט אִיהם אִיהְרֶע סוֹדוֹת . וֶוען אִיז דָאס הבשילו אשכלתי' ענבים וֶוען דֶער
מֶענְטְשׁ לֶערִינְט אִיהְר לִשְׁמָהּ דָאס אִיהְרֶע עֶנְגְלִין זָאלִין פַּארְטִיג וֶוערִין צוּ וויינְטְרוֹיבֶּען
כְּלוֹמַר עֶר זָאל ווִיסֶען וִויא נוֹהֵג צוּ זַיין אִין עֲבוֹדוֹת הַבּוֹרֵא : (יא) וכוס פרעה אוּנ אַכוֹס
מִיט בַּאצָאלִינְג פוּן שְׂכַר בְּעוֹלָם הַבָּא בידי אִיז דוּרךְ מִיר . ואקח את הענבים אוּנ אִיךְ
בוה נֶעמִין דִיא מִצְוֹת ואשחט אתם אוּנ קְוֶועטְשׁ אוֹיס פוּן זֵייא אל כוס פרעה גוּטֶען
שְׂכַר . דִיר מֶענְטְשׁ צוּ בַּצָאלִין לְעוֹלָם הַבָּא אוּנ דוּא זָאלְסְט נִיט מוֹרָא הָאבֶּען טָאמֶער
ווִעט מֶען דִיר דֶעם שְׂכַר פַאר לֵייקִינֶען זָאג אִיךְ דִיר ואתן את הכוס על כף אִיךְ טוּה
גֶעבֶּען דֶעם כוס מִיט דַיין שְׂכַר אִין אַזוֹי אַהַאנְד אַרֵיין וָואס פרעה מֶען וֶועט גֶעווִיס

בצאלין

באצאלק אזוי וויא אין דיא גמרא (יומא ל״ז.) שטייט מוגבו המלך האט מפזר גיוועז אסאך געלד אויף צדקה אונ ער האט גיזאגט מיינע עלטערין האבען בהאלטען זייערע אוצרות אויף דיא וועלט וואס גנבים קענין אהדים גנביגען . אבער איך מיין צדקה וואס איך האב גיגעבען טוה איך דאס בהאלטען אאוצר אויף אויף עולם הבא וואס עס איז בטוח פון גנבים : (יב) ויאמר לו יוסף ווען דער צדיק הערט דאס . זאגט ער צו זיך אליין זה פתרנו דיא עולם הזה איז נאר גלייך וויא אחלום . אונ עולם הבא איז דער פתרון פון דעם חלום פון עולם הזה דארט איז דער עיקר . שלשת השריגים . דיא ישראל וואס זענין דריי אלערליי צווייגען (אזוי וויא פריער שטייט) שלשת ימים הם זייסען אז דיא וועלט איז איינגיטיילט אין דריי אלערליי צייטען . ימי עלי׳ דיא יונגע יאהרען פון מענטש ווערין גירופען ימי עלי׳ יאהרען וואס ער גייט אלע טאג גרעסער אונ שטארקער אין דיא כוחות . אונ דיא מיטעלע יאהרען ווערין גירופען ימי עמידה יאהרען וואס ער שטייט אין זיי אויף איין זעלבינען אופן . אונ דיא לעצטע יאהרען ווערין גירופען ימי ירידה יאהרען וואס ער גייט אין זייא אלע מאהל אראפ פון דיא כוחות : (יג) בעוד שלשת ימים אונ זייא בקלערין תמיד אז ווען עס וועט אוועק גיין דיא דרייא צייטין וועט ער שטארבין . איבר דעם זעהן זיי אין דיא צייט פון זייער לעבין צו טוען אסאך מעשים טובים פון וועגין דם זייעד שטארבין זאל ניששט זיין דורך דעם מלאך המות . נאר ישא פרעה את ראשך דיין שכר פון עולם הבא זאל דיר ביין קאמ אראפ נעמען כלומר ווען דו וועסט שוין אלץ אויף די וועלט מתקן זיין אונ עס וועט קומן דיא צייט דיר אוועק צו געבין ביין שכר דאמאלס וועסט דו שטארבין והשיבך על כנך אונ דר גאט וועט דיר צוריק קערין אויף דיין שטעלל אין גן עדן ונתת כוס פרעה אונ דו וועסט אויף געבין דיין כוס מיט די מעשים טובים בידו וואס דורך דעם כוס כמשפט הראשון זעט זיין דיין משפט אז דו ביזט זייער קדוש וטהור אזו וויא דיא נשמה איז גיוועזן צום אנהייב ווען זיא איז אין דיר אריין גיגעבין גיווארין אונ פאר ווס איז דם אלץ אשר היית משקהו וייל דו ביזט גיוועזן דר אנטרינקער דוא האסט גילערינט פול תורה . דאס זאגט אלץ דר יצר טוב : (יד) כי וגו׳ זאגט דער מענטש דר צדיק צום יצ״ט איך וויל דיר טאקע צו הערין נאר איך בעט דיך כי אם זכרתני דו זאלסט נאר מיר תמיד דערמאנען אין דיר איך זאל נאר דיר נים פאר געסן . ווארום דם איז ידוע אז ווען דר יצר הרע רעד אן דעם מענטש צו טוען אעבירה איז ער גובר אין מענטש דעם כח השכחה אז דער מענטש זאל נאר פר געסין אין גאט . אבר ווען דו יצר טוב וועסט נאר מיר תמיד דר מאנען וועל איך גיוויס נאר דיר הערין כאשר ייטב לך ווארום דם איז דאך פאר דיר זייער גוט ועשית נא עמדי חסד אונ דו וועסט מיט מיר אויך טוען חסד והזכרתני אוען דו וועסט נאר מיר דר מאנען אונ אויך חלילה וועל איך אמאל דיר נישט אזו תיכף צו הערין זאלסטו מיר דר מאנען אל פרעה וועגין דעם שבר ווס איך וועל חלילה היזק האבין ווען איך וועל טוען די עבירה והוצאתני מן הבית הזה וועסט דוא מיר ארים ציהען פון תאוות הגוף ווס ער ווערט גירופן בית : (טו) כי גנב גנבתי מבית העברים ווארום ווען די יצר טוב וועסט מיר נים אלע מאל דער מאנען אין גאט האב איך מורא טאמר וועט מיר דר יצר הרע אנרעדין ביסליך וויים אז איך זאל מיר אוועק גנבנן פון דיא מנהגים פון די ישראל וגם פה לא עשיתי מאומה אונ דר נאך וועט ארויס קומן אז איך וועל דא אויף די וועלט נאר נים טוען קיין מצות . האב איך מורא כי טאמר שמו אותי בבור וועט קען מיר אריין טוען אין גיהנם : (טז) וירא שר האופים כי טוב פתר זעהט דר יצר

הרע אז דר מענטש איז זיך פוטר ער זאל נאר לערנען די תורה וואס ווערט גירופין טוב אונ וויל נאר טוען מעשים טובים ויאמר אל יוסף זאגט ער צוא דעם מענטש דער יצר טוב זאגט דיר נאר אז מען דארף נאר איהם הערין אף אני בחלומי מען דארף מיר אויך הערין מיט מיין שטארקייט ווס איך וויל דיך שטארקן דוא זאלסט האבין כח והנה אין אנהייב רעד דר יצר הרע זייער גליך אונ זאגט איהם שלשה סלי מען בדארף אז גרייטין ברויט אונ פלייש אונ פאטראוועס צו עסין מען מוז טוען אעסק אויך חורי מען זאל זיין פרייא מע זאל זיך נישט דארפין פארדינגען צום אנדערין פר אשטיקיל ברויט על ראשי זאגט דר יצר הרע דס ליגט אויך אויף מיין קאפ. איך בדארף דען דאס דיר מענטש דער מאגען. דו אליין דארפסט דס פארשטיין: (יז) ובסל העליון אונ דו זאלסט ניט זאגין אז דו דארפסט ניט עוסק זיין וועגין פרנסה ווארום אין אייבערשטין קויבער איז דא מכל מאכל פרעה פון אלע מיני מאכלים צו געבין דעם מענטש פר זיין שכר אזו וויא די גמרא זאגט כל מזונותיו של אדם אלע דערנערונג פון מענטש קצובים לו מראש השנה איז פון זיינעט וועגין קצוב פון הימל פון ראש השנה אויף אגאנץ יאר. זאג איך דיר אבער מעשה אופה עס שטייט אבער אויך אז דער מענטש דארף טוען אונ השי"ת העלפט איהם אין זיי והעוף דר צדיק ווס פליהט אין דר הויך מיט זיינע צדקות אוכל אותם מן הסל ווס ער עסט נווים פון דעם קויבער פון הימל פון דעסטוועגין מעל ראשי גייט ער אויך נאך מיינע גידאנקען אונ איז אויך עוסק אין פרנסה. דארפסט דוא אויך זעהן עוסק זיין אין עסקים פון וועגין פרנסה. אונ דיא כוונה פון יצר הרע איז ביסליך וויים איהם צום ציהען פון די תורה ביז ער וועט נאר אויף הערין צו לערנען: (יח) ויען יוסף דארף אבר דר מענטש ווס הט שכל אוים שרייען אונ באקלערין אין זיך זעלבסט ויאמר אונ זאגין צו זיך זה פתרונו דס איז דס בשיידעניש פון די רייד פון יצר הרע. שלשת הסלים דס ווס ער רעדט מיר איין אז איך בדארף עוסק זיין אין עסקים פון וועגין איך זאל מיר אן גרייטין די דרייא ערלייא מאכלים. ברויט אונ פלייש אונ פאטראוועס שלשת ימים הם מיינט ער מיר. מיט דעם מיין קאפ צו פאר דרייען מיינע אלע יארין וואס איך דארף לעבין איך זאל גאר עוסק זיין אין נאריטקייט: (יט) בעוד שלשת ימים מען בדארף זיך אבר באהעכינען אז ווען די דריי ערלייא צייטין פון לעבין וועט אוועק גיין ישא פרעה וגו' דר מלאך המות ווס ער ווערט גירופין פרעה ווארום ער צו רייסט דעם מענטש אונ אויך איז ער דר יצה"ר ווס ער צו שטערט דעם מענטש פון יודישקייט וועט ארא'פ נעמען דעם קאפ פון דיר גוף כלומר דו וועסט דארפין שטארבין ותלה אותך על עץ אונ דער יצר הרע וועט אלץ דיר מיט זיינע רייד אן רעדין אונ וועט דיר אויך זאגין אז דו ביזט אגאנץ פרומער יוד אונ דאס ווס דו שטארבסט איז דס נאר פון חטא עץ הדעת ווס עס איז דורך דעם גיגזר גיווארין אז מען מוז שטארבין. קען פון דעם ארוים קומען אז דו זאלסט נאך שטארבין אן תשובה ואכל העוף וועט נאך דר צדיק האמת אויף עסין את בשרך מעליך דיין פלייש כון אף דיר כלומר ער וועט צו נעמען דיין שכר פון דיינע מצות אזו וויא אין די גמרא (חגיגה טו) שטייט זכה ווען דר מענטש איז זוכה מיט זיינע מצוות נוטל חלקו וחלק חברו בגן עדן נעמט ער צין אייגינעם חלק אונ אויך זיין חברם חלק אין גן עדן: ווען דר מענטש וועט דאס אלץ באהעכינען מיט זיין שכל וועט ער גיוויס שוין נישט הערין דעם יצר הרע מיט זיינע גלאטינע איינרעדונג:

מא (א) ויהי מקץ שנתים ימים אונ עס איז געוועז אין סוף צוויא יאר פון דיא צייט וואס יוסף האט פותר געוועזן דעם חלום פון שר המשקים אונ ווייל יוסף האט זיך אויף איהם פר זיכערט אז ער זאל איהם טוהן אטובה בייא פרעה אונ האט זיך גישט פאר לאזט אויף גאט איז ער גישטראפט געווארין צו זיין נאך צווייא יאר תפוס. אונ נאך די צווייא יאר האט גאט ברוך הוא שוין אן גיגרייט די סיבה צוא זיין גאולה ופרעה חולם האט זיך צו פרעה גיחלומת והנה עומד על היאור אונ ער שטייט אויף דעם טייך. דער מדרש זאגט אמר פרעה זאגט פרעה צוא יוסף מי מתקיים על מי זאג מיר ווער שטייט אויף ווען אני על אלהי צו איך שטיי אויף מיין גאט או אלהי עלי צו מיין גאט שטייט אויף מיר אמר ליה זאגט יוסף צו פרעה אתה על אלהיך דו שטייסט אויף דיין גאט הדא הוא דכתיב דס איז וואס עס שטייט אין פסוק ופרעה חולם והנה עומד על היאור פרעה האט גיחלומת דס ער שטייט אויף דעם טייך איז דאך דעם מדרש ניט צו פר שטיין. קען מען זאגין אזו. דעם מדרש איז קשה פר וואס דא אין פסוק (א) שטייט והנה עומד על היאור עס האט איהם גיחלומת ער שטייט אויף דעם טייך. אונ ווען פרעה דערציילט דעם חלום צו יוסף שטייט אין פסוק (יז) וידבר פרעה אל יוסף פרעה זאגט צו יוסף בחלומי הנני עומד על שפת היאור אין מיין חלום האב איך גיזעהן אז איך שטיי אויף דעם בארטין פון טייך? דערציילט ער גאר אנדערש וויא עס האט איהם גיחלומת? נאר דער תירוץ איז פרעה האט גיוואלט וויסין צו יוסף איז גאר אקלוגר מאן ער קען פון דעם חלום גוט פר שטיין דעם פתרון. צו ער איז אויך אגעטליכער מאן ער ווייסט מיט רוח הקודש דעם פתרון פון חלום. איבר דעם האט פרעה אנדערש גיזאגט וויא עס האט איהם גיחלומת פון וועגין ער זאל זעהן צו יוסף וועט וויסין דס פר ענדערונג דורך זיין רוח הקודש צוא גישט. אונ יוסף האט דס טאקע גיזעהן מיט רוח הקודש. אונ דס איז ידוע אז פרעה האט גיהאלטין דעם טייך נילוס פר אגאט. מיט דעם איז שוין דער מדרש גאנץ גוט צוא פר שטיין וואורום פרעה האט גיוואלט איהם אפ טיילין כבוד אונ האט ניט גיוואלט זאגין אז ער איז גיווים גישטאנען אויף זיין גאט נאר אמר פרעה זאגט פרעה צו יוסף איך האב פר געסין וויא אזו איך האב גיזעהן אין חלום. מי מתקיים על מי ווער שטייט אויף ווען אני על אלהי צו מיר האט גיחלומת אז איך שטייא אויף מיין גאט כלומר איך שטייא אויף דעם טייך. או אלהי עלי צו מיר האט גיחלומת אז מיין גאט שטייט אויף מיר כלומר איך שטייא אויף דעם בארטין פון טייך. איז דאך די וואסר פון טייך העכער פון מיינע טריט אמר ליה זאגט יוסף צו פרעה אתה על אלהיך דיר האט גיחלומת אז דו שטייסט אויף דיין גאט כלומר דו שטייסט אויף דעם טייך הדא הוא דכתיב דאס איז וואס עס שטייט אין פסוק והנה עומד על היאור ער שטייט אויף דעם טייך. דר באר משה טייטשט דיא פסוקים על פי רמז אין מוסר אזו. מיר זעהן אז דיא מענטשין זענען איין געטיילט אין פיל קלאסין. אנדערע וואס זיי האבין דעם שכל האמת נעמען זיך תיכף אין די יונגע יארין צו עבודות השם. אונ אנדערע נעמען זיך יעצט צו עבודות ווען זיי זענען שוין אויף דיא עלטער. אונ אנדערע לעבין אפ זייערע יארין אין גאנצין אונ טוען גאר נישט. איז דיא מענטשין וואס נעמען זיך תיכף אין די יונגע יארין צו עבודת הבורא זייער גוט נאר אבער די אנדערע סארט מענטשין וואס אין די יונגע יארין זענען זיי נאר פאר יאגט אין הבלי עולם הזה אונ האבין גאר ניט קיין צייט צו נעמען זיך צו טוען עבודות הבורא נאר ווען זייא קומען שוין אין די עלטער בארעכנען זיי זיך דאמאלס. עס איז דאך שוין נאהינט צום טוים וואס וועט זיין דר תכלית. אויף זיי זאגט דער פסוק ויהי ווייא איז צו דעם מענטש

וואס

וואס מקץ שנתים ביא דעם סוף פון זיינע יארין ימים געמט ער זיך צו בארעכנען די טעג וואס זענען בייא איהם אוועק גיגאנגען מיט גאר נישט ופרעה דער יצר הרע הולם מאכט איהם דיא גאנצע לעבין גלייך וויא אחלום והנה עומד על היאור אונ ווען אויך ער זעהט דאך אז ער שטייט אויף דעם טייך אזו וויא אין בחינות עולם שטייט העולם ים זועף דיא עולם הזה איז גלייך וויא א טייך ווען ער שטארימט. כלומר די עולם הזה איז אויך אזו מיט פול סכנות. בדארף דאך דר מענטש זעהן צו זיין גיהיט דס ער זאל חלילה ניט אריין פאלין אין די טיפעניש פון ים פון דעם יצר הרע: (ב) והנה מן היאור עולות שבע פרות אונ פון דעסטוועגין גייט אויף דר יצר הרע מיט זיינע זיבין כוחות וואס זענען פרה ורבה אין מענטשין שלעכטע גידאנקין אונ רעדט אן דעם מענטש ער זאל ווייטער נאר עוסק זיין אין הבלי עולם הזה פון וועגין ער זאל האבין יפות מראה אשיין גישטאלט ובריאות בשר אונ זאל זיין פעט מיט פלייש ער זאל זיך אן טוהן תענוגים ותרעינה אונ זאל זיך גיזעלין באחו מיט גוטע ברודר צו פאר ברענגען מיט זייא די צייט אין רעסטוראציעס פון וועגין ער זאל באקאנט ווערין מיט פול סוחרים צו מאכין אסאך גישעפטין צוא האבין פול געלד: (ג) (ד) והנה וגו׳ ותאכלנה וגו׳ זאגט אבער דר פסוק דר סוף איז גאר פר קערט וויא ער הט גירעכינט דר יצר הרע הט איהם פאר געלייגט זיבין ערלייא גישעפטין וואס טוהט אבער דר השי״ת ער מאכט איהם ער זאל אין דיא אלע גישעפטין דר לייגין געלד. נמצא ווערט נאך זיין פריערדיגע געלד דורך די גישעפטין אויף גיגעסין אונ עס בלייבט איהם גאר נישט. אונ דר אור פני משה טייטשט דעם פסוק (א) אונ דעם פסוק (ב) אויך אזו ווי פריער. אז די זיבין כחות פון יצר הרע מערין ביי דעם מענטש שלעכטע פרוכט אונ רעדין איהם אן אז ער זאל זיך נאר אן טוהן פארגניגין. דרום ופרעה דס איז דער מבת הדין וואס ער בצאלט שטראף חלם וגו׳ שטארקט ער זיך איבר דעם זאגט דר פסוק אעצה צום מענטש ותרעינה אז ער זאל זעהן צו ברעכין די תאוות באחו פון וועגין דס ברודר שאפט כלומר דס דביקות פון די שכינה וואס זיין נשמה איז צו איהר בהעפט:

(ד) והנה שבע פרות אונ בדארף זיך נעמען צו לערנען די תורה וואס אויף איהר שטייט אין פסוק (משלי ט) חצבה עמודיה שבעה דיא תורה איז איין גיטיילט אין זיבין אזו וויא די גמרא זאגט (אין שבת קטז) אונ דאס איז אנטקעגין די זיבין כחות פון יצר הרע אזוי וויא די גמרא זאגט (קדושין ל) גאט זאגט בראתי יצר הרע איך האב בשאפין דעם יצר הרע בראתי תורה תבלין האב איך צו דעם בשאפין די תורה וואס זיא לאזט נישט דעם מענטש קאליע ווערין פון דעם יצר הרע פרות אחרות די זיבין חלקים פון די תורה וואס דס איז אויך אנטקעגין די שבעה חכמות זענען מפרה ומרבה אין דעם מענטש פול חכמה אונ מצות עולות (אחריהן) מן היאור וואס דס איז אויך גאר צו טוען בעולם הזה אזו וויא די גמרא זאגט היום לעשותם אויף די וועלט בדארף מען טוען מצות ומעשים טובים (ומחר) לקבל שכר אונ לעולם הבא צו נעמען שכר. אבר דארט קען מען נישט טוען קיין מצות. אונ אזו וויא די גמרא (ע״ז ג) זאגט מי שלא הכין בערב שבת דר וואס גרייט נישט אן קיין עסין אום פרייטאג כלומר ער טוהט נישט קיין מצות בעולם הזה אין לו מה לאכול בשבת הט ער נישט וואס צו עסין אום שבת כלומר הט ער נישט בעולם הבא קיין שכר. רעות מראה ודקות בשר זאגט נאך דר פסוק אעצה אזו וויא אין רמב״ם שטייט אז דר מענטש בדארף צו טוען תשובת המשקל כלומר ער בדארף זיך איבר וועגין וויא פול ער האט זיך צו גילאזט תענוגים בדארף ער אנטקעגין דעם אזו פול זיך אפ ציהען פון תענוגים. דס מיינט דר פסוק ווען פריער הט איהם דר יצר הרע אן גירעדט אונ הט

פול

פול גיגעסין אונ הט זיך אן גיבריט פעט פלייש פון וועגין די ווערים נאך זיין טויט זאל ער זעהן ווייניגער צו עסין ווען אויך ער וועט דורך דעם ווערין מאגער אונ וועט אויס קוקין שלעכט זאל ער אזו טוען אונ מיט דעם זאל ער לערנען די תורה אונ טוען מצות אונ אזו וויא די משנה זאגט (אבות פרק ה) פת במלח תאכל וגו׳ ברויט מיט זאלץ מיט וואסער זאלסט דו עסין אונ טרינקען ובתורה אתה עמל אונ דו זאלסט לערנען די תורה אם אתה עושה כך ווען דוא וועסט אזו טוען אשריך וטוב לך ביזט דו אויף די וועלט גליקליך אונ עס וועט דיר גוט זיין לעולם הבא ותעמודנה אצל הפרות ווען שטייט די פול שכר צו די צדיקים וואס לערנען דיא תורה על שפת היאור בייא דעם ברעג פון טייך. דס איז דר סוף פון לעבין פון מענטש ווען ער גייט אוועק פון די וועלט וואס זיא איז גלייך צום טייך אונ גייט שוין אויף די אנדערע זייט טייך דארטין בעולם הבא שטייט פר איהם אלע זיינע תורה אונ מצוות גרייט איהם מקבל פנים צו זיין אונ ער נעמט דארט זיין שכר: (ד) ותאכלנה וגו׳ אונ דר מענטש זאל גישט זאגין דס איז נאר צו די וואס זענען צדיקים פון זייערע יונגע יארין. אבר ווען ער איז אין די יונגע יארין גישט קיין צדיק אונ וויל ווערין אבעל תשובה. דס איז נישט גוט. זאגט דר פסוק אזו וויא די גמרא זאגט גדולים הבעלי תשובה יותר מהצדיקים די בעלי תשובות זענען נאר גרעסער פון די צדיקים ותאכלנה הפרות רעות המראה ודקות הבשר ווען דער מענטש נעמט זיך צו לערנען די זיבין חלקים פון די תורה אונ עס איז בייא איהם דיא תורה פרה ורבה אונ פייניגט זיך ער שטייט אויף פר טאג צו לערנען ווען אויך דורך דעם איז זיין גישטאלט שלעכט אונ איז מאגער. פון דעסטוועגין לערינט ער נאר תמיד. פר לענד דס את שבע הפרות יפות המראה והבריאות די זיבין כחות פון יצר הרע וואס זייא האבין איינגירעדט דעם מענטש ער זאל נאר עסין אונ טרינקין פון וועגין ער זאל אויס זעהען שיין אונ זאל זיין פעט. אונ דורך דעם איז ער גיקומען צו ביטול תורה אונ הט גיטוען עבירות. אבער ווען ער וועט זיך נעמען צוא תשובה טוען וועט דאס אלץ פאר געסין ווערין. אונ דר מענטש זאל גיט פרעגין אקשי׳ פר וואס בדארף ער זיך נאך צו פייניגין ווייניגער צו עסין אונ ווייניגער זיך תענוגים אן טוען ווען ער וויל זיין אבעל תשובה. אמער גאט ווייסט דאך דעם אמת אז ער הט חרטה. זאגט דער פסוק טאקע פאר גאט וועגין וואלט מען טאקע גישט בדארפט דס. נאר ויקץ פרעה דר מדת הדין איז מקטרג אויף דעם מענטש. וועגין דעם בדארף מען ווייניגער זיך תענוגים אן צוא טוען צו פאר מאכין די מיילער פון די מקטריגים. דס איז ווע׳ דר מענטש טוהט תשובה. אבר חלילה: (ה) ויישן ווען דר מענטש ווערט אזו פר שלאפין זיין גאנץ לעבין מיט זיין נארישקייט אונ טוהט גיט קיין תשובה. ויחלום שנית מוז ער נאך אמאהל מגולגל ווערין אויף דיא וועלט וואס זיא איז גלייך וויא אחלום. אונ וועגין וואס טוהט דס גאט והנה שבע שבלים פון וועגין די זיבין חלקים פון די תורה עלות זאלין אויף גיין בקנה דורך דער רער פון האלז וואס דר קול אונ דר דיבור גייט ארויס אחד עס זאל זיין פון גאטס וועגין וואס ער איז איינער בריאות וטובות דיא דיבורים זיינע זאלין גאר זיין אין דיא תורה אונ אויך זאלין זייא זיין גיזונד אונ גוט כלומר זיי זאלין זיין נאר לשם ה׳ נישט פון גאוה וועגין: (ו) והנה וגו׳ זאגט ווייטער דער פסוק. ווען דער יצר הרע זאגט צו דעם מענטש טאקע דוא האסט שוין גילערינט פיל תורה. מען דארף דאך אבער לערנין אויך אנדערע שבע חכמות. זאג איך דיר אבער והנה ווען שבע שבלים דיא זיבען חכמות וואס קומט נאר צריין אין דיר מענטשינס גידאנק אונ דוא באמערקסט אז דאס איז

נאך

גאר פון דיא כוחות פון יצר הרע. דקת ושדפת קדים צמחת אחריהן וואס דאס זענין
גאר אוים געקלאפטע כוחות. וייער נישט קיין נוטצליכע. אונ דאס טוט דער יצר
הרע מאבען שפראצען אין דיר נאך דעם וויא דוא לערינסט אפ דיא תורה. זאג איך
דיר מענטש: (ז) ותבלענה השבלים הדקות דיא זיבען חכמות וואס דאס איז וייער
דינע כוחות. עס קען זיך נעך איבער בייסען דורך זייא דאס יודישקייט פון דיר. קען
דאס נאך איינשלינגען את שבע השבלים הבריאות והמלאות דיא זיבען כוחות פון דיא
זיבען חלקי התורה. באמאלם קען זיין ויקץ פרעה ווען דער מדת הדין וועט זיך אויף
כאפען אויף דיר והנה חלום וועט ער זיך שוין שטארקען אויף דיר צו מאבד זיין דיר
חלילה גאר אין גאנצען. איבער דעם בארפסטו צום מיינסטען נאר טוהן אין דיא
תורה. אונ אויך אין נאך חכמות וועלכע דאס וועט דיר נישט אראפ פירען פון גאט
אונ פון דיא תורה: (יז) וישלח וגו׳ דער יצר הרע ווערט גירופען פרעה. אונ דער
תלמוד חכם וואס לערינט אלע מאל מעהר דיא תורה ווערט גירופען יוסף. אונ נאך
דער יצר הרע זעהט אז ער רעדט אן דעם מענטש צו טוהן שלעכטם אונ דער מענטש
הערט איהם נישט. ווערט דער יצר הרע נאך צו גיבויגען צו דעם מענטש אונ רעדט
איהם נאך צו ער זאל גאר טוהן מצות. דאס איז דער רמז פון דעם פסוק וישלח פרעה
דער יצר הרע שיקט ויקרא את יוסף אונ רופט דעם צדיק דעם תלמוד חכם ויריצהו
מן הבור אונ מאכט איהם ארוים לויפען פון דיא תפיסה ער זאל גיט ליידען קיין יסורים
אונ ער הערט שוין אויף צו גראבין אגריב אויף דעם מענטש. נאר אדרבה ער רעדט
איהם צו טוהן מצות אונ צו לערנין תורה אונ דורך וואס איז דער מענטש זוכה צוא
דעם ויגלח דורך וואס ער גאלט זיך אפ דיא האר דאס באווייזט אויף דיא מותרות
וואס ער ווארפט פון זיך אוועק ויחלף שמלתיו אונ בייט אוים זיינע קליידער דאס איז
דיא מידות הרעות לאזט ער אוועק פון זיך אונ נעמט זיך צו מידות טובות ויבא אל
פרעה אונ קומט צו דעם יצר הרע אונ האט שוין נישט קיין מורא פאר איהם: (כח) הוא
הדבר אשר דברתי אל פרעה. דאס איז דיא רייד וואס איך טוה רעדין צו דיר פרעה
אשר האלהים עשה דאס איינע וואס גאט טוט הראה את פרעה האט ער גיוויזען צו
דיר פרעה דוא זאלסט אויך אזוי טוהן. אזוי וויא ער איז מפרנס דיא ברואים פון דיא
וועלט אזוי זאלסטו פרעה אויך שפייזען דיא ברואים אין דיא יאהרען פון הונגער. אוי
אזוי וויא ער האט געשיקט דיא רפואה דאס איז דיין חלום פאר דיא מכה פון הונגער.
אונ אויך דיא יאהרען פון זעט וועלין זיין פריער פאר דעם הונגער אזוי זאלסטו אויך
זעהן אנברייטען פיל תבואה אין דיא יאהרען פון זעט. פון וועגען עס זאל זיין דער
נאך אין דיא יאהרען פון הונגער וואס צו עסין: (לז) וייטב וגו׳ אין פסוק (י״ד) האבען
מיר גישריבען אז דער יצר הרע ווערט גירופען פרעה אונ דער צדיק ווערט גירופען
יוסף. אונ ווען דער צדיק איז זוכה צוא זיין דער צדיק האמת. איז דער יצר הרע
אויך צופרידען. דאס איז דער רמז אין פסוק. וייטב הדבר דיא זאך פון דעם צדיק
איז גוט בעיני פרעה אין דיא אויגען פון דעם יצר הרע ובעיני כל עבדיו אונ אויך צו
דיא אויגען פון זיין גאנצע קאמפאניע: (לח) ויאמר פרעה. ווען דער יצר הרע זעהט
אז דער המון ווילען אויך זיך נוהג זיין אזוי וויא דער צדיק מיט פרישות וחסידות אונ
דיא גמרא זאגט אבער לא עם הארץ חסיד דער פראסטער מענטש קען זיך נישט נוהג
זיין אין פרישות וויא דער צדיק. זאגט דער יצר הרע אל עבדיו צו דעם המון עס
האט זענין זיינע קנעכט כלומר אין פיל זאכע זענין זייא צו איהם משועבד אונ הערין

איהם

איהם. הנמצא כזה איש אשר רוח אלהים בו צו דעם צדיק וואס ער האט אין זיך געטליכע גידאנקען. איז דען דאס איהם אן גיקומען גרינג אן טירחא אזוי וויא מען געפונט אמציאה. ער האט פיל עובד גיוועזן אין עבודות תמיד טאג אונ נאכט האט ער צו דעם זוכה גיוועזן אונ איהר ווילט איהם נאכטוען. עס איז נישט פאר אייערע כוחות אונ ניט פאר אייערע מוחות. אזוי רעד איין דער יצר הרע צו דיא מענטשין. אבער באמת איז נישט אזוי. וואָרום דער וואס וויל ווערין אבעל תשובה באמת איז ער נאך זוכה צו זיין גרעסער פון דעם צדיק: (לט) ויאמר פרעה אל יוסף אונ דער יצר הרע זאגט צום צדיק אחרי הודיע אלהים אותך את כל זאת וייל גאט האט דיר גימאכט אלם וויסען אפילו מיט וואס מיר איין צו נעמין אין נבון וחכם כמוך איז שוין נישט דא נאך אזוי אקליגער וויא דוא ביזט: (מ) אתה תהיה על ביתי דוא אליין זאלסט האבען צו שאפען אויף דיינע אברים וואס איך האב פריער גירעכינט צו מאכען אין זייא מיין הויז איך זאל אויף זייא האבען צוא שאפען. אצונד זענין שוין אלע אברים צו דיר איבער גיענטפערט. אונ איך האב נישט קיין מורא. דיא אברים וועלין נישט האבען וואס צו עסין. ווען דוא וועסט נאר עוסק זיין אין עבודות הבורא. וואָרום ועל פיך דורך דעם וואס דיא היטסט אפ דיין מויל נישט צו רעדין דברי רכילות אונ שקר אונ דברים בטלים. נאר דוא רעדסט מיט דיין מויל נאר אין דברי התורה. דורך דעם ישק כל עמי וועט ווערין גישפייזט אלע אברים. אונ זאלסט נישט זאגען. ווען איך יצר הרע וועל דיר שוין מעהר נישט אנרעדין צו שלעכטם פאר וואס וועט דיר קומען שכר. זאג איך דיר רק הכסא נאר ווענין דיא שטול פון מלוכה כלומר פון וועגין דיין שכר אין גן עדן אגדל ממך וועל איך מיר אמאהל גרעסין איבער דיר אונ דיר צורעדין צו שלעכטם. אבער ביים סוף וועל איך זיך לאזען אז דוא זאלסט מיר מנצח זיין: (מא) ויאמר פרעה אל יוסף אונ דער יצר הרע זאגט ווייטער צום צדיק ראה נתתי אתך זעה איך גיב דיר דוא זאלסט האבען צוא שאפען על כל ארץ אויף דעם גאנצען גוף מצרים וואס ער איז תמיד צווישען צוויי גרענצין צווישען מיר אונ צווישען דעם יצר טוב: (מב) ויסר פרעה אונ דער יצר הרע טוט אפ את טבעתו דיא תאוה פון געלד מעל ידו פון דעם צדיקס האנד. אז דאס וואס דער צדיק איז עוסק אין פרנסה זאל ער נישט מיינען פון וועגען דיא תאוה פון געלד צו האבען ויתן אתה על יד יוסף נאר פון וועגען ער זאל האבען כח צו מערין אין עבודות הבורא. וילבש אתו בגדי שש ער זאל זיך קענין אנקליידען מיט זעקס בגדים דאס איז דיא זעקס סדרים פון ש״ס. וישם רביד הזהב אונ מאכט זיך מיט דיא תורה אגילדינעם האלז באנד על צוארו דורך זיין האלז. כלומר דורך זיין לערנין וואס ער רעדט מיט דעם האלז וועט ער האבען אין גן עדן זייער אטייערין שכר: (מג) וירכב אתו במרכבת אונ ווען ער וועט שטארבען וועט מען איהם מאכען רייטען אין ארייטוואגען המשנה פון זיין לערנין אשר לו וואס דאס איז זיינס ער נעמט דאס מיט לעולם הבא. ויקראו לפניו אברך אונ מען וועט פאר איהם אוים רופען ער איז איונגער מאן ער האט נישט קיין עבירות אונ אויך אבער איז ער אפאטער ער איז פיל מיט תולדות פון מצות ומעשים טובים. ונתן אתו על כל ארץ מצרים אונ ווען ער לעבט נאך האט ער צו שאפען אויף אלע זיינע אברים ער זאל נאר טוהן מיט זייא אין עבודות הבורא: (מז) ותעש הארץ איז דער רמז אזוי דער גוף ווערט גירופען ארץ וואָרום ער איז דאך פון ערד. אונ ווען דער גוף פון צדיק טוט בשבע שני השבע אונ זיינע זיבען אלערליי זעטע יאהרע. כלומר וואס יעדער

יאהר פון דיא זיבען איז פון צעהן יאהר. דאס מיינט מען דיא זיבעציג יאהר וואס
דער מענטש לעבט. לקמצים טוט ער אסאך מצות: (מח) ויקבץ טוט גאט איינזאמלען
את כל אכל שבע שנים דיא אלע מצות וואס דער צדיק איז פון זייא זאט ווען ער
טוט זייא גלייך וויא ער עסט אשר היו בארץ וואס דיא מצות טוהן זיין אין דעם גוף
מצרים ווען אויך ער איז צווישען צוויי גרעניצען דאס איז דער יצר הרע מיט דעם יצר
טוב. ויתן אכל בערים וגו' איז פון זיין זכות וועגען גיט גאט זיין השפעה אונ שפייזט
אלע שטעט. אזוי וויא דיא גמרא זאגט אז עס איז גיהערט גיווארען אבת קול וואס
האט גיזאגט כולי עלמא ניזונים בשביל חנינא בני פון וועגין דעם זכות פון דעם צדיק
חנינא ווערט געשפייזט דיא גאנצע וועלט: (מט) ויצבר יוסף בר אונ יוסף האט איין
גיזאמעלט קארין כחול הים וגו' אזוי פיל וויא דיא זאמד פון ים. איז דאס שווער צוא
פאר שטיין. עס זאל זיין אזוי פיל קארין וויא דיא זאמד פון ים. נאר מען קען אזוי
טייטשען עס איז אין דיא תבואה אריין דיא ברכה. אונ עס איז גיווארען זייער פיל.
אזוי וויא דיא זאמד פון ים איז זייער פיל ווייל זייא זענין פאר דעקט אין וואסער אין
דיא גמרא זאגט אין הברכה שולט אלא בדבר הסמוי מן העין דיא ברכה רוהעט גאר
אויף דיא זאך וואס עס איז פאר דעקט פון דיא אויגען. אזוי האט יוסף אויך גיהייסען
מען זאל דיא תבואה פאר דעקין פון וועגען עס זאל אין זייא אריין קומען דיא ברכה.
אונ אויך זאגט דיא גמרא אין הברכה מצוי' בדבר המדוד והמנוי דיא ברכה קען נישט
רוהען אויף אזוי אזאך וואס עס איז גימאסטען אדער גיציילט. דאס זאגט דער פסוק
עד איידער כי חדל לספר עס איז גיווארען פאר מיטען צו איבער ציילען. דאס מיינט
מען ווען מען האט נאך יוא גיקענט ציילען. האט יוסף גיזאגט כי אין מספר אז מען
זאל נישט איבער ציילען וועגען דעם איז אריין גיקומען אין דיא אוצרות אריין דיא
ברכה. נאך קען מען טייטשען ויצבר יוסף בר דיא תבואה וואס יוסף האט איינגיזאמעלט
איז גיוועזען גלייך כחול הים אזוי וויא דיא זאמד פון ים ווען אויך זייא זענין תמיד אין
וואסער פון דעסט וועגין ווערין זייא נישט פאר פוילט אזוי איז דיא תבואה אויך נישט
גיווארען פאר פוילט. נאר אדרבה הרבה מאד עס איז גיווארען זייער פיל. אבער ביי
אנדערע מענטשין אפילו ווען זייא האבען אויך איינגיזאמעלט אזוי פיל עד כי חדל לספר
אז מען האט נים גיקענט איבער ציילען פון דעסט וועגען כי אין מספר איז גאר נישט
איבער גיבליבען וואס צו ציילען עס איז גיוועזען אין גאנצען פאר פוילט: (נ) וליוסף וגו'
דער אור פני משה טייטשט על פי רמז אזוי דיא נשמה ווערט גירופען יוסף ווארום
זיא איז גאר גיווארען אראפ געשיקט אויף דיא וועלט צו מערין אין שלימות אונ תורה
אונ מצות. ילד עס ווערט צו איהר גיבוירען תולדות דאס איז דיא תורה ומצות שני
בנים דורך דיא צוויי זין דאס איז דער יצר הרע אונ דער יצר טוב דורך זייא טוט
דער מענטש מצות ומעשים טובים. בטרם תבוא שנת איידער עס קומט דער שלאף
פון טויט וואס דאמאלס הרעב איז ער הונגעריג צו הערין דבר ה' איבער דעם בדארף
מען זיך פריער אנגרייטען מיט מצות ומעשים טובים וועט ער שוין דארט זיין זאט.
ווארים ווען ער וועט זיך נישט נעמען צו טוהן מצות ומעשים טובים. נאר ער וועט זיך
לאזען אנרעדין פון יצר הרע. אשר ילדה לו אסנת (דאסווארט אסנת איז גלייך צוא
דעם ווארט אסון אונ אסון איז טייטש מארד) דער מארד פון יצר הרע מאכט אין איהם
גיבוירען שלעכטע מעשים. בת פוטי־פרע ער רעדט נאר תמיד אן דעם מענטש פריע
ער זאל זיין צו שטערט. אויך רעדט ער איהם אן ווען ער טוט אפילו אמצוה זאל ער

דאס

דאס כלה זיין צו אלע מענטשן. כהן דוא וועסט זיך איין האר אונ דוא וועסט זיין קרעפטיג אונ שטארק. אונ מיט וועלכע רעדעס קען ער איהם ביסליך וויים אין גאנצן אראפ פירען פון רעכטין וועג: (נא) ויקרא יוסף דער צדיק בדארף רופען את שם הבכור דעם נאמען פון יצר הרע וואס ער איז דער עלצטער. מנשה ער מאכט פאר געסין כי נשני אלהים ער וויל מיר מאכען גאט פאר געסין. את כל עמלי ער רעדט מיר אן. איך בדארף ארבייטען. ואת כל בית אבי אונ מאכט מיך פאר געסין דיא גאנצע פאמיליע פון מיין פאטער. כלומר דיא צדיקים פון גאט איך זאל מיר אויך זייא ניט פאר קוקען נאך צו טוהן וויא זייא טוהן: (נב) ואת שם השני אונ דעם נאמען פון אנדערין זון דאס איז דער יצר טוב קרא אפרים רופט ער זיין נאמען אפרים כי הפרני אלהים ער מאכט אין מיר פרוכטען אונ מערין דאס געטליכקייט בארץ עניי דורך דעם וואס איך פייניג מיין גוף אונ הער ניט דעם יצר הרע זיך אנטוען תענוגים:

מב (ט) ויזכר יוסף את החלמות אשר הלם להם דער טעם אלימלך טייטשט אזוי אונ יוסף האט זיך דער מאנט אין דעם חלום וואס איהם האט גיחלומט אויף זיינע ברידער אז זייא וועלין קומען צו איהם זיך בוקען. האט ער גיקלערט אז זייא זענין נישט קיין צדיקים. זייא זענין שוין אראפ פון זייער פריערדיגע גרויסע מעלה. ויאמר אליהם זאגט ער צו זייא מרגלים אתם איהר זענט שוין אין דיא מדרגה התחתונה לראות את ערות הארץ באתם איהר זענט גיקומען זעהן דאס שלעכטיגקייט פון דעם לאנד איהר זאלט זייא נאך טוהן: (י) ויאמרו אליו לא אדוני זאגען זייא צו איהם. ניט אזוי דוא האר. מיר זענין נאך אין אונזערע גרויסע מדרגה ועבדיך באו אונ מיר דיינע קנעכט זענין שוין גיקומען צו דיא מעלה לשבר אכל מיר טוהן צו ברעכען דיא תאוות: (יא) כלנו בני איש מיר זענען אלע גרויסע מענטשין צדיקים אחד נחנו מיר דינען צוא איין גאט אונ מיר פירען זיך מיט אחדות כנים אנחנו מיר זענען רעכטע מענטשען מיר טוען נאר וואס רעכט איז לא היו עבדיך מרגלים מיר זענען נאך נישט גיווארען אין דיא נידעריגע מדריגה: (יב) ויאמר אליהם זאגט יוסף צו זייא לא נישט אזוי כי ערות וגו׳ איהר זענט נאר גיקומען צוא זעהן דיא מעשים רעים פון דעם לאנד: (יג) ויאמרו זאגין זייא צו איהם שנים עשר עבדיך אחים אנחנו מיר זענען צוועלף ברודער ווס דר כמספר בנוייזט אויף אגרויסע היילינע זאך בני איש מיר זענען צדיקים אחד מיר דינען צו איין גאט בארץ כנען אונ מיר זענען מיט אונזערע גופים וועהר אונטער טעניג: אונ דם ווס מיר זענען נאר צעהן והנה וגו׳ דר קלענערער ברודער איז בייא אונזער פאטער אונ איינער איז נישט דא: (יד) ויאמר אליהם יוסף זאגט צו זייא יוסף הוא אשר דברתי אליכם דם איז ווס איך האב צו אייך גירעדט לאמר מרגלים אתם צו זאגין אויף אייך אז איהר זענט שוין אראפ פון אייער מדרגה צו אנידריגע מדרגה. אונ איבער דעם איז איינר פון אייך נישט דא ווייל איהר זענט נישט שוין ראוי צו זיין אנטקעגין דעם מספר צוועלף: (כא) ויאמרו איש אל אחיו דר אור פני משה טייטשט אזו מיר האבין פריער שוין פול מאל גישריבין פון פסוקים אונ פון ספרים אז ווען דר מענטש איז נישט מתקן ווס ער בדארף צו מתקן זיין אין זיין לעבין. ווערט ער מגולגל נאך אמאל אונ דר נאך נאך אמאל אונ ווען דם דריטע מאל איז ער אויך נישט מתקן אונ הלילה ער איז נאך מקלקל ווערט ער אריין גיווארפין אין כף הקלע אריין. זאגין דיא צווייא אנדערע גופים איינער צום אנדערין. אבל אשמים אנחנו מיר האבין אשולד על אחינו אויף אונזער ברודר דר ערשטר גוף אשר ראינו ווס מיר האבין גיזעהען מיט דעם שכל צרת נפש

דם שלעכטיקייט פון זיין נפש וואס ער הט ניט מתקן גיוועזן זיין נשמה בהתחננו אונ ער הט גיבעטין פון גאט אלינו אויף אונז ער זאל מגולגל ווערין צו אונז נאך צווייא מאל ולא שמענו אונ פון דעסטוועגין האבין מיר זיך צו דעם נאר נישט איינגיהערט על כן באה דורך דעם איז זיא די נשמה גיקומן אלינו דורך אונז הצרה הזאת דם דאזיגע שלעכטיקייט פון דעם אביין ווארפין אין כף הקלע : (כב) ויען ראובן אונ דיא נשמה וואס ווערט גירופין ראובן [ווארום ראובן מאכט ראו זעהט בן איהר זאלט זיין גיבוייעט מיט תורה ומצות] שרייט אותם לאמר צו זיי צו די גלגולים אונ זאגט הלא אמרתי אליכם לאמר איך האב דאך אייך תמיד גיזאגט אל תחטאו בילד איהר זאלט נישט זינדיגין אנטקעגין דעם יצר טוב וואס ער ווערט גירופין ילד ווייל ער איז יונג בייא דעם מענטש ולא שמעתם אונ איהר הט ניט גיהערט. אבער דעם בדארף איך נעבעך אזו פול ליידין וגם דמו הנה נדרש שרייבט רש"י דם ווארט וגם אונ אויך איז מרבה וגם דם הזקן דאס איז דער רמז אויף דעם יצר הרע וואס ער ווערט גירופין זקן ער איז בייא דעם מענטש שוין אלט. אונ ווען דר מענטש הערט נאר דעם יצר הרע אונ ניט דעם יצר טוב. איז אויף דעם דר יצר הרע אויך אין כעם אזו וויא מיר האבין שוין פריער פול מאל גישריבין. נמצא האבן זייא ביידע צער הן דר יצר טוב הן דר יצר הרע. אונ דר פאר ווערט דר מענטש אונ זיין נשמה גישטראפט עם ווערט פון זייא גיפארשט דם בלוט פון דעם יצר טוב אונ דם בלוט פון דעם יצר הרע : (כג) והם אונ זיי דיא אברים פון מענטש ווען זייא טוען דיא עבירה לא ידעו כי שומע יוסף ווילין זייא נישט וויסין מיט זייער שכל אז דיא נשמה הערט דם אונ ווייסט פון דעם. נאר זיא קען זיך אבער נישט העלפין. אונ דער מענטש וויל איהר אויך נישט מזכה זיין אונ פון וואס קומט דם צום מענטש כי המליץ דורך דעם יצר הרע וואס ער איז מליץ די הבלי עולם צום מענטש. דר מענטש זאל מיינען אז דיא נארישקייטין פון דיא וועלט איז די גרעסטע חכמה. בינותם וואס ער איז צווישין זיי אין זייערע גידאנקען אונ פר דרייט זייא נאר זיי זאלין זיך באמיהען נאר ווענין פול פרמעגין צו האבין : (כד) ויסוב מעליהם אונ אבר ווען יוסף דם איז די נשמה דרייט זיך אוועק פון די אברים. כלומר ווען דער מענטש בדארף צו שטארבין דאמאלס ויבך וויינט ער אונ הט שוין חרטה וואס ער הט מקבלה גיוועזן זיין צייט אין הבלי הבלים. אונ איבער דעם וישב אליהם מוז די נשמה נאך אמאהל מגולגל ווערין אונ צוריק קערין צו די אברים. וידבר אונ רעדט אליהם צו די אז זיי זאלין בעסער ווערין. אויך איז טייטש וידבר אונ ער יוסף כלומר די נשמה פירט אליהם איבר זיי. אונ ווען דער דריטער גוף איז אלץ מתקן וואס ער בדארף ויקח מאתם נעמט ער די תורה ומצות פון די ערשטע גלגולים את שמעון וואס זיי האבין אין זייערע צייטין גיהארכט צוא גאט. נאר זייא האבין נאך נישט דאמאלס אין גאנצין מתקן גיוועזן. אונ אצונד דר דריטר גוף נעמט מיט מיט זיך זיינע זכיות אונ מצות אונ נעמט אויך מיט די זכותים פון זיינע צווייא ערשטע גלגולים ויאסר אתו אונ בינד דעם יצר הרע כלומר ער הערט איהם ניט לעיניהם אויף זייא קוקענדיג. ער זעהט דעם כוף פון די צווייא גלגולים. דם זייא האבין ניט גיהאט קיין מנוחה. וויל ער שוין ניט הערין דעם יצר הרע : (כה) ויצו יוסף אונ מטילא ווען ער הערט נישט דעם יצר הרע. הט שוין די נשמה בכח אויף איהם צו באפעלין וימלאו את כליהם אונ די אברים טוען זיך אן פילין בר מיט קלאערע תורה מיט אקלאר הארץ ולהשיב כספיהם איש אל שקו אונ דר מענטש זאל זעהן צו טוען מיט זיין געלד צדקה וואס דורך דעם וועט ער צוריק קערין דאס געלד אין זיין זאק אריין כלומר ער וועט דם קענען מיט נעמען

לעולם

לעולם הבא ולתת להם צדה לדרך: און העט האבין שפייז מיט צו נעמען אויף דעם ווייטין וועג וואס ער גייט אהין אוועק נאך זיין לעבין: (כו) וישאו און די אברים פון דריטין גלגול טוען טראגין אויף זיך את שברם דס צו ברעכונג פון די צווייא גלגולים כלומר ער לייט עונש צו מכפר זיין אויף זייא וואס זיי האבין מקלקל גיוועזן על חמוריהם מיט דעם וואס זענען נאר גיוועזן אריין גיטונקען אין תאוות פון חומר. און דורך דעם וואס דר דריטער גוף נעמט אויף אלין מתקן צו זיין וילכו משם איז ער זוכה ווען ער וועט שטארבין וועלין שוין זיינע אברים אלע אוועק גיין פון די וועלט און העט שוין ניט דארפין מגולגל ווערין: (כז) ויפתח האחד און דר דריטער גוף וואס ער איז דער נעאיינציגסטער דר בעסטער עפינט אויף את שקו זיין זאק וואס ער האט אין איהם אריין גיזאמילט תורה ומצות אין זיין לעבין לתת מספוא לחמורו צו געבין השפעה אין חיות אפילו צום חומר במלון וואס ער ליגט אין קבר וירא את כספו והנה הוא בפי אמתחתו און ער זעהט אז זיין געלד פון צדקה איז מזומן אין זיין זאק בעולם הבא:

מג (יח) ויראו האנשים דר נועם אלימלך טייטשט די צדיקים האבין תמיד מורא און גיבין זייער אכטונג זיי זאלין ניט זינדיגין און האבין תמיד חרטה און טוען תשובה און דענקען תמיד פון יום המיתה כי הובאו בית יוסף זיי דענקען תמיד טאמער קומט שוין אן די צייט צו קומען צום עולם העליון דאס ווערט גירופין בית יוסף ויאמרו און זייא זאגין תמיד על דבר הכסף וועגין די תאוות הגשמיות וואס מיר גלוסטין וועגין זיי צו האבין געלד השב באמתחותינו און עס זאל צוריק קערין אין אונזער בויך מיט מאכלים ותענוגים בתחלה אנחנו מובאים להתגולל עלינו און וועגין דעם וועלין מיר מוזין מגולגל ווערין נאך אמאל אין די נארישע וועלט אזו וויא צום אנהייב ולהתנפל עלינו און עס קען חלילה זיין אז דער גלגול וועט זיין גיפאלין ער וועט זיין שפל ובזוי מיט עניות ודחקות און אויך וועט ער נאך מקלקל זיין. און וועגין דעם וועלין מיר מוזין עטליכע מאל מגולגל ווערין ולקחת אתנו לעבדים ואת חמורינו און מיר וועלין מוזין גוט אויס ארבייטין דעם חומר ביז ער זאל ווערין אעבד גאמן צו גאט: (יט) ויגשו און זייא גינעהנען תמיד צו בעטין אל האיש צו גאט אשר על בית יוסף וואס ער שאפט אויף אלע עולמות וידברו אליו און רעדין תמיד צו גאט פתח הבית אין דעם טיר פון די שטוב כלומר אין עולם הזה וואס דס איז דר שער פון עולם הבא. און בעטין פון איהם ער זאל זיי מוחל זיין: (כ) ויאמרו און זייא זאגין בי אדוני מיר בעטין דיך גאט ירד ירדנו בתחלה מיר זענען אראפ גענידערט גיווארין אויף דיא וועלט לשבר אוכל צו ברעכין די תאוות הגשמיות: (כא) ויהי כי באנו אל המלון און ווען מיר זענען גקומן בעולם הזה וואס ווערט גרופין מלון דיא איז נאר וויא איין גאסט הויז איבר צוא נעכטיגין דאס ביסיל יארין ונפתחה את אמתחותינו האבין מיר גיעפינט אונזער בויך אן פילין מיט תאוות והנה כסף איש און דס גאנצע גליסטונג איז נאר בפי אמתחתו פון וועגין מייל און וועגין בויך כספנו במשקלו און מיר וועלין אצונד אבר טוען תשובה תשובת המשקל ונשב אותו בידינו וועלין מיר טוען תשובה מיט אונזער גאנצין כח: (כב) וכסף אחר הורדנו בידינו און מיר ווילין אויס ארבייטין זיך מיר זאלין האבין אנדערע גלוסטונג לשבר אוכל צוא ברעכין דיא תאוות הגשמיות לא ידענו מיר ווילין שוין נישט וויסין מי שם כספנו באמתחותינו וועלכע תאוה זאל אונז מאכין פול דעם בויך מיר גלוסטין נאר צו תורה ומצוות ומעשים טובים: דר אור פני משה טייטשט אזו דיא פסוקים ויאמרו די נשמה מיט דעם גוף זאגין צום יצר הרע בי אדוני מיר בעטין דיך אונזער הערר ירד ירדנו מיר זענען שוין צווייא מאל אראפ

גינידערט

גינידערט גיווארין אויף די וועלט. הלואי וואלטין מיר גיזעהן בתחלה צום אנהייב תיכף אין ערשטין גלגול לשבר אוכל איינקויפין עסין דס איז דיא תורה ומצות. נאר (כא) ויהי עס איז הוי אונ וייא כי באנו אל המלון אז מיר זענען נאך אמאהל מגולגל גיווארין בעולם הזה וואס איז נאר אבית מלון אנאכט הויז ונפתחה את אמתחותינו והנה כסף איש בפי אמתחתו אז מיר עפינען אויף אונזערע קאסטינס אונ מיר זעהן אז עס איז אין זייא געלד דארפין מיר פארשטיין כספנו אז די געלד איז אונז גינעבין גיווארין במשקלו מיט גאטס וואג. וועגין דעם דארפין מיר זעהן ונשב אותו בידינו מיר זאלין איהם צוריק געבין די געלד היינו מיר זאלין געבין צדקה אונ וועגין דעם (כב) וכסף אחר הורדנו בידנו מיט די צדקה וואס מיר געבין וועט אונז גאט געבין אנדערע געלד. אונ מיר דארפין זעהן לשבר אוכל איינקויפין מיט די געלד תורה ומצות ווארום לא ידענו וייסין מיר דען ניט מי שם כספנו באמתחותינו ווער עס האט גיטוהן די געלד אין אונזערע קאסטינס מיר וייסין דאך אז גאט האט אונז גיגעבין דארפין מיר טוהן זיין ווילין אונ געבין צדקה אונ צו טוהן מצות וגמילות חסדים. אזו זאגין דר גוף מיט די נשמה צום יצר הרע. אונ ווען דר יצר הרע זעהט אז דר גוף איז שטארק גערין צו טוהן מצות אונ מעשים טובים אונ צו געבין צדקה: (כג) ויאמר זאגט דר יצר הרע שלום לכם אל תיראו עס וועט זיין פריד צו אייך פורכט אייך ניט פר מיר אלהיכם וגו׳ נתן לכם מטמון באמתחותיכם אייער גאט האט אייך דיא געלד גיגעבין פאר אפקדון אונ פון דעסטוועגין אז איהר גיבט צדקה זאגט גאט כספכם בא אלי די צדקה וואס איהר גיבט איז נישט פון זיין געלד נאר דאס איז פון אייער געלד. אונ פון דעם זכות וועגין וועט ער אייך שיקין די ברכה אין אייער פרמעגין ויוצא אליהם את שמעון אונ דר יצר הרע ציהט אויס צו די נשמה מיט דעם גוף גוטע גידאנקין וועלכע עס זאלין נאר הערין צו גיין אין גאטס וועג: (כד) ויבא האיש את האנשים ווען דר מענטש ברענגט זיינע אברים ביתה דס ווארט ביתה מאכט בית ה׳ גאטס הויז. יוסף זייא הערין דיא נשמה וואס ווערט גירופין יוסף וייל זיא וויל נאר מערין תורה אונ מצות ויתן מים אונ לערינט תורה וירחצו רגליהם אונ וואשין אפ פון זיך זייערע שלעכטע גיוואוהייט ויתן מספוא לחמוריהם אונ ווען ער עסט אונ זעטיגט דעם חומר פון דיא אברים. איז דס נאר פון וועגין: (כה) ויכינו את המנחה זייא זאלין האבין כח אהן צוא גרייטין די מתנה פון תורה ומצות עד בוא יוסף בצהרים ביז די נשמה קומט לעולם הבא וואס דארט איז תמיד ליכטיג אזו וויא אין מיטין טאג וואס הייסט צהרים כי שמעו די אברים הערין כי שם אז דארט אין גן עדן יאכלו לחם וועלין זיי עסין לחם אבירים זייא וועלין נעמען שכר איבר דעם: (כו) ויבא יוסף אז די נשמה קומט הביתה אין גן עדן אריין ויביאו לו את המנחה אשר בידם הביתה די מלאכים וואס זענען גיווארין בשאפין פון די תורה אונ מצות וועלין ברענגען איהם זיין שכר אין גן עדן אריין וישתחו לו ארצה אונ דס קומט צו איהם וייל ער האט אין זיין לעבין דעם גוף גימאכט אראפ גיבויגין ער איז גיוועזן אעניו אונ האט נישט זיך נאך גיגעבין קיין תאוות:

מד (ז) ויאמרו וגו׳ די פסוקים זענען זעהר קשה דס וואס די ברודר פון יוסף זאגין צו דעם מענטש וואס האט זייא נאך גיזאגט וועגין דעם זילבערנעם בעכער וואס זייא האבען גיגנבת אשר ימצא אתו מעבדיך ומת ביי דעם פון דיינע קנעכט וואס עס וועט ווערין גפונען דר בעכער זאל ווערין גיטייט אונ ווען דר מענטש האט ביא זייא גיפונען דעם בעכער זאגט ער גם עתה אצונד אויך כדברכם כן הוא אזו וויא אייערע רייד אזו בדרה צו זיין מיינט ער דאך אז ביא דעם וואס עס איז גיווארין גיפונען דר בעכער זאל ווערין יהרגת.

אונ דער נאך פירט ער נאר אוים אשר ימצא אתו יהיה לי עבד אז דער וואס עס וועט בייא איהם געפונען ווערין דער בעכער זאל זיין אקנעכט ער זאל נישט ווערין געטייט איז דאך נישט וויא זייא האבין געזאגט נאר דער פשט פון די פסוקים איז אזו ויאמרו אליו די ברודער זאגין צו דעם מענטש למה ידבר אדוני כדברים האלה ווארום זאל דער האר רעדין זאלכע רייד חלילה לעבדיך מעשות כדבר הזה עס איז פאר מיטין צו אונז דיינע קנעכט צו טוען אזוי וויא די דאזיגע זאך אונ דו זעלבסט דארפסט פאר שטיין אז מיר האבין דס נישט געטוען. דו קאנסט האבין אקל וחומר: (ח) הן כסף וגו' פר וואר דס געלד וואס מיר האבין געפונען אין אונזערע זעק האבין מיר צוריק געגעבין צו דיר ואיך נגנוב וגו' וויא אזו קען זיין אז מיר זאלין נאך פון דיין הארינס הויז גנבנן זילבער אדער גאלד אזו בדארפסט דוא אליין פאר שטיין אונ אז דו זאגסט ניט דס נאר דו רעכינסט אז מיר האבין דעם בעכער געגנבעט. אונ ווילסט אונז דן זיין וויא גנבים. אפשר וועסט דוא אונז דן זיין אזוי וויא מען איז דן בייא אייך. דהיינו (ט) אשר ימצא אתו מעבדיך ומת בייא אייך בני נח איז דער דין אז פר אגנבה קומט מיתה וגם אנחנו ווילט איהר אונז אויך אזוי דן זיין מיר זאלין אויך מחויב ווערין מיתה זאגין מיר דיר נישט אזו. מיר זענען דאך ניט קיין בני נח מיר זענען בני ישראל אונ בייא אונז איז דער דין אזו וויא עס שטייט אין פסוק (שמות כב) ונמכר בגנבתו מען זאל דעם גנב פר קויפין פאר אקנעכט פר די גנבה. איבר דעם נהיה לאדוני לעבדים וועלין מיר נאר זיין צו דעם האר צוא קנעכט: (י) ויאמר זאגט דער מענטש צו זיי גם עתה ווען אויך אצונד אז איהר האט נאך נישט מקבל געוועזן די תורה. דארף מען אייך דאך דן זיין וויא בני נח אייך מחייב זיין מיתה. פון דעסטוועגין כדבריכם כן הוא אזו וויא איהר זאגט אזו וועט זיין. נאר נישט אלע זאלין זיין קנעכט. אויף אייך האב איך אקל וחומר אז איהר זענט ערליכע מענטשין אבר אשר ימצא אתו יהיה לי עבד דער וואס בייא איהם וועט ווערין געפונען דער בעכער וועט זיין אקנעכט ואתם תהיו נקיים אונ איהר וועט זיין ריין: (טו) ויאמר להם יוסף דער נאך ווען עס איז געפונען געווארין דער בעכער ביי בנימין אונ זייא זענען געגאנגען קיין מצרים צו יוסף. זאגט צו זיי יוסף מה המעשה הזה אשר עשיתם וואס איז דס פר אמעשה וואס איהר האט געטוען הלא ידעתם כי נחש ינחש איש אשר כמוני איהר האט דאך געוואוסט אז אזוי אמאן וויא איך קען טוען כישוף איז דאך די קשיא די תורה זאגט כי לא נחש ביעקב אז בייא יעקב איז ניט דא קיין כישוף. וויא אזו זאגט יוסף אז ער טוהט כישוף נאר דער פשט איז אזו ויאמר להם זאגט יוסף צו זייא מה המעשה הזה אשר עשיתם וואס האט איהר געמיינט מיט דעם וואס איהר האט צו גענומען דעם בעכער אפשר האט איהר געמיינט אז איך זאל גיט טוען מיט איהם כישוף [אזו וויא רש"י שרייבט אז ער האט געקלאפט אין בעכער אונ האט געזאגט וויא די ברודער זאלין זיך זעצין בייא דעם טיש כסדר נאך זייער געבארין נאך] הלא ידעתם איהר דארפט דאך אליין וויסין כי נחש ינחש איש אשר כמוני איין אנדערער מענטש וויא איך איז מנחש אונ טוהט כישוף אבר נישט איך: (טז) ויאמר וגו' זאגט יהודה צוא יוספן מיר האבען זיך נישט מיט וואס גערעכט צוא מאכען. האלהים מצא את עון עבדיך גאט האט געפונען דאס ארט אונז צו בשטראפען אויף אונזערע זינד הננו עבדים וגו' מיר זענין אלע קנעכט צו דיר האר. ווארום יהודה האט גירעכינט ביי זיך אז גאט שטראפט זייא אצונד מדה כנגד מדה. ווייל זייא האבען פאר קויפט זייער ברודער יוסף פאר אקנעכט. דארפען זייא אויך פאר קויפט ווערין צו קנעכט: (יז) ויאמר חלילה וגו' פאר מיטען פון מיר צוא טוהן דאס דאזיגע. נאר

האיש

האיש אשר נמצא הגביע בידו דער מענטש וואס ביי איהם איז געפונען געווארען דער בעכער אין זיין האנד. האט יוסף דאס ניט גימיינט אויף בנימין. ווארום ביי בנימין האט מען דאך דעם בעכער ניט געפונען אין זיין האנד. נאר אין זאק. נאר יוסף האט דאס גימיינט אויף דעם מענטש וואס האט אריין געטוהן דעם בעכער צו בנימין אין זאק אריין. אונ אצונד אז ער האט איהם ארויס גינומען פון בנימינס זאק האלט ער דאך איהם אין זיין האנד. הוא יהיה לי עבד ער וועט זיין אקנעכט ביי מיר אזוי וויא פריער. ואתם עלו לשלום אל אביכם אונ איהר גייט אייך אלע אהיים צו שלום צוא אייער פאטער. אזוי האט יוסף גימיינט. נאר ער האט דאס גירעדט מיט אזוי אלשון אז יהודא זאל ניט פאר שטיין יהודא זאל מיינען אז יוסף מיינט דאס אויף בנימין בכדי ער זאל זעהן צו זיא זענין גיטריי צו בנימינען. אונ יהודא האט טאקע גימיינט אז יוסף מיינט דאס אויף בנימינען אונ בנימין איז דאך ניט גיוועזען ווען דיא ברידער האבין פאר קויפט יוספן. האט יהודה באקלערט אז דאס איז ניט פון גאט. איבער דעם האט ער גינעהנט צו יוספן מיט איהם צו קריגען זיך:

# פרשת ויגש

(יח) ויגש אליו יהודא טייטשט דער אור פני משה אזוי אונ יהודה גינעהנט צו יוספן ויאמר אונ זאגט בי אדוני וגו׳ עס איז ארויס גיגאנגען פון יהודאס מויל אדבר רמז וואס ער האט אליין ניט גימערקט ער זאגט צו יוספין בי דורך מיר אדני ביזטו גיווארען איין הער. ווייל איך האב גיהייסען מען זאל דיר פאר קויפען קיין מצרים. איבער דעם דארפסטו נישט זיין צארענדיג אויף מיר. אונ אוים הערין מיינע רייד. נאך קען מען טייטשען. אזוי וויא דיא גמרא זאגט הקונה עבד עברי כאילו קונה אדון לעצמו. ווען איינער קויפט איין בן ישראל פאר אקנעכט איז גלייך וויא ער קויפט איבער זיך איין הער. דאס זאגט יהודא צו יוספן בי אדני ווען דוא ווילסט ווערין מיין הער. דוא ווילסט נעמין מיר אדער מיין ברודער צו זיך פאר אקנעכט. זאלסטו וויסען אז ער איז איבער דיר איין הער. אונ ווען אויך ידבר נא עבדך דבר ווען ער וועט אפילו רעדין עפים שלא בכבוד אנטקעגין דיר באזני אדני עס וועט דיר גוט קלינגען אין דיא אויערין. פון דעסט וועגין ואל יחר אפך בעבדך וועסטו ניט מעגין צערנין אויף איהם. אונ אפשר וועסטו זאגען דוא וועסט דיר אויף האלטין אונ ניט צערנין. דאס קען ניט זיין כי כמוך כפרעה דוא ביזט דאך אזוי גרוים וויא פרעה קען דאס דען זיין אז דוא זאלסט ניט צערנין. איבער דעם איז בעסער פאר דיר אז דוא זאלסט קיינעם פון אונז ניט נעמין פאר אקנעכט. אונ על פי רמז איז אזוי דער טייטש. ויגש אליו יהודא. דיא נשמה ווערט גירופען יהודא. ווייל יהודא איז טייטש לויבען. אונ עס שטייט כל הנשמה תהלל יה אלע נשמות לויבען גאט. גינעהנט דיא נשמה צום גוף ויאמר אונ זאגט. בי איך בעט דיר טוה וואס איך רעדט צוא דיר. ווארום אדני איך האלט דיר איבער מיר פאר איין הער. אונ איך בין דיין קנעכט. אונ אקנעכט זאגט ניט צו זיין האר ער זאל טוהן אזעלכע זאך וואס עס איז ניט גוט פאר איהם. זאג איך דיר גוף אזוי. ידבר נא עבדך דבר ווען דער יצר הרע רעד דיר איין אונ זאגט דיר אז ער איז אויך דיין קנעכט אונ איז דיר גיטריי. באזני אדני זאל עס נאר בלייבען ביי דיר אין דיא אויערין. אבער אין דיא גידאנקען אריין נעם דאס נישט. אז דוא זאלסט איהם

הערין

הערין . אונ אפשר וועסטו פרעגן אקשיא אויף גאט . וועגן וואס האט ער גאר גימאכט דעם יצר הרע . זאג איך דיר ואל יחר אפך עס זאל דיר ניט גרוממען בעבדך וועגן דיין קנעכט דער יצר הרע . כי כמוך אזוי וויא דוא ביזט אצונד מיט דעם יצר הרע איז גוט פאר דיר כפרעה ווען עס יועט קומען דיא צייט דיר צו צאהלין דיין שכר בעולם הבא . ווארום אז דוא וואלסט ניט גיוועזן גיהאט אין דיר דעם יצר הרע . נאר וואלסט גיוועזן אזוי וויא אמלאך וואס האט ניט קיין יצר הרע . וואלט דאך דיין נאטור נאר גיוועזן נאר צו טוהן גוטס . פאר וואס וואלט דיר גיקוממען שכר . ווען דוא ביזט אמוכרח צו דעם טועכץ . אבער ווען דער יצר הרע רעד דיר אן צו טוהן שלעכטס אונ דיא הארכסט איהם ניט פאר דעם קומט דיר שכר . אונ אייך וועגן דעם יצר הרע האט גאט אונז גיגעבען דיא תורה אזוי וויא דיא גמרא זאגט ווען משה רבינו איז ארויף אין הימעל צו נעמין דיא תורה . האבען דיא מלאכים נישט גיוואלט לאזען געבין . האט גאט צו דיא מלאכים גיזאגט . האט איהר דען איצר הרע וואס איהר זאלט האבען קינדער עס זאל זיין ביי אייך דינים פון ירושה . קענט איהר דען האלטען דיא דינים פון דיא תורה דהיינו לא תנאף . לא תחמוד . האבען זייא שוין גישוויגען אונ האבען גילאזט נעמין דיא תורה . אונ דאס איז אויך דיא כוונה פון דיא גמרא (קדושין ל) בראתי יצר הרע בראתי תורה תבלין . גאט ברוך הוא זאגט איך האב בשאפען דעם יצר הרע איז דאס וועגן דעם דאס איהר זאלט קענין נעמין דיא תורה וואס איך האב בשאפען . אונ דיא תורה איז אויך אזוי וויא בשמים . אזוי וויא זייא מאכען גוט דאס עסין אזוי מאכט דיא תורה גוט דעם מענטש . אונ דאס איז דער רמז פון פסוק :

(יט) אדני גאט מיין האר שאל את עבדיו לאמר ער האט גיפרעגט צוא זיינע קנעכט דיא מלאכים . היש לכם אב או אח האט איהר דען דעם יצר הרע וואס איהר זאלט קענין מקיים זיין דיא מצוה פרי׳ ורבי׳ עס זאל זיין ביי אייך אפאטער מיט ברודער עס זאל זיין ביי אייך דיא דינים פון ירושה . זאגט ווייטער דיא נשמה צום גוף :

(כ) ונאמר אל אדני מיר בארפען זאגען אונ בעטין צו אונזער האר השי״ת יש לנו אב זקן מיר האבען אין זיך דעם יצר הרע וואס קומט צו אונז איידער אונזער פאר שטאנד איז דא ביי אונז אונ ער רעדט אונז אן אז ער איז אונז גיטריי אזוי וויא אפאטער . אונ אבער וילד זקנים דער יצר טוב וואס קומט צו אונז אויף דיא עלטער קטן איז נאך קליין . קען ער נישט בשטעהן אנטקעגין דעם יצר הרע . בעטען מיר דיר גאט . העלף אונז פון דעם יצר הרע . זאגט דער פסוק אז דער מענטש וועט הערין צו דיא נשמה אונ וועט בעטין פון גאט . וועט איהם גאט ברוך הוא געוויס העלפין אז עס וועט זיין ואחיו מת דאס ברודער שאפט פון יצר הרע וועט ביי איהם אפ שטארבען . ויותר הוא לבדו לאמו אונ דער יצר טוב וועט אליין איבער בלייבען אין דעם מענטש פון וועגען ער זאל גאר גיין אין דיא וועגען פון דיא מוטער דאס איז דיא תורה . אונ איבער דעם ואביו אהבו השי״ת זיין פאטער וועט איהם ליב האבען : (לא) והי׳ כראותו כי אין הנער ווען אונזער פאטער וועט זעהן אז דער יונג בנימין איז נישטא ומת וועט דער טאטע שטארבען שרייבט רש״י מצרתו ער וועט שטארבען פון זיינע צרות . איז דיא כוונה פון רש״י אזוי . יעקב האט אלם גירעכינט אז דאס וואס יוסף איז פרלוירען גיווארען איז דאס נאר דורך דאס שלעכטיקייט פון דיא ברודער . אונ ניט פון וועגען זיינע זינד . אבער אצונד האט ער גיזעהן אז זייא האבען זיך פאר בונדען זייא זאלען צוריק אפ ברענגען בנימינען . זעהט ער דאך אז זייא האבען ניט קיין שנאה אויף דיא

בני רחל . וועט ער תולה זיין דאס פרלוירען פון יוספין איז וועגן זיינע חטאים וועט
ער שטארבען פון דעם צער פון זיינע חטאים . והורידו עבדיך את שיבת עבדך אבינו
וועלין מיר דיינע קנעכט גורם זיין אראפ צו נידערין דאס אלטקייט פון אונזער פאטער
בינון שאלה דורך דעם וואס ער וועט אצונד אנהייבען צו טרויערין אויף זיינע חטאים
וואס דורך דעם האט ער מורא ער וועט דארפען גיין אין גיהנם : (לב) כי וגו' דער
אור פני משה זאגט דעם רמז פון דיא פסוקים אזוי . דיא נשמה קען מען רופען יוסף
ווארום זיא קומט אראפ אויף דיא וועלט צו מערין שכר פון איהרעט וועגין לעולם
הבא . אונ דעם גוף קען מען רופען יהודא ווארום יהודא איז טייטש לויבען אונ דער
גוף בדארף צו לויבען גאט . שטייט פריער אין פסוק (י"ח) ויגש אליו יהודא . אונ
יהודא דער גוף גינעהנט צו יוספן דיא נשמה ויאמר וגו' אונ זאגט . ווען ער וויל ווערין
אבעל תשובה זאגט ער צו דיא נשמה . דאס וואס איך האב ביז אהער נישט אזוי
פיל גיטוהן מצות איז דאס כי עבדך ווארום דער יצר הרע וואס ער איז דיין קנעכט
ערב מאכט זיך את הנער דאס אפ שאקלען זיך כלומר אוועק צו געהן מעם אבי פון
מיין פאטער פון הימעל . אבער אצונד לאמר טוה איך זאגען אם לא אביאנו אויב איך
וועל נישט זעהן צו ברענגין דעם גוף אליך צו דיר נשמה כלומר ווען איך וועל נישט
אוים איידלען דעם גוף דאס ער זאל זיין גלייך צו דיר . וחטאתי לאבי וועל איך זיין
זינדיג צו מיין פאטער פון הימעל כל הימים דיא אלע טעג וואס איך טוה נישט אין
זייא קיין מצות : (לג) ועתה אונ אצונד בעט איך פון דיר אז דוא זאלסט זיך אין מיר
שטארקין . אונ מיר אריין געבין צוויי אשטארקין כח אז ישב נא עבדך דיין קנעכט
דער יצר הרע זאל בלייבען זיצען תחת הנער אונטער דעם יצר טוב וואס ער איז יונג .
עבד לאדני ער זאל ווערין באמת אקנעכט צו דיר נשמה מיין האר . והנער אונ דער
יצר טוב יעל זאל אלע מאל ווערין דער הויבען עם אחיו מיט זיינע גוטע ברידער מיט
זיינע גוטע גידאנקין : (לד) כי איך אעלה אל אבי ווארום ווען נים ווען איך וועל נים
זיך גובר זיין אויף דעם יצר הרע . אונ וועל נישט צו הערין צום יצר טוב . וויא אזוי
וועל איך קענין ארויף גיין אין הימעל צו מיין פאטער גאט ברוך הוא . אז והנער דער
יצר טוב איננו אתי איז נישט מיט מיר . אונ אויך פן אראה ברע טאמער וועל איך
זעהן אין דעם שלעכטס אשר ימצא את אבי וואס עס וועט טרעפין מיין פאטער וואס
האט מיר גימאכט גיבוירען . דורך מיר וועט ער אויך ליידען בזיונות בעולם הבא .
איבער דעם בעט איך דיר נשמה זייא מיר צו הילף איך זאל מיר אויף דעם יצר הרע
גובר זיין אונ זאל נאר הערין צום יצר טוב . אונ זאל ווערין אבעל תשובה באמת
מיט אלע כוחות :

**מה** (א) ולא יכול יוסף להתאפק אונ ווען דיא נשמה זעהט אבער אז דער גוף איז
זייער אריין גיטוהן אין שלעכטע מדות אונ דיא נשמה קען גאר נים ווערין אוים
גיצויגען פון דיא חטאים לכל הנצבים עליו דורך דיא אלע כוחות פון יצר הרע וואס
האט אריין גיגעבען אכח אין אלע אברים זייא זאלין שטיין איבער דיא נשמה זייא
זאלין איהר נישט צו הערין . ויקרא טוט יוסף דיא נשמה ארוף מיט אגישריי דער מאן
זיך נאר ווען מען וועט זאגען הוציאו כל איש מעלי צוהט ארוים איהר אלע מענטשין
פון מיר כלומר ווען דוא גוף וועסט שטארבען . דער מאן זיך אין דעם יום המיתה .
וועסטו שוין קענין ביכליך ווייס זיך ארוים צוהן פון דיא כוחות פון דעם יצר הרע .
אונ אויך זאלסטו וויסען אז עס איז נישט אזוי וויא דער יצר הרע רעדט דיר אן אז

ער

ער איז דיין גוטער פריינד. ווארום ולא עמד איש אתו דער יצר הרע וועט נישט שטיין מיט דיר פאר דיר צו זיין אמליץ בהתודע יוסף אל אחיו ווען דיין נשמה וועט שטיין צו באקענען זיך מיט איהרע ברידער דיא נשמות אין גן עדן. אדרבא ער וועט נאך אויף דיר מלשין זיין בעולם הבא. איבער דעם דארפסטו אים נישט צו הערין: (ב) ויתן את קלו בבכי אונ ווען דער גוף הערט זיך צו מיט שכל צו דיא גוטע גידאנקין וואס עס קומט אין איהם פון דיא נשמה. ווערט ער אזוי פיל פאר פילט מיט חרטה אויף זיינע חטאים אונ הייבט אן צו וויינען. אונ פאר ביטערט זיך אזוי פיל מיט גיוויין אז ער האט ניט קיין כח צו רעדין. איז דאך דאס מסתמא פון מיפקייט פון הארץ אונ דאמאלס וישמעו מצרים דיא כוחות פון יצר הרע וואס ווערין גירופען מצרים ווארום זייא ברענגען דעם מענטש אין ענגשאפט אריין. אונ זייא הערין דאס אז דער מענטש וויל ווערין באמת אבעל תשובה וישמע בית פרעה אונ דער יצר הרע הערט דאס אויך צו אונ זענין צוא דעם אלע סכנים אונ געהן שוין פון איהם אוועק אונ לאזען איהם פירען זיך בדרך הטוב: (ג) ויאמר יוסף אל אחיו אונ יוסף זאגט צו זיינע ברידער. ווען אויך איך בין אין אזוי א ארץ טמאה. פון דעסט וועגען אני יוסף בין איך דער זעלביגער יוסף וואס איך בין פריער גיוועזען העוד אבי חי ווען אונזער פאטער איז גיוועזען לעבעדיג כלומר איידער איך בין פון איהם אוועק וואס דאמאלס האט ער נאך נישט גיהאט קיין צער. ווארום דער נאך איז פון דיא צרות אזוי גלייך וויא ער לעבט ניט. ולא יכלו אחיו לענות אתו האבען זיינע ברידער נישט גיקענט איהם ענטפערין. כי נבהלו מפניו ווארום זייא זענין דער שראקין גיווארען פאר איהם. וואס דורך זייא האט זייער פאטער גיהאט אזוי פיל צער דיא גאנצע צייט: (ד) ויאמר יוסף אל אחיו זאגט יוסף צו זיינע ברידער גשו נא אלי ויגשו. דער מדרש זאגט בזכות ד׳ דברים פון וועגין דעם זכות פון פיר זאכען נגאלו ממצרים זענין דיא ישראל אוים גילייזט גיווארען פון מצרים שלא שנו את שמם. וואס זייא האבען נישט פאר ענדערט זייערע נעמין אין מצרים. ולא שנו את לשונם אונ האבען נישט פאר ענדערט זייער לשון. ולא הי׳ בהם בעלי לשון הרע אונ האבען נישט גירעדט קיין לשון הרע והיו גדורים מעריות אונ זענען גיוועזען פאר צאמט זייא האבען נישט מזנה גיוועזען. דאס האט זייא יוסף גיזאגט. ווען אויך דורך דעם וואס איהר האט גיזינדיגט אין מיין מכירה. וועט איהר ווערין גישטראפט אונ זיין אין גלות פון דעסט וועגין ווען איהר וועט נזהר זיין אין דיא פיר זאכען וועט איהר ווערין אוים געלייזט. אזוי וויא איך בין גיוועזען נזהר אין דיא פיר זאכען. בין איך גיווארען נתעלה נאך דיא צרות. דאס זאגט ער צו זייא גשו נא וגו׳ אזוי וויא רש״י שרייבט פון מדרש וועגין ער האט זייא גיזאגט גינעהנט צו מיר וועט איהר זעהן אז איך בין גימלה אונ דאס האלט אויף פון מזנה צו זיין. אונ אויך גינעהנט איהר אליין צו מיר אונ נישט בנימין. ווארום איך וויל נישט ער זאל דאס וויסען אז איהר האט מיך פאר קויפט. איך וויל נישט רעדין קיין לשון הרע. ויאמר אני יוסף אחיכם איך בין יוסף אייער ברודער אשר מכרתם אותי מצרימה ווען אויך איהר האט מיך פאר קויפט קיין מצרים אין אמקום טומאה. אונ אויך האט מיר פרעה א נאמען גינעבען צפנת פענח פון דעסט וועגין רוף איך זיך מיט דעם פריערדיגען נאמען יוסף. אונ ווייטער אין פסוק (יב) זאגט ער כי פי המדבר אליכם שרייבט רש״י ער זאגט צוא זייא מיין מויל רעדט צוא אייך מיט לשון הקדש. אונ איבער דעם בין איך אוים געלייזט גיווארען פון מיינע צרות. איבער דעם זאג איך אייך אויך:

ועתה

(טז) ועתה אל תעצבו אונ אצונד זאלט איהר נישט טרויערין אויף דעם גלות ווען איהר וועט זיין נזהר אין דיא פיר זאכען וועט איהר ווערין אויס געלייזט: (יז) ויאמר פרעה דר אור פני משה טייטשט על פי רמז אזו דער מדת הדין וואס ווערט גירופין פרעה וויל ער צאהלט שטראף. זאגט ער אל יוסף צו די נשמה פון צדיק אמר אל אחיך דו בדארפסט צו זאגין צו דייגע ברודער כלומר ווען אויך דו אליין ביזט טאקע אצדיק איז דס פר דיר נאך וויינג דו בדארפסט דייגע ברודר מוכיח זיין אונ זייא אויך מאכין צדיקים. אונ זאג צו זייא זאת עשו טוהט דיא מצות פון די תורה [אזוי וויא עס שטייט אין פסוק זאת התורה] אונ אפשר וועט איהר זאגין דער יצר הרע לאזט נישט. זאג איך אייך טענו את בעירכם טראגט אן אייער חומר מיט פול תורה זייט ניט מפסיק קיין איין רגע פון צו לערנען וועט שוין דר יצר הרע אויף אייך קיין שליטה ניט האבן ולכו אונ ווען איהר גייט בעולם הזה באו זאלט איהר זיך דר מאנען אז איהר בדארפט צו קומן בעולם הבא. איבר דעם ארצה כנען בדארף דר גוף ווען ער איז אויף די ערד זיך צוא האלטין בהכנעה ער זאל זיין אעניו. דאמאלס וועט איהר זיין אזוי פיל זוכה אז: (יח) וקחו את אביכם איהר וועט מיט נעמען אייער פאטער אזו וויא די גמרא זאגט ברא מוכה אבא דר זוהן ווען ער לערינט תורה אונ טוהט מצות איז ער מזכה זיין פאטער ואת בתיכם אונ אייער הויז גיזונד וועלין אויך דורך אייך זוכה זיין ובאו אלי אונ ווען איהר וועט קומן צו מיר בעולם העליון ואתנה לכם את טוב ארץ מצרים וועל איך אייך געבין דעם שכר פר דעם וואס איהר האט זיך נישט אן געטוען תענוגים בעולם הזה. דעם תענוג וואס איהר האט גיקענט האבין בעולם הזה וואס ווערט גירופין ארץ מצרים אונ האט דס נישט גיוואלט האבין וועל איך אייך דס אוועק געבין בעולם הבא ואכלו את חלב הארץ אונ איהר וועט דא בעולם העליון עסין דעם גוטען זכות וואס איהר האט זיך פר דינט בעולם הזה. אונ אפשר וועסט דוא זאגין אז איך זאג דיר אנייעס. זאג איך דיר: (יט) ואתה צויתה ווען דיין נשמה איז נאך גיוועזן בעולם העליון איידר דו ביזט גיבארן גיווארין ביזט דוא בפוילין גיווארין זאת עשו אז דו זאלסט לערנען די תורה אונ טוען מצות אונ אפשר וועסט דו ווייטר זאגין וויא אזו קען דס זיין אז איך זאל אוועק לייגין אלע מיינע עסקים. אונ נאר עוסק זיין אין תורה ומצות זאגט ער קחו לכם מארץ מצרים עגלות ווען איהר לעבט בעולם הזה זאלט איהר נעמען פר אייך ווייניגער כלומר איהר זאלט עוסק זיין וועגין פרנסה אזו וויא די גמרא זאגט כל תורה שאין עמה מלאכה תורה אן אמלאכה סופה בטילה ווערט זיא בטל ווארום ער האט דאך נישט פון וואס זיך מפרנס צו זיין. נאר מען בדארף יוא עוסק זיין וועגין פרנסה נאר נישט צו פול. נישט תמיד פר ברענגען די צייט פון וועגין מותרות נאר לטפכם ולנשיכם דאס וואס מען בדארף האבין פון וועגין צו מפרנס זיין די ווייב אונ קינדר וואס עס איז ההכרח. אבער נישט קיין מותרות ונשאתם איהר זאלט זיך אבער אן טראגין מיט פול משא את אביכם פון אייער פאטער אין הימיל כלומר מיט תורה ומצות ובאתם דאמאלס וועט איהר קומן בשלום בעולם העליון: (כ) ועינכם אל תחוס על כליכם אונ אייערע אויגין זאלין נישט חס האבין אויף אייער גוף אונ זאגין כי טוב כל ארץ מצרים אז דס גוטס פון עולם הזה מיט איהרע תענוגים לכם הוא איז נאר בשאפין גיווארין פון אייערט וועגין זאלט איהר דס נישט זאגין וועט אייך גוט זיין בעולם העליון איהר וועט דארט האבין תענוגים כפלי כפלים: (כד) וישלח את אחיו וילכו אונ יוסף האט בגלייט זיינע ברודר אונ ווען גינאנגען ויאמר אליהם אל תרגזו די גמרא זאגט אז וועגין דס זיידין העמדיל וואס יעקב האט גימאכט צו יוסף אונ נישט צו די ברודר אונ

זיא

זייא האבין אויף דעם גיצערינט אונ האבין איהם מקנא גיוועזן. איז פון דעם ארויס גיקומן דר גלות פון מצרים. זאגט זיי אצונד יוסף אז איהר זאלט מער נישט צערגען בדרך פון וועגין עולם הזה זאכין ווס ווערט גירופין דרך. איהר זאלט איינעם דעם אנדערן נישט מקנא זיין אונ נישט צערגען איינר אויף דעם אנדערען:

מו (ד) אנכי ארד עמך מצרימה גאט זאגט צוא יעקב איך וועל נידערין מיט דיר קיין מצרים ואנכי אעלך אונ איך וועל דיך אויף ברענגען גם עלה וגו' אונ איך וועל אויך אויף גיין. דא זעהן מיר דם גוטקייט פון אונזער ליבען פאטר אין הימל ווען ער הט גיזאגט צו יעקב ער זאל גיין קיין מצרים זאגט ער אנכי ארד איך וועל פריער נידרן קיין מצרים אונ דו זאלסט נאך מיר נאך גיין. אונ ואנכי אעלך אונ ווען איך וועל דיר אויף ברענגען פון מצרים וועל איך דיר פריער אויף ברענגען אונ דר נאך וועל איך אויף גיין דיר צו היטין כלומר דיינע קינדר זייא זאלין נישט חלילה נאבר ווערין אין מצרים. דם איז אמשל צו איינעם ווס ער נעמט דעם אנדערן מענטש אריבר פירין איבר די טיפע וואסר. אונ ווען דר חבר זיינר הט אבר מורא צו גיין. גייט ער פריער אונ דר חבר גייט איהם נאך. אונ אבר דר נאך ווען זיי גייען ארויס גייט שוין פריער זיין חבר ווארום ער הט דאך מורא אליין צו בלייבין אין וואסר. אונ ער גייט שוין פון הינטין אזו כביכול הט זיך גאט גיפירט מיט יעקב אונ מיט די ישראל אונ אויך היינט אויך: (ז) בניו ובני בניו ווען יעקב איז גיגאנגען קיין מצרים הט ער מיט גינומען זיינע זוהן אונ זיינע אייניקליך די זכרים אתו מיט איהם באזאמען. אונ אבר בנותיו ובנות בניו וכל זרעו זיינע טעכטר אונ זיינע אייניקליך די נקבות הביא אתו מצרימה הט ער זיי מיט גיברענגט מיט זיך נאך מצרים. אבר נישט מיט זיך באזאמען. נאר זענען נאך גיפארין נאך איהם. דער פסוק ווייזט מיט דעם וויא וייט דר צדיק איז נזהר אין אלע זאכין: (כח) ואת יהודה על פי רמז איז אווי דר טייטש. אזו וויא מיר האבין פריער גישריבין אז די נשמה ווערט גירופין יהודה שלח לפניו אל יוסף שיקט גאט די נשמה זיא זאל גיין אין גוף אריין ווס ווערט גירופין יוסף ער זאל מעהרין איהר שכר דורך זיין מעהרין אין תורה ומצות להורות לפניו גשנה די נשמה זאל דעם גוף לערנען אונ וייזין וויא אזו ער זאל גינעהנען פר גאט דורך דיא תורה אונ מצות ובאו ארצה אונ קומן באזאמען דר גוף מיט די נשמה אויף דיא ערד בעולם הזה גושן אונ זיי ארבייטין אין עבדות השם זייא זאלין זיין צו גאט נאהנט:

(ל) ויאמר ישראל אל יוסף אונ יעקב זאגט צו יוסף אמותה הפעם אצונד ווען איך וועל שטארבין וועל איך שטארבין איין מאל אחרי ראותי את פניך וייל איך זעה דיין פנים דר קען איך דיך כי עודך חי אז דו ביזט לעבעדיג כלומר דו ביזט אצדיק. ווארום די רשעים ווען זיי לעבין הייסין זיי אויך גישטארבענע. אונ איך יעקב פריער איידער איך האב דיך גיזעהן האב איך גיהאט אלע טאג פול צער איך האב גימיינט דו ביזט פרלורן פון ביידע עולמות. אונ ווען איך האב גילעבט מיט צער איז אויך די שכינה בייא מיר נישט גיוועזן. איז דם גלייך וויא איך בין אלע מאל גישטארבין. אבר אצונד אז איך האב שמחה פון דיר איז בייא מיר די שכינה. איז מיין לעבין ארעכט לעבין:

מז (ח) ויאמר פרעה אל יעקב זאגט פרעה צו יעקב כמה ימי שני חייך וויא פול איז די טעג פון דיינע לעבעדיגע יארין. הט דם פרעה גימיינט אויף דם לעבין ווס ער הט גילעבט בעולם הזה מיט הצלחה מיט תענוגים: (ט) ויאמר יעקב אל פרעה זאגט יעקב צו פרעה דם ווס מען לעבט בעולם הזה אונ מען איז נישט עוסק אין עבדות הבורא הייסט דם נישט דם אמתה לעבין. דם זאגט ער ימי שני מגורי שלשים ומאת שנה

הונדערט

הונדערט אונ דרייסיג יאר וואס איך האב גילעבט הייסט דאס גאר איך האב גיוואונט בעולם הזה אזו וויא אגר מעט ורעים היו ימי שני חיי אין מיינע אמתה לעבין ווס דאס איז גאר ווען איך האב עוסק גיוועז אין עבדות הבורא איז דם גיוועז זייער ווייניג ולא השיגו את ימי שני חיי אבותי בימי מגוריהם אונ זיי האבין ניט גיגרייכט צו די אמתה לעבעדיגע יארין ווס מיינע עלטערין האבין גילעבט אין דר צייט פון זייער וואונונג בעולם הזה זיי האבין מעהר עוסק גיוועז אין עבדות וויא איך. ווארום די צדיקים זייא ווייסין דאך דם גרויסקייט פון גאט איז אלץ ווס זיי טוען אין עבדות השם איז בייא זייא גאר ווייניג זייא דענקין תמיד אז יויא מען בדארף צו טוען האבין זיי נאך גאר נישט גיטוען:

(יב) ויכלכל יוסף דער ספר דברי אמת טייטשט על פי רמז אזו אונ דר צדיק מיט זיינע מעשים טובים שפייזט את אביו זיין פאטער פון הימיל. גאט הט פון איהם תענוג אונ נחת ואת אחיו אונ אויך ציהט ער די השפעה פון הימל אויף אלע זיינע ברודר ואת כל בית אביו אונ זיין גאנצע פאטערס הויז גיזונד ווערין דורך זיין זכות גישפייזט לחם מיט שפייז לפי נאך זיין מויל נאך הטף וויא אזוי ער רעדט אזוי איז אזוי ווי די גמרא זאגט צדיק גוזר והקב״ה מקיים דער צדיק זאגט עס זאל אזו זיין אונ דער השם יתברך מאכט דאס אזוי:

# פרשת ויחי

(כח) ויחי יעקב וגו׳ די גמרא זאגט שוב יום אחד לפני מיתתך איין טאג פר דיין טויט טוה תשובה. אונ דר מענטש ווייסט דאך ניט ווען דר טאג איז בדארף ער אלע טאג טוען תשובה. אונ ווען דר מענטש הט ביי זיך תמיד דעם רעכנונג ווערט ער גיוויס נישט זינדיגין. דם איז דר פסוק מרמז ויחי וגו׳ ויהי ימי אונ אלע טעג פון יעקב איז גיוועז ביי איהם גירעכינט שני חייו גלייך ווי ער הט שוין אפ גילעבט זיינע יארין אונ ער בדארף צו שטארבין שבע וגו׳ אלע זיינע הונדערט מיט זיבין אונ פערציג יאר איז אלץ ביי איהם אזו גיוועז. איבער דעם: (כט) ויקרבו ימי ישראל למות וגו׳ אזו וויא אין זהר שטייט ווען יעקב איז גישטארבין האבין גינעהנט אלע זיינע טעג אין עולם האמת. אונ יעדער טאג הט מיט גיברענגט די תורה ומצות ווס יעקב הט אין איהם גיטוען. דארף יעדר מענטש אויך אזו טוען אזו וויא אונזער פאטער יעקב הט גיטוען. נאך קען מען טייטשין ויחי יעקב בארץ מצרים שבע עשרה שנה יעקב הט גילעבט אין מצרים זיבצין יאר מיט פול שמחה אונ נחת פון אלע קינדר זיי זענען אלע צדיקים. אזו ווי מיר האבין פריער גישריבין איז די יארין גיוועז ביי איהם לעבעדיגע יארין עס הט אויף איהם דאמאלם גירוהט דר רוח הקודש ויהי איז דאס גיוועזן ביי איהם חשוב ימי יעקב דיא איינציגע יארין שני חייו שבע שנים וגו׳ גלייך ווי ער הט אין דר צייט גילעבט הונדערט אונ זיבין מיט פערציג יאר: (כט) ויקרבו וגו׳ אונ ווען יעקב הט גיזעהן אז ער בדארף אוועק צו גיין פון די וועלט ויקרא לבנו ליוסף הט ער גירופין צו זיין זוהן יוסף ויאמר לו אם נא מצאתי חן בעיניך אויב איך האב חן אין דיינע אויגין שים נא ידך טוה דיין האנד תחת ירכי אונטר מיין דוך כלומר דו זאלסט זיך פירין אין די גוטע דרכים פון די תורה ווס איך האב זיך גיפירט ועשית עמדי חסד ואמת מיט דעם וועסט דו טוען מיט מיר אחסד של אמת אל נא תקברני במצרים וועסט דו מיר נישט לאזין זיין אין קבר מיט ענגשאפט מיט צער פון דיינע מעשים. אונ אזו בדארף יעדער מענטש זעהן טוען

דעם

דעם חסד של אמת מיט זיינע עלטערין ער זאל זיך פירין אין דרכים טובים פון וועגין
זיינע עלטערין זאלין קענען רוהען במנוחה אין קבר :

מח (א) ויהי אחרי הדברים האלה דר אור פני משה טייטשט די פסוקים על פי רמז אזוי
אונ עס איז נאך די רייד פון יצר הרע וואס ווערט גירופן אלה . ווארום ווער עס
הערט איהם אונ טוהט מעשים רעים איז גלייך וויא ער דינט דם עגל וואס עס שטייט ביי
איהם דם ווארט אלה . ויאמר ליוסף ווערט גיזאגט אין דעם הייליגין גידאנק פון דעם מענש
ער זאל צו זיך זאגין הנה אביך חולה לא בי דו טוהסט זיך שלעכין מיט דיינע מעשים
רעים נאר אפילו דעם טאטין אין קבר איז אויך דורך דיר שלעכט . אונ אויך צום פאטער
פון הימל איז דם אויך שלעכט ער הט פון דעם צער . אונ אזעלכע גידאנקען ברענגען
איהם צו תשובה ויקח את שני בניו נעמט ער זיינע צוויא גידאנקען דעם יצר טוב מיט
דעם יצר הרע עמו מיט איהם צו טוין אין עבודות הבורא את מנשה דעם יצר הרע וואס
וויל מאכין פר געסין גאט פון מענטש] ואת אפרים מיט דעם יצר טוב [וואס מאכט פרוכט
פון מצות אין מענטש : (ב) ויגד אונ ער ציהט אפ ליעקב פון זיך דאס וואס ער איז
גיוואונט צו נארין אונ צו טוען מעשים רעים . איבר דעם ויאמר ווען דר מענטש דער
בעל תשובה שטארבט זאגט אמלאך אין הימל צו גאט הנה בנך יוסף נון דיין נשמה וואס
זיא איז דיין זוהן זיא איז ריין בא אליך קומט צו דיר גאט ויתחזק ישראל דער מענטש
דר בעל תשובה בדארף זיך צו שטארקין וישב על המטה ווען ער זיצט ביא דעם אפ
נייגין . ווען עס קומט הלילה אגידאנק פון יצר הרע אפ צו נייגין פון גאט בדארף ער
זיך זייער שטארקין : (ג) ויאמר יעקב אל יוסף אונ דר גוף זאגט צו די נשמה אל שדי
נראה אלי דער אלמעכטיגער גאט איז גיווארין גיוויזין צוא מיר בלוז [לוז איז דר טייטש
אפריקין] ווען דוא נשמה ביזט געווארין אראפ גערוקט בארץ כנען אין מיר גוף
אריין ויברך אותי אונ הט מיר גיבענטשט כלומר ער הט מיר גיגעבין פול כחות
צוא דינען איהם אונ אזוי וויא דיא גמרא זאגט ווען דאס קינד איז נאך ביא
דיא מוטער אין בויך לערינט מען איהם דיא תורה אונ מען בשווערט איהם ער
זאל זיין אצדיק . דאס זאגט ווייטער דער פסוק וואס דער גוף זאגט צוא דיא נשמה :
(ד) ויאמר אלי אונ גאט האט דאמאלס צו מיר גיזאגט הנני איך גאט מפרך והרביתך
וועל דיר געבין כח צו מנצח זיין דעם יצר הרע פון וועגין דוא זאלסט מערין פיהל
פרוכט פון תורה ומצות . ונתתיך לקהל עמים אונ וועל דיר געבין אין גן עדן אטייער
ארט באזאמען מיט דיא צדיקים . ונתתי את הארץ הזאת אונ איך וועל דיר געבין דאס
ארץ החיים לעולם הבא . לזרעך דורך דיינע מצות ומעשים טובים אחריך אחזת עולם
וואס זיא בלייבען נאך דיר אערב אויף אייביג . עס ווערט נישט כלוי ונאבד . אזוי
האט מיר אלם גאט גיזאגט אונ איך האב דאס אלץ גאר פאר געסין אונ איך האב
זיך נישט אזוי געפירט . אונ איך באטרעכין זיך אז עס איז זייער נישט גוט . האב איך
זייער פיל חרטה : (ה) ועתה זאגט צו איהם דיא נשמה . אונ אצונד אז דוא ביזט זיך
מתעורר צו טוהן תשובה זאלסטו זיך נישט אפ לאזין וועס זעהן אז שני בניך דיינע
צוויי זוהן דער יצר הרע אונ דער יצר טוב הנולדים לך בארץ מצרים וגו׳ וואס זייא
זענין גיבוירען גיווארען פון דיינעט וועגין בעולם הזה לי הם וועלין זייא ביידע זיין צו
מיר . ווען דוא וועסט עוסק זיין גאר אין תורה אונ מעשים טובים וועט דער יצר הרע
אויך מסכים זיין דוא זאלסט זיין אעובד ה׳ באמת . אפרים דער יצר טוב זאל גיין ביי
דיר פריער אונ דער נאך ומנשה דער יצר הרע זאל גאר נאך גיין נאך דעם יצר טוב

דיר

דיר צו געבין תאוה צו עסין צו האבען כח צו עבודות ה׳ כראובן ושמעון אזוי וויא ראובן איז פריער וויא שמעון. אזוי זאל דער יצר טוב זיין פריער פון יצה״ר. דאמאלס יהיו וועלין זייא ביידע זיין לי צו מיר. אונ דיא מענטש זאלסט נישט זאגען. ווען דאס וואס איך וועל מנצח זיין דעם יצר הרע איז דאס פון דיא הילף פון גאט. וועט דאך מיר נישט קומען פאר דעם קיין שכר בעולם הבא. זאג איך דיר: (ו) ומולדתך דיינע מעשים טובים אשר הולדת אחריהם וואס דוא וועכט טוהן דורך זייא. דורך דיא ביידע יצרים. לך יהיו זייא וועלין ווערין גירופען אויף דיין נאמען. על שם דורך דעם חשובען נאמען וואס דוא וועסט האבען דאס איז אבעל תשובה אחיהם דיא צדיקים וואס זייא זענין דיא ברידער פון דיא מעשים טובים יקראו בנחלתם וועלין רופען דיינע מעשים טובים זייא זאלין זיין מיט דיר אין גן עדן מיט דיא צדיקים דיר צו געבין שכר (ז) ואני איז דער רמז אזוי. ואני בבאי מפדן ווען איך מענטש וואס איך קום פון פעלד פון עולם הזה האלט מיר בגאוה אונ איך זאג אז איך בין איך. אונ אנך בין נישט אעניו מתה עלי רחל שטארבט אפ פון מיר דיא נשמה וואס זיא ווערט גירופען רחל. אבער בארץ כנען ווען איך ברענג אביין אין מיין גוף הכנעה אונ עניוות. בדרך אונ אויך וועל איך לערנין תורה. אונ ווען דער יצר הרע רעדט מיר אן צו זינדיגען זאג איך צו איהם בעוד כברת ארץ אין אקליינע צייט ווען עס וועט נאר אוועק גיין דיא צייט פון דעם לעבין אויף דיא ערד לבא אפרתה וועל איך דארפען אוועק גיין פון דיא וועלט אונ קומען צו עולם הבא וואס דארט זענין דיא אפרתים חשובע מלאכים. ואקברה שם אונ מיט דעם גידאנק טוה איך באגראבען דיא מדת הגאוה בדרך אפרת אונ אויך דורך דיא תורה היא בית לחם וואס זיא איז דיא מקום פון השפעה צוא פרנסה. דורך איהר קומט מען צום וועג פון דיא חשובים דיא צדיקים אונ מלאכים בעולם העליון: (ח) וירא ישראל את בני יוסף אונ יעקב האט גיזעהן דיא קינדער פון יוסף. אונ דער מדרש זאגט אז דיא ישראל האבען אין מצרים נישט משנה גיוועז זייערע מלבושים. זייא זענין נישט גיוועז גלייך צו דיא מלבושים פון דיא מצרים. אונ יוסף ווייל ער איז דער מנהיג אין מצרים האט ער דאך אונ אויך זיינע קינדער געמוזט געהן אין דיא זעלביגע מלבושים וויא אין מצרים איבער דעם האט זייא יעקב נישט דער קענט ויאמר מי אלה זאגט ער צו יוספין ווער זענין זייא: (ט) ויאמר יוסף אל אביו זאגט יוסף צוא זיין פאטער בני הם זייא זענין מיינע קינדער אשר נתן לי אלהים בזה וואס גאט האט מיר גיגעבען דא אין מצרים. מוזען זייא גיין אין אזעלכע מלבושים ויאמר זאגט יעקב קחם נא אלי ואברכם אז זייא טוהן דאס נישט מיט זייער רצון נעם זייא צו מיר וועל איך זייא בענטשין: (י) ועיני ישראל דער ס׳ דגל מחנה אפרים טייטשט על פי רמז אזוי. דיא אויגען פון צדיק כבדו זענין שווער צו זעהן מוקן פון דעם וואס דיא מענטשין עלטערין זיך אין זייערע שלעכטע מעשים. לא יוכל לראות ער קען דאס נישט אנקוקען. איבער דעם ויגש אתם לערינט ער זייא זייא זאלין גינעהענען אליו צוא איהם צוא גאט. וישק להם אונ דער צדיק לערינט זייא דיא תורה ויחבק להם אונ מאכט זייא דאס זייא זאלין ליב האבען דיא תורה אונ זאלען איהר האלטען: (יא) ויאמר ישראל זאגט דער צדיק אל יוסף צו דיא מענטשין וואס זייא הערין איהם אונ מערין צו לערנין תורה אונ צו טוהן מצות ראה פניך לא פללתי איך האב נישט גירעכינט אמאהל אז איך זאל קענין דיר אנקוקען אין פנים והנה הראה אתי אלהים אונ אצונד האט מיר גאט געוויזען גם את זרעך דיין תורה אונ מצות.

(יב) ויוצא יוסף אונ דיא מענטשין וואס הערין דעם צדיק אונ מערין אין עבודות השם ציהט יעדער מענטש אוים אותם דורך זייא דורך די תורה ומצות מעם ברכיו די כחות פון יצר הרע פון זיך וישתחו לאפיו ארצה אונ ער האלט זיך זעהר בהכנעה אין שפלות ער איז נישט קיין בעל גאוה: (יג) ויקח יוסף וגו' דר נועם אלימלך זאגט אזו יעקב אבינו ער איז גיוועזן אגרויסר בעל רחמים האט ער גיוואלט ממשיך זיין צוא דיא ישראל אויף תמיד שפע וברכה דורך די צוויי צדיקים אפרים מיט מנשה. ווארום די וועלט בדארף צוא האבין צווייא ערלייא צדיקים. איינער זאל תמיד טוען אין עולמות עליונים משפיע זיין היוני אין אלע עולמות מיט זיין עבודות אין תורה ומצות אונ איין צדיק זאל טראכטין אויף עולם הזה אראפ צוא טוען שפע וברכה אויף דיא מענטשין. האט יעקב אבינו גיטראכט אז מנשה דער בכור וועט זיין אין דיא מדרגה ארויף צוא פירין השפעה אונ היוני צוא דיא עולמות עליונים ער זאל נאר תמיד עוסק זיין אין עבודות אונ זאל גאר נישט אין זינען האבין וועגין עולם הזה אונ אפרים דער יונגערער וואס ער איז נאך נישט אזו פול אריין גיטוען אין עבודות השם זאל ער קענען תמיד אין זינען האבין ממשיך צו זיין שפע וברכה אויף די ישראל איז ביא יעקב אבינו ווס ער איז גיוועזן זעהר אגיטרייער פאטר איז בייא איהם גיוועזן חשובר די הנהגה פון אפרים ער זאל ציהען השפעה אויף די ישראל. אונ יוספס כוונה איז גיוועזן פרקערט אז דיא הנהגה פון מנשה איז חשובר ווארום ער איז תמיד דבוק נאר אין עבודות ה' פון וועגין ממשיך צו זיין חיוני צוא דיא עולמות עליונים. דרום ויקח יוסף את שניהם הט יוסף גינומען זייא ביידע את אפרים בימינו אפרים האט ער גינומען בייא זיך אין דיא רעכטע האנד משמאל ישראל פון וועגין ער זאל זיין בייא דיא לינקע האנד פון יעקב ווארום זיין הנהגה איז דאך בייא יוסף נישט גיוועזן דער עיקר ואת מנשה בשמאלו אונ צו מנשה הט ער גינומן ביי זיך אין דיא לינקע האנד מימין ישראל פון וועגין ער זאל זיין בייא דיא רעכטע האנד פון יעקב. ווארום זיין הנהגה איז גיוועזן בייא יוספין דר עיקר. ויגש אליו אונ הט זיי גינענט צו יעקב: (יד) וישלח ישראל את ימינו וישת על ראש אפרים אונ אבער בייא יעקב איז גיוועזן חשובר דיא הנהגה פון אפרים צוא ממשיך זיין השפעה אויף דיא ישראל. איבער דעם האט ער גישטרעקט זיין רעכטע האנד אונ איהר גיטוען אויף דעם קאפ פון אפרים והוא הצעיר וואס ער איז גיוועזן יונגער אין עבודות האבין גיקענט זיינע גידאנקען אין זינען האבין פון וועגין עולם הזה ואת שמאלו על ראש מנשה אונ זיין לינקע האנד אויף דעם קאפ פון מנשה שכל את ידיו ער הט מיט זיינע הענד גיטוען מיט שכל כי מנשה הבכור ווארום מנשה איז דער עלצטער אין עבודות וועט ער נישט קענען האבין אין זינען פון וועגין פרנסה: (טו) ויברך את יוסף ויאמר אונ בענטשט צוא יוסף אונ זאגט האלהים אשר התהלכו אבותי לפניו אברהם ויצחק דער גאט וואס מיינע עלטערין אברהם אונ יצחק זענען גיגאנגען פאר איהם אונ האבען נאר עוסק גיוועזן אין זיין עבודות. אונ דורך זייער זכות האב איך זוכה גיוועזן הרועה אותי מעודי עד היום הזה אז גאט איז מיין שפייזער פון מיינע יונגע יארין אן ביז היינט: (טז) המלאך הגואל אותי מכל רע דער מלאך דער יצר טוב וואס לייזט מיר אוים פון אלע שלעכטע מדות יברך את הנערים זאל ער בענטשין דיא יונגען ויקרא בהם שמי אונ זייא זאלין נאר תמיד טוען גוטע מעשים עס זאל זיין פאר מיר אכבוד צוא ווערין דערמאנט מיין נאמען דורך זייא ושם אבותי אברהם ויצחק אונ אויך זאל עס זיין אכבוד פאר מיינע עלטערין עס זאל זייער נאמען אויך

ווערין

נעדין דערמאנט דורך זייא. אבער ווען חלילה דער זוהן טוהט שלעכטע מעשים איז דאס אגרויסע חרפה צוא זיינע עלטערין ווען עס ווערט דערמאנט זייער נאמען דורך איהם. אזוי וויא יעקב האט געבעטין אז בייא דיא מחלוקת פון קרח זאל נישט דער מאנט ווערין זיין נאמען. וידגו לרוב בקרב הארץ שרייבט רש"י כדגים הללו אזו וויא דיא פיש שפרים ורבים ווס זייא מערין זיך. אזו זאלין זיך דיא קינדער אויך מערין: אונ ווען אויך זייא דארפין האבין תאווה צוא מקיים זיין דיא מצוה פריה ורביה. פון דעסטוועגין ואין עין הרע שולטת בהם זאל בייא זייא נישט שולט זיין קיין שלעכט אויג כלומר זייערע אויגין זאלין נישט גלוסטין צוא זעהן שלעכץ אונ נישט קוקין אויף פרעמדע ווייבער: (יז) וירא יוסף וגו' האט געזעהן אז זיין פאטער טוהט זיין רעכטע האנד אויף דעם קאפ פון אפרים וואס זיין עבודות איז קלענער וירע בעיניו איז דאס יוסיפין געווארין שלעכט צו זעהן מיט זיינע אויגין ויתמך וגו' האט ער אונטער געלעהנט זיין האנד אונטער זיין פאטערס האנד אראפ צו נעמען איהר פון אפרים'ס קאפ ארויף צו טוען איהר אויף מנשה'ס קאפ: (יח) ויאמר יוסף וגו' אונ יוסף זאגט צו זיין פאטער נישט אזו טוה. ווארום מנשה איז דאך דער בכור דארפסט דוא אויף איהם טוען דיין רעכטע האנד: (יט) וימאן אביו האט זיין פאטער יעקב נישט געוואלט ויאמר אונ האט געזאגט ידעתי בני ידעתי איך ווייס מיין זוהן איך ווייס. כלומר דאס וואס דו מיינסט ווייס איך אויך גם הוא יהיה לעם וגם הוא יגדל מנשה קען זיין צוא אפאלק כלומר ער זאל טוען פול אין עבודות אונ זאל זיך גרויסין אין מצות וואס דורך דעם וועט ער הייסין גלייך וויא אגרויס פאלק ואולם אחיו הקטן אבער זיין ברודער אפרים ווס ער איז קלענער אין עבודות יגדל ממנו וועט זיך גרייסין מער פאר איהם וזרעו יהיה מלא הגוים מיט דעם וואס זיינע קינדער כלומר דורך זיינע מעשים וועט ער ציהען השפעה אונ חיות צו אלע ברואים. איז בייא מיר זיין הנהגה חשובער איבער דעם דארף איך איהם בענטשין מיט דיא רעכטע האנד: דער אור פני משה טייטשט דעם פסוק (יד) אזו וישלח ישראל דער מענטש ווען ער גייט אין גאטס וועג ווערט ער גירופין ישראל. שטרעקט ער אוים זיין רעכטע האנד וישת על ראש אפרים אונ טוהט זיא אויף דעם קאפ פון דעם יצר טוב וואס ווערט גירופין אפרים ווייל ער מאכט בייא דעם מענטש פרוכט פון מצות ומעשים טובים והוא הצעיר ווען אויך דר יצר טוב איז דר יונגסטער ער קומט דאך צום מענטש מיט דרייצין יאר שפעטער וויא דער יצר הרע. פון דעסטוועגין הערט נאר דער צדיק דעם יצר טוב ואת שמאלו על ראש מנשה אונ זיין לינקע האנד טוהט ער אויף דעם קאפ פון יצר הרע וואס ווערט גירופין מנשה ווייל ער וויל מאכין אז דער מענטש זאל גאר פאר געסין אין גאט. דער צדיק הערט אמאל דעם יצר הרע אויך. דהיינו מקיים צוא זיין דיא מצוה פריה ורביה אונ צוא עסין אונ צוא טרינקען. אבער צוא תאוות הערט ער נים דעם יצר הרע. זאגט דער פסוק שכל את ידיו ווען דער מענטש פיהרט זיך אזו איז דאס אראי' אז ער האט שכל כי מנשה הבכור ווען אויך דער יצר הרע איז דער ערשטער בייא דעם מענטש וואלט ער דאך דארפען איהם צוא הערין. נאר ער האט אבער דעם שכל האמת ווייסט ער אז דער יצר הרע האט איהם פיינט. אזוי וויא דער פסוק איז מרמז והיה בן הבכור לשנואה דר יצר הרע ווס ער איז דער בכור. איז ער אשונא דעם מענטש איבער דעם דארף דער מענטש שכל האבין אונ איהם נישט הערין: (כ) ויברכם וגו' אין פסוק שטייט והיו הדברים האלה אשר אנכי מצוך טייטשט דיא גמרא אזו אז די

ריין

דייד וואס איך גאט גיבית אייך זאל זיין גירעכינט בייא אייך היום וויא היינטיגין טאג האט איהר מקבל גיוועזן דיא תורה על לבבך דאמאלס וועט זיא זיין אויף דיין הארץ. ווארום צוא אנייע זאך גלויבט מען מעהר. אונ אויך זאגט דער פסוק וידעת היום דוא מענטש זאלסט בקלערין אז נאר דעם טאג האסט דוא צוא לעבין והשבות אל לבבך וועסט דוא גיוויס טוען תשובה. אויך דארף דער מענטש זאגין ברוך אדני יום יום געלויבט איז גאט פאר דעם טאג אונ ניט זארגין אויף מארגין. נאר צוא האבין בטחון אויף גאט ער וועט מארגין אויך העלפין. דאס איז דער טייטש פון דעם פסוק ויברכם אונ יעקב האט צוא אפרים מיט מנשה גיבענשט ביום ההוא דער טאג כלומר אין דעם היינטיגען ט"ג איז גיגעבין גיווארין דיא תורה. אין דעם טאג קען זיין איז שוין דער סוף פון זיין לעבין. געלויבט איז גאט איך האב פרנסה אויף דעם טאג. אונ ווען איהר וועט זיך אזו פירין בך יברך וגו' וועלין זיך דיא ישראל מיט אייך בענטשין אונ וועלין ווינטשין זייערע קינדער זאלין אויך אזוי זיין:

**מט** (א) ויקרא יעקב אל בניו אונ יעקב רופט צו זיינע קינדער שרייבט רש"י ער הט זייא גיוואלט מגלה זיין ווען משיח וועט קומען האט זיך דיא שכינה פון איהם אפ גיטוען האט ער זייא נישט גיקענט זאגין אויף וועלכע צייט דאס וועט זיין. נאר ויאמר ער הט זייא גיזאגט האספו אז איהר וועט זיין איין גיזאמילט עס וועט זיין ביי אייך אחדות ואגידה לכם זאג איך אייך את אשר יקרא אתכם עס וועט אייך געוויס טרעפין דיא זאך וואס איך טראכט אצונד אין מיינע גדאנקען. נאר איך זייא באחרית הימים עס וועט זיין אין סוף נאך פול יארין. דאמאלס וועט ווערין אחדות אונ עס וועט קומען משיח. השי"ת זאל דאס געבין במהרה בימינו אמן: (ה) שמעון וגו' דער ספר נועם אלימלך טייטשט דיא פסוקים על פי רמז אזו. עס איז דא צווייא ערלייא צדיקים אויף דיא וועלט איין צדיק וואס ער איז תמיד טאג אונ נאכט נאר דבוק אין עבודות צוא גאט אונ האט גאר נישט אין זינען דיא הצטרכות פון עולם הזה. ער ווערט גרופין לוי ווייל ער איז נאר בהעפט צוא גאט אונ איין צדיק איז תמיד מתפלל פון וועגין הצטרכות אין פרנסה וועגין דיא ישראל. אונ גאט הערט צוא זיינע תפלות ובקשות ווערט ער גירופין שמעון. זאגט דער פסוק שמעון ולוי אחים דיא צווייא ערלייא צדיקים זענען ברודער זייא זענען ביידע איינס. כלי חמס מכרותיהם דיא צדיקים ווען זייא ווילין פועל זיין מיט זייערע תפלות פון וועגין דיא ישראל שיידין זייא זיך אפ פון אלע תאוות אונ תענוגים פון עולם הזה. אונ זייא מאכין הפקר זייערע גופים זייא פאר קויפין זייער גאנצין הומר [אזו וויא דער ר"ן זאגט אטעם אויף דעם וואס עס שטייט אין פסוק פול מאל אז מען הט גיגעבין דיא נביאים אמתנה ווער עס איז גיקומען צוא זייא דם זיי זאלין בעטין פון זייערטוועגין. ווארום ווען דער נביא אדער דער צדיק נעמט העטין פון גאט אבקשה הט ער התפשטות הגשמיות ער ציהט זיך אויס פון דעם הומר ער לאזט איבער דעם חומר בעולם הזה אונ זיין רוח ונשמה איז נאר בעולם העליון. איבער דעם ברענגט מען איהם אמתנה אונ ער לייגט דיא מתנה צוא דיא אויגין פון חומר בלייבט דער חומר ביי דעם בעולם הזה אונ זיין רוחניות קען קלערין דאמאלס בעולם העליון) נמצא פאר קויפין זיי זייער חומר. אונ דיא גמרא זאגט כל העולם ניזונין בצדקה צו די גאנצע וועלט גיט גאט זייער שפייז דורך צדקה ער שענקט זייא והם ניזונין בזרוע אונ דיא צדיקים ווערין גישפייזט מיט גיוואלד דס איז אויך דער פסוק מרמז כלי חמס דיא צדיקים טוען רויבין אונ נעמען מיט גיוואלד

השפעה

השפעה אויף דיא וועלט מכרותיהם דורך דעם וואס זייא פאר קויפן זייער חומר אונ האבין התפשטות הגשמיות זענען זייא זוכה זיי זאלין פועל זיין אלעם גוטס: (ו) בסודם ווען זייא האלטין זיך אסוד כלומר ווען זייא האבען התפשטות הגשמיות אונ זיי זענען גאר אריין גיטונען אין סודות התורה אל תבא נפשי טוהט גאר ניט קומען דאמאלס צו זייא דר נפש ער איז גאר אפ געצויגען פון זייא ובקהלם אונ ווען זייא זאמלין זיך צוריק איין דיא רוחניות מיט דעם חומר אל תחד כבודי וויל ער גאר אז ער זאל נישט חלילה נכשל ווערין ווען ער טוהט אין עבודות ה' דאס ער זאל חלילה מיינען פון כבוד וועגין. כי באפם הרגו איש די גמרא זאגט דער יצר הרע צום אנהויב ווערט ער גירופין אורח. ער קומט צום מענטש דס ערשטע מאל איז ער נאך אזוי וויא אגאסט אונ דער נאך ווערט ער גאר שוין איין איש ער איז שוין אגאנצער מענטש ער איז שוין אבעל הבית ער האט שוין צו שאפין אויף דעם גוף פון דעם מענטש. אונ אויך זאגט דיא גמרא (ברכות) לעולם ירגיז אדם יצר טוב על יצר הרע דער מענטש בארף תמיד זעהן דער צערנען דעם יצר טוב אויף דעם יצר הרע ער זאל דעם יצר הרע מנצח זיין. דאס איז דיא כוונה פון פסוק כי באפם מיט זייער צארין וואס זייא צערנען דורך דעם יצר טוב אויף דעם יצר הרע הרגו א"ש הרגנן זייא דעם יצר הרע ווען אויך ער שטארקט זיך וברצונם עקרו שור אונ מיט זייער גוטען ווילין רייסין זייא אוים דעם יצר הרע ווס ער שטויסט אזוי וויא אשור המועד: (ז) ארור אפם כי עז וגו' נאר ווען זייער צערנען אויף דעם יצר הרע איז זייער שטארק זאל דער צארין זיין פאר פלוכט. ער זאל ווערין גישוואכט ער זאל נישט זיין צו פול. ווארום זיי וועלין גאר נישט האבין קיין תאוה צום עסין אונ צום טרינקין אונ צו מקיים זיין דיא מצות פרי' ורבי' אחלקם ביעקב וגו' איך וועל זעהר צערנען איין טיילין אויף אלע ישראל זייא זאלין אלע נעמען אחלק אין דעם צערנען וועלין זייא קענען האבין תאוה צוא אכילה ושתיה. אונ דיא איבריגע ישראל וועלין ווייניגר מאכין זייערע תאוות פון שלעכץ וועט דאס דאמאלס זיין זעהר גוט. עס וועט זיך מערין די השפעה אויף דיא וועלט מיט אלעם גוטס. דער השי"ת זאל אונז טאקע צוא דעם מזכה זיין אמן:

(ח) גור אריה יהודה דו יהודה ביזט גליך וויא איין לייב. דו ביזט אויף די ברודער אקעניג מטרף פון פערציקונג דורך דיא שלאנגען מיט ענדיסין וואס זענען אין דיא גרוב וואס מען הט יוספין אריין גיווארפין. בני עלית האסט דו יהודה מיין זוהן יוספין אויף גיבראנגט. קומט דאך דיר פול שכר נאר פון דעסטוועגין וייל כרע רבץ כאריה וכלביא אז דו וואלסט דיר גיוועז גילייגט וואלסטו ליגין שטארק אונ פעסט אזוי וויא אלייב מי יקימנו ווער וואלט דיר גיקענט אויף שטעלין. ווען דוא וואלסט גיוועזן גיזאגט דאמאלס צו די ברודער אז מען זאל יוספין צוריק שיקין צו מיר וואלטן זייא גיוויס דיר גיהערט. נמצא ביזט דוא יהודה אין גאנצין שולדיג אין די מכירה פון יוסיפין. איבר דעם (י) לא יסור שבט מיהודה עס וועט נישט ווערין אפ גיטוען פון יהודה ארויס פון שטראף זיי וועלין זיין אין גלות אונ האבין יסורים פון די פיינט. אונ ווען אויך ומחוקק מבין רגליו פון זיינע קינדער וועט זיין ניזעץ געבערם זייא וועלין לערנען תורה אונ פסקינען דינים. פון דעסטוועגין וועלין זיי ליידין יסורים אין גלות וועגין מכירת יוסף עד כי יבא שילה ביז משיח וועט קומען ולו יקהת עמים אונ עס וועט זיך צוא אהם אויף זאמלין אלע פון גלות. אונ (יא) אוסרי לגפן צוא דיא ישראל וואס ווערין גערופין גפן עס גאט צו זיי צו בינדין עירה זיין שטאט ירושלים ולשורקה צוא דיא ישראל וואס

ווערין

ווערין גערופין שורקה [אין ירמי׳ ב׳ ואנכי נטעתיך שורק] וועט גאט צו זיי צו בינדען
בני אתונו זיינע אייזלען דאס מיינט מען דיא פיינד וועלכע לייקינגען אין גאט אונ
האבין גאר קיין אמונה ניט אין גאט נאר זייא זענען געצען בילדער אונ זענען
גלייך וויא דיא בהמות אונ כבס ביין לבשו וגו׳ זייא וועלין וואשין צוא דיא ישראל
זייערע מלבושים זייא וועלין צוא זייא באדינען . השי״ת זאל דאס געבין במהרה בימינו
אמן : (יב) חכלילי עינים מיין ולבן שנים מחלב דיא תורה ווערט גירופין יין [וויין
באטרעפט זיבציג אונ דיא תורה ווערט גילערינט על פי סוד אונ סוד באטרעפט אויך
זיבציג] אונ אויך אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ויין ישמח לבב אנוש אונ וויין דער
פרייט דעם מענטשינס הארץ . אונ דיא תורה איז אויך אזוי זיא דער פרייעט דאס
הארץ פון איהרע לערנערס] אונ אויך ווערט דיא תורה גירופין חלב [אזוי וויא מילך
שפייזט דאס קינד אזוי דיא תורה שפייזט איהרע לערנערס] אזו וויא עס שטייט אין
פסוק דבש והלב תחת לשונך מיינט מען דאס איף דיא פשטים פון דיא תורה אונ אויף
דיא סודות התורה . דאס איז דיא כוונה פון דעם פסוק . דיא אויגין וועלין זיין גיפארבט
פון דיא סודות התורה . כלומר דורך דעם וועלין זיין דיא אויגין ריינע זייא
וועלין נישט קוקין קיין שלעכין . אונ דיא צעהן וועלין זיין וויים דורך דיא פשטות
התורה . כלומר זייא וועלין זיין ריין זייא וועלין נישט עסין דברים אסורים אונ טרפות :
(יג) זבולן וגו׳ דער פסוק זאגט אז עס איז בעסער צום מענטש ער זאל זיך בשעפטיגן
נאר מיט עסק התורה אונ נישט מיט אנדערע עסקים . והראיה זבולן וואס ער האט
זיך גינומען צוא אנדערע עסקים איז ער קיין מאל נישט בריעט . נאר לחוף ימים ישכון
ביא דעם בארטין פון דיא ימים וועט ער וואונען והוא לחוף אניות אונ דארף אלע
מאל זיין ביים בארטין פון דיא שיפען . וירכתו על צידון אונ דארף אויך אלע מאל
לויפין אין שטאט צידון צו דיא סוחרים וואס קויפין ביא איהם דיא סחורה . איז דאך
זיינע גידאנקען קיין מאל נישט בריהט דאס הייסט פיזור הנפש זיינע גידאנקען זענען
אין איהם פאר שפרייט אין פיל זאכין . אין פיל מקומות אבער (יד) יששכר חמור גרם
אזו וויא אששאהעקער אייזיל רובץ בין המשפתים ליגט ער צווישין דיא גרענעצין פון
עולם הזה מיט עולם הבא . אונ האנדילט אן אסאך סחורה פון תורה מיט מצות :
(טו) וירא מנוחה ער זעהט זיך תמיד מיט מנוחה . זיינע גידאנקען זענען איהם בריהט
כי טוב ווארום ער לערינט תורה וואס זיא ווערט גירופין לקח טוב ואת הארץ כי נעמה
אונ דאס איז אויך צו דעם גוף וואס ווערט גירופין ארץ אויך זעהר זיס . ווארום דיא
גמרא זאגט כל המקבל עליו עול תורה דער וואס נעמט אויף זיך דעם יאך פון דיא
תורה מעבירין ממנו עול דרך ארץ געמט גאט פון איהם אראפ דעם יאך פון פרנסה .
עס קומט איהם אן זיין פרנסה זעהר גרינג . אבער ווען דער מענטש ווארפט אראפ פון
זיך דעם יאך פון דיא תורה נאר ויט שכמו לסבול ער וויל זיין אונבעריהט צוא טוען
פול עסקים . דאמאלס ויהי למס עובד ארבעט ער זעהר שווער אונ מען נעמט נאך
פון איהם דיא געלד אויך צו : נאך קען מען טייטשען (יד) יששכר ווען דער מענטש
וויל האבין עולם הבא וואס ווערט גירופין יששכר דארט איז דא שכר . דער עיקר
שכר פאר דיא תורה ומצות ומעשים טובים איז נאר דארט בעולם הבא זאל ער זעהן
חמור גרם צו ברעכין דיא תאוות פון חומר . אונ זאל זיין רובץ בין המשפתים ער זאל
תמיד זיין מיט דיא תלמידי חכמים וואס ווערין גירופען המשפתים זייא טוען אפ דם
גארישקייט פון מענטש . אבער אז ער וועט ניט גיין מיט דיא תלמידי חכמים אונ וועט

ניט ברעכין דיא תאוות פון חומר. נאר ער וועט זאגין איך קען זיך אן טוען אלע תענוגים אונ נאך געבין אלע תאוות. אונ קען לערנען אויך זאגט דער פסוק עס קען זיין אפילו (טו וירא מנוחה כי טוב ער וועט זעהן מיט זיין שכל אז עולם הבא איז גוט חעם אבער דער יצה״ר איהם זאגין ואת הארץ כי נעמה דיא עולם הזה איז אויך אבער אזיסע וועלט. קען דאך זיין אז דער יצר הרע מיט זיינע רייד וועט מאכין אז ויט שכמו לסבול דער מענטש וועט נייגין זיין אקסיל צו נעמען אויף זיך דעם לאסט פון תאוות עולם הזה וואס וועט זיין דער סוף ויהי למס עובד ער וועט ווערין אקנעכט צו דעם יצר הרע צום שטן ער וועט ווערין אין גאנצין נמסר צום יצה״ר גאט זאל אונז פון דעם מציל זיין. איבער דעם בדארף זיך דער מענטש ברעכין דיא תאוות המותרות אונ זיך מדבק זיין נאר צו דיא תלמידי חכמים וועט ער זוכה זיין מיט זייא באזאמען צוא זיין אין גן עדן: (טז) דן וגו׳ אין פסוק שטייט חבור עצבים אפרים הנח לו איז דר טייטש ווען אויך שבט אפרים דינען צוא דיא בילדער פון דעסטוועגין ווייל זייא זענען באזאמען עס איז ביי זייא אחדות פירט גאט איהם. אויך איז ידוע אז דאס פסל מיכה איז גיווען ביי דעם שבט דן. דאס זאגט דא דער פסוק דן ווען אויך דיא ישראל וועלין חלילה זיין וויא שבט דן וואס דינען צוא דיא עבודה זרה. פון דעסט וועגין ידין עמו ווערין זייא גירופין גאטס פאלק אונ ער משפט פון זייערט וועגין צוא זייערע פיינד. אונ ווען איז דאס כאחד שבטי ישראל ווען זיי זענען אלע באזאמען אינ ביהאלטען זיך מיט אחדות. אונ אנטקעגין דעם יצר הרע וואס רעדט אייך אן צו שנאה ומחלוקת. זאג איך אייך: (יז) יהי דן ער זאל ווערין גמשפט נחש דער יצר הרע עלי דרך ביי דעם וועג פון דיא תורה. איהר זאלט לערנען תורה וועט איהר איהם מנצח זיין. אונ דיא גמרא זאגט אז דער יצר הרע איז ביי דעם מענטש צום אנהייב גליך וויא איין אורח. אונ ווען דער מענטש הערט איהם ווערט ער אלע מאל מער תושב ביי דעם מענטש ביז ער האט נאך צוא שאפין אויף דעם מענטש. זאגט דער פסוק מען בדארף דעם יצר הרע מנצח זיין תיכף ווען שפיפון ווען ער הייבט אן שוויסצען אין דיר אן רעדין עלי אורח דאס ערשטע מאל ווען ער איז נאך ביי דיר גליך וויא איין אורח זאלסטו איהם תיכף ניט צוא הערין. דוא זאלסט דיר ברעכנען אז הנושך עקבי סוס ער בייסט אפ דיא טריט פון דיא פערד דאס מיינט מען דיא מענטשין וואס האבין ניט קיין שכל זייא זענען גליך וויא דיא פערד אונ גייען נאך דעם יצר הרע איז דער סוף פון דיא מענטשין ויפול רוכבו דער יצר הרע וואס ער רייט אויף זיי אונ קיר וועט דעם מענטש וויא צהין ער וויל. מאכט ער דעם מענטש פאלין אחור אונטער זיך. ער טוהט אפ דעם מענטש אין גאנצין פון גאט אונ ווען דער מענטש וועט דאס ברעכינען תיכף ביי דעם ערשטין מאל וויא דער יצר הרע קומט צו איהם וועט ער גיוויס איהם ניט הערין. אונ ווען אויך דוא מענטש האסט איהם שוין גיהערט האסט דוא נאך אברירה צוא טוען תשובה אונ בעטין צוא גאט וג זאגין: (יח) לישועתך קויתי ה׳ צו דיין הילף גאט האף איך וועט דיר גאט גיוויס העלפין פון דעם יצר הרע: אויך קען מען זאגין אזוי אין פסוק טז) די ווען דער מוכיח וויל שטראפין דעם עולם דארף ער זעהן פריער זיך אליין צו משפטן אונ דער נאך ידין עמו זאל ער משפטן דעם עולם. אונ וואס איז דער עיקר וואס זאל ער זייא מוכיח זיין כאחד שבטי ישראל ער זאל זייא נאר אויף קלערין אז זייא זאלין האבין אחדות גם זאל ניט זיין ביי זייא קיין קנאה ושנאה ומחלוקת. נאר יעדער מענטש זאל

דין שלום מיט דעם אנדערעך אונ טוען דעם אנדערען טובות אונ גמילות חסדים. פון
דעם זכות וועגין וועט קומען דער גואל צדק במהרה בימנו אמן: (כ) מאשר דער ס׳
באר משה טייטשט מיר גיפונען אין פסוק ווערין גירופען דיא קרבנות לחם ה׳ דאס
ברויט פון גאט. איז נישט דיא כוונה אז ער עסט דאס. חלילה דאס טאר מען נישט
זאגין. נאר אזוי וויא דיא פסוקים פירין תמיד אוים ריח ניחוח לה׳ שרייבט רש״י נחת
רוח לפניו שנעשה רצונו גאט האט פון דעם נחת וואס עס ווערט גיטוען זיין ווילין.
ווארום ער איז דאך הטוב אונ המטיב ער וויל נאר טוען גוטס אונ ווען דיא ישראל
טוען זייערע מצות ווען זייא מובטח צוא מקבל זיין זיינע טובות אונ ער האט פון דעם
נחת וואס עס ווערט גיטוען זיין רצון צו געבין גוטס איבער דעם ווערין דיא קרבנות
גירופין לחם ה׳ גאטס שפייז. אונ דיא גמרא זאגט אז תפלות נגד קרבנות תקנו היינט
אין גלות אז עס איז חרוב דער בית המקדש אונ מען קען נישט מקריב זיין קרבנות
איז דיא תפלות גאטס שפייז אויף דעם ארט פון דיא קרבנות. ער האט פון די תפלות
זיין נחת רוח. ממילא בדארף מען דאך זעהן אזו וויא ביי דיא קרבנות איז דער דין
אז אמחשבה קען פסלן אזו ביי דיא תפלה איז אויך אזו ווען עס איז חלילה דא
בשעת התפלה מחשבות זרות ווערט דיא תפלה פסול. דאס איז דיא כוונה אין פסוק
מאשר ווען דער מענטש גייט לויבין גאט אונ טוען תפלה בדארף דער מענטש זעהן אז
שמנה לחמו אז זיין תפלה וואס זיא איז לחם ה׳ גאטס שפייז אין פארגעניגין זאל
זיא זיין פעט בלומר מיט זיינע כוונות והוא יתן מעדני מלך דאמאלס וועט דאס היישן
ער גיט דיא שפייז צוא גאט: (כא) נפתלי וגו׳ דער ס׳ דמ״א טייטשט דער צדיק וואס
ער איז נאר דבוק צוא גאט ווערט ער גירופין נפתלי. אונ דיא כנסת ישראל אונ
אויך דיא שכינה ווערין גירופין אילה שלוחה אזוי וויא דיא אילה ווען זיא איז פרשיקט
פון איהר ארט איז איהר זעהר שלעכט אזו דיא ישראל מיט דיא שכינה ווען זייא זענין
אין גלות זייא זענען פאר שיקט פון ארץ ישראל איז זייא זעהר שלעכט. בדארף מען
נאר זעהן אויף דעם מתפלל זיין אז דיא שכינה מיט דיא ישראל זאלין צוריק קומען
צוא זייער ארט. דאס איז דער רמז פון פסוק נפתלי דער צדיק איז נאר זיין כוונה
וועגין אילה שלוחה וועגין גלות השכינה אונ גלות ישראל הנותן אמרי שפר ווען ער
גיט זיינע שיינע זאג אין דיא תפלה: (כו) ברכת וגו׳ דער ס׳ דברי אמת טייטשט. דס
איז ידוע אונ אויך האבין מיר דאס פריער גישריבין אז יעקב איז גיוועזן זעהר אגרויסער
בעל רחמים אונ זעהר אגיטרייער טאטע מער ווי פון זיינע עלטערין אברהם אונ יצחק
אונ דער מדרש זאגט אז אברהם אונ אויך יצחק האבין אוים געקליבען גלות פון וועגין
דיא ישראל. אונ ווען יעקב אבינו האט דאס גיזעהן מיט רוח הקודש דעם גלות פון
זיינע קינדער אונ אויך פון משיח בן יוסף וואס ער וועט דער נאך זיין. האט ער אזו
גיזאגט ברכת אביך דיא ברכות וואס איך דיין טאטע בענטש דיר אונ דיינע קינדער
(דאס מיינט מען דעם כלל ישראל אזוי וויא אין דיא פסוקים שטייט אלע מאל דער
טאטע דער כלל ישראל אויף דעם פון יוסף אונ מיט דעם נאמען פון זיינע קינדער)
גברו על ברכת הורי זענען שטארקער מער פון דיא ברכות וואס מיינע עלטערין האבין
איך גיבענשט עד תאות מיט דעם גלוסטיגקייט גבעת עולם פון דיא אמהות שרה אונ
רבקה וואס זייא זענען גיוואהרין זעהר גיטרייע מוטערס. שרה האט גיזאגט כי לא יירש
בן האמה הזאת עם בני עם יצחק אז ישמעאל זאל ניט ירשנן באזאמען מיט יצחק אונ
מיין מוטער רבקה האט אלץ גיוואלט אז איך זאל צוא נעמען דיא ברכות תהיינה לראש

יוסף

יוסף וגו׳ זאל דאס אלץ זיין ביז דעם קאפ פון משיח בן יוסף כלומר דיא גאנצע צייט פון גלות זאל רוען מיינע ברכות מיט דיא ברכות פון דיא אמהות אויף דעם כלל ישראל זייא זאלין האבין כח אויסהאלטין דעם גלות ביז עס וועט זיין די גאולה במהרה בימינו אמן: (כח) כל אלה שבטי ישראל שנים עשר דיא אלע שבטים פון יעקב זענען גיוועזן צוועלף אנטקעגין אזיין מספר וואס עס איז ידוע אין ספרים על פי רמז אין עולמות עליונים. זענען זייא אלע גיוועזן זעהר גרויסע צדיקים. פרעגט דער פסוק די קשי׳ וזאת וואס איז דאס דיא מעשה אשר דבר [דיבור איז לשון קשה שווערע רייד שטראף רייד] להם אביהם צו עטליכע פון זיי האט ער גישטראפט אונ גירעד דברים קשים ויברך אותם אונ צו דיא איבריגע האט ער גיבענשט? ענטפערט דער פסיק נישט איינער איז גיוועזן גרעסער פאר דעם אנדערען. איבער דעם האט יעקב אזוי גיטוען. נאר איש דאס מיינט מען השי״ת [אזוי וויא אין פסוק שטייט ה׳ איש] אשר כברכתו וויא אזו ער האט גיוואלט דיא ברכות זאלין זיין אונ אויף וועמען זייא זאלין זיין ברך אותם אזו האט זיי יעקב גיבענשט. אונ אזו וויא דיא גמרא זאגט בייא משה רבינו אז שכינה מדברת מתוך גרונו זיין האלז ווען ער האט גירעד האט ער נישט גירעד נאר דיא שכינה האט דורך איהם גירעד. אזו בייא יעקב אבינו איז אויך אזו גיוועזן: (יז) כה תאמרו ליוסף אזו זאלט איהר זאגין צו יוסף אנא שא נא וגו׳ ועתה שא נא וגו׳ איז דאך קשה די טאפילע ווערטער. קען מען אזו זאגין דאס איז ידוע אז דיא גאנצע שנאה פון דיא ברודער צוא יוסף איז גיוועזן וייל זייא האבען גיטראכט אזו וויא פון אברהם אונ פון יצחק איז אוים געקליבין גיווארין אחלק צו גאט וואס גאט האט דאס גענומען פאר זיך אינ דיא איבריגע זענען גיווארין דער ווייטערט פון זייא אונ אויך פון גאט. אזו ווען זייא האבין גיזעהן אז יעקב האט נאר ליב צו יוסף מער וויא זייא האבען זייא גימיינט אז יוסף וועט ווערין אוים דערוויילט צום חלק ה׳ אונ זייא וועלין נדחה ווערין חס ושלום. דאס איז גיוועזן זייער כוונה פון זייער שנאה. אונ אבער אצונד ווען זייא האבין גיזעהן אז יעקב אבינו האט זייא פאר דעם טויט אפ גיטיילט ברכות יעדירין נאך זיין מדרגה. האבין זייא גיזעהן אז זייא זענען אלע אוים געקליבין צוא גאט. נמצא איז גיוועזן זייער שנאה בחנם מיט דעם איז צו פאר שטיין דער פסוק זייא זאגין צוא איהם אנא שא נא לפשע אחיך וחטאתם איך בעט דיר פאר גיב דיא זינד פון דיינע ברודער כי רעה גמלוך ווען אויך זייא זעהן שוין אליין אצונד אז זייא האבין מיט דיר גיוואלט טוען ארעה בחנם ועתה נאר פון דעסט וועגין אצונד שא נא לפשע פאר גיב זייא דיא זינד וואורום עבדי אלהי אביך זיי האבין אויך גיוואלט זיין דיא קנעכט פון גאט אונ זאלין נישט נדחה ווערין. האבין זייא דם נישט גימיינט מחמת שנאה וקנאה ויבך יוסף בדברם אליו האט יוסף גיוויינט נאך דעם וויא זייא האבין דיא רייד גירעד צוא איהם. וואורום ער האט זייא ביז אצונד חושד גיוועזן בחנם צו שלעכטס. האט ער אויף דעם גיהאט חרטה: